STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02256

FRIHLING SHTROMEN

Ivan Sergeevich Turgenev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פריהלינג שטראמען.

— פון —

א. טורגעניעוו.

איבערזעצט

— פון —

לעאן קאברין.

פרייז 25 סענט.

היברו פאבלישינג קאמפאני.
83־85־87 קאנאל סטריט נויארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909

פריהלינג-שטראמען.

א, פרעהליכע יאָהרען,
א, פרעהליכע טעג —
ווי פריהלינגס-שטראָמען
זיינט איהר אַוועק!
(פון אַן אַלטען רוסישען ליעד.)

...ארום צוויי נאָך האלבע נאכט האָט ער זיך צוריקגע-קעהרט אין זיין צימער. ער האָט אוועקגעשיקט דעם דיענער, וועלבער האָט פריהער אָנגעצונדען די ליכט, דאַן האָט ער זיך א וואָרף געטהאָן אויף א קרעסלאָ נעבען קאמין און פערדעקט דעם פנים מיט ביידע הענד.

נאָך קיינמאָל האָט ער זיך ניט געפיהלט אזוי מיעד און צובראָכען — אי גייסטיג אי פהיזיש.

דעם גאנצען אבענד האָט ער פערבראכט אין דער געזעל-שאפט פון אנגענעהמע פרויען און געבילדעטע מענער. איינינע פון די פרויען זיינען געווען שעהן, די מענער כמעט אלע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער קלוגשאפט און טאַלענטען, ער אַליין האָט זיך אויך אויסגעצייכענט דעם אבענד מיט זיין אנ-גענעהמען און גלענצענדען ארט אונטערהאַלטען זיך... און דאָך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט אזא שווערע מיעדקייט אין זיין נשמה און זיין קערפער, ווי אין דיעזען אבענד... די אי-בערדריסיגקייט פון'ם לעבען האָט איהם ארומגעכאפט מיט א גוואַלדיגע מאַכט, האָט איהם ארומגעכאפט און געשטיקט...

וואָלט ער איינגער געווען, וואָלט ער זיך צו-וויינט פאר בענקעניש, פאר לאנגווייליגקייט, פאר ביטערקייט... א נאָגענ-דיגע ברענענדיגע יאדעניש האָט געמוטשעט זיין נשמה... עס-יוֹאַם שווערעס און עלענדעס איז איהם בעפאַלען פון אלע זיי-

טען מיט א בייזער עקשנות, ווי א פינסטערע יעסין־נאכט, און ער האט ניט געקענט אנטלויפען פון דער דאזיגער פינסטערניש, האט זיך ניט געקענט בעפרייען פון זיין אומעט, פון זיין בענקעניש, פון זיין לאנגווייליגקייט און פערביטערטקייט....

פון שלאפען האט ער אפילו ניט געטראכט; ער האט געפיהלט, אז די נאכט וועט ער שוין ניט קענען שלאפען...

זיין נאמען איז געווען דמיטרי פאוולאוויטש סאנין און ער איז אלט געווען צוויי און פונפציג יאהר.

ער איז געזעסען דעם פנים איינגעגראבען איןביידע הענד און האט געטראכט לאנגזאם, מיעד און צורייצט....

און געטראכט האט ער איצט וועגען דעם הבל הבלים פון׳ם לעבען, וועגען די אומניטציגקייט און די פאלשקייט פון אלעס און אלעמען אין דער וועלט... אלע בילדער פון אלע צייטען אין זיין לעבען האבען זיך איצט דורכגעטראגען פאר זיינע אויגען איינס נאכ׳ן אנדערען און קיין איינס פון זיי האט קיין גנאד ביי איהם איצט ניט געפונען... אומעדום דאס זעלביגע פלאפלען מיט דער צונג, דאס זעלביגע איבערגיסען פון לעדיגע אין פוסטע, דאס זעלביגע וואסער־שטויסען, דער זעלביגער האלב בעוואוסטער, האלב אונבעוואוסטער זעלבסטבעטרוג, — אלץ איינס מיט וואס דאס קינד זאל זיך ניט שפיעלען, אבי עס איז צופריעדען און וויינט ניט, — ביז די עלטער בעפאלט אונז פלוצים און מיט איהר צוזאמען די מורא פאר׳ן טוידט... און נאכדעם.... בוכץ אין דעם שווארצען אפגרונד אריין !...

גוט איז נאך ווען דאס לעבען שפיעלט זיך נאך אפ אזוי ! געוואוינליך אבער קרענקען מיר זיך אן גענוג, איידער מיר האבען זיך צושיידט מיט׳ן לעבען... ווי דער ראסט בעפאלט דעם אייזען, אזוי בעפאלען אונז געוועהנליך די ליידען און וועהטאגען פאר אונזער ענד....

ניט ווי א שטורמדיגער ים האט זיך איהם דער ים פון׳ם לעבען פארגעשטעלט און אויך ניט ווי די פאעטען שילדערען איהם, — ניין ! ער האט זיך פארגעשטעלט דיעזען ים א גלא־

טען, א רוהיגען, אן אונבעוועגליכען און קלאָרען, דורכזיכטיגען ביז'ן סאמע דונקעלען דעק... ער אליין זיצט זיך אין א קליין שיפעל און וויעגט זיך איבער'ן גלאטען וואסער און פון דאָרט, פון דעם דונקעלען אָפּגרונד, פון דעם דונקעלען דעק, קוקען ארויס, עהנליך צו מורא'דיג־גרויסע פיש, שרעקליכע בעשעפע־נישען: אלע אונגליקען פון'ם לעבען, אלע קראנקהייטען, פער־ביטערטקייט, אָרימקייט, בלינדקייט, משוגעת...

ער קוקט ארונטער און זעהט: איינע פון די בעשעפעני־שען האָט ארויסגעשוואומען פון דער פינסטערניש, הויבט זיך אויף העכער, העכער איבער'ן וואסער, טרעט ארויס אלץ דייט־ליכער, אלץ קלאָרער אין איהר שרעקליכער העסליכקייט... נאָך א ווייל און זי קעהט איבער זיין שיפעל מיט איהם צוזאמען!... אָבער אָט טרעט זי אָפּ צוריק, לאָזט זיך ארונטער אויף'ן דעק א:ן ליינט זיך דאָרט אוועק, ליעגט זיך און בעוועגט קוים מיט איהרע שווים־פעדערען... אָבער דער ענטשיעדענער טאָג וועט קומען, מ ו ז קומען, און זי וועט איהם איבערקעהרען מיט זיין שיפעל!...

סאנין האָט א טרייסעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, איז אויפ־געשפּרונגען פון דער קרעסלאָ, איז זיך א פּאָאר מאָל דורכגעגאנגען איבער'ן צימער, האָט זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש, האָט ארויסגעשלעפּט פון דאָרט די שובלאָדען איינעם נאָכ'ן אנדערען און גענומען זיך ראָיען אין די פּאַפּיערען, אין די אלטע בריעף, וואָס די גרעסטע צאָהל פון זיי זיינען געשריעבען פון פרויען... ער האָט אליין ניט געוואוסט, צוליעב וואָס ער טהוט עס; ער האָט גאָר נישט געזוכט — ער האָט נור געוואָלט דורך וועלכע־ניט־איז גלייכגילטיגע בעשעפטיגונג פערטרייבען די שרעקליכע געדאנקען, וואָס האָבען איהם געמוטשעט...

ער האָט ארויסגענומען, ניט אויסקלייבענדיג, עטליכע בריעף. אין איינעם פון זיי איז געלעגען א פערטריקענטע בלום, וועלכע איז ארומגעבונדען געווען מיט אן אָבגעקראָכענער שטענגע — ער האָט א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און א

זוק געטהאָן אויף דעם ברענענדיגען קאמין, האָט ער די בריעף אַ וואָרף געטהאָן אָן אַ זייט, מסתמא קלייבענדיג זיך צו פערברענען אַט די דאָזיגע אונניציגע אלטווארג....

האסטיג האָבען זיך זיינע הענד געגראָבען דאָ אין איין שובלאָד, דאָ אין א צווייטען, פלוצים האָט ער ברייט אויסגעגלאָצט די אויגען און האָט זאַכט ארויסגעשלעפּט אַ קליין אכטעקיג קעסטעלע און האָט לאַנגזאם פון איהם ארונטערגענומען דאָס דעקעל. אין דעם קעסטעלע איז געלעגען א צלם׳ל...

איניגע מינוט איז ער געשטאַנען און האָט מיט פערוואונדערטע אויגען בעטראַכט דעם צלם׳ל, און פלוצים האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען א פערשטיקט געשריי... אויף זיין פנים האָט זיך אָפּגעטונקט אי פרייד, אי בעדויערען. אזא אויסדרוק דריקט ארויס אונזער פנים, בעת מיר בעגעגענען גאָר אונגעריכטערהייט אַ מענשען, וועלכען מיר האָבען שוין לאַנג פון די אויגען פערלאָרען און וועלכען מיר האָבען אמאָל שטאַרק ליעב געהאַט... דער מענש אי, דאכט זיך, דער זעלבער, ווי אין די יונגע יאָהרען, און דאָך זעהען זיך אָן אויף איהם די עלטערע יאָהרען...

סאַנין איז אויפגעשטאַנען און צוריקגעקעהרט זיך צום קאמין, האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף דער קרעסלאָ און ווידער צוגעדעקט דעם פנים מיטביידע הענד....

„פארוואָס היינט? פּארוואָס דוקא היינט?“ — האָט ער מיט פערצווייפלונג געטראַכט, און בילדער פון דער לאַנג פערשוואונדענער צייט האָבען אָפּגעלעבט אין זיין נשמה און זיך גענוּמען טראָגען פאר זיינע אויגען... זיין יוגענד האָט פאַר איהם איצט אָפּגעלעבט, די פריהלינגס-שטראָמען פון זיין לעבען... ער האָט זיך דערמאָנט אָן פיעלעס, פיעלעס פון זיין פערגאַנגענהייט, וואָס איז אוועק און ניטאָ שוין מעהר....

אָט אויף וואָס ער האָט זיך איצט דערמאָנט:

ערשטער קאַפּיטעל.

דאָס איז געוועזען מיט דרייסיג יאָהר צוריק אין אַ שעהנעם זומערדיגען טאָג. סאַנין איז דאַן אַלט געוועזען 22 יאָהר און ער האָט זיך געפונען אין פראַנקפורט אויף זיין צוריקרייזע פון איטאליען נאָך רוסלאַנד. און כאָטש ער איז געוועזען ניט קיין רייבער מאַן, דאָך האָט ער זיך געפיהלט אונאבהענגיג, פאַר קיין פאַמילע האָט ער ניט געדאַרפט זאָרגען. ניט לאַנג צוריק איז ביי איהם געשטאָרבען אַ וויטער קרוב, וועלכער האָט איהם איבערגעלאָזען אַ ירושה פון עטליכע טויזענד רובעל. דאַן האָט סאַנין בעשלאָסען צו מאַכען אַ רייזע אין אויסלאַנד. איידער ער טרעט אריין אין דיענסט, האָט זיך איהם געוואָלט אָנזעהן די וועלט. איצט פאָהרענדיג צוריק פון דער רייזע, איז ביי איהם אין קעשענע פון דאָס גאַנצע געלד פערבליעבען פונקט אַזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג געוועזען זיך צו דערשלעפען ביז פעטערבורג.

אין יענער צייט זיינען אייזענבאַהנען געוועזען זעהר ווייניג און דיא העררען טוריסטען פלעגען מוזען מאַכען זייערע רייזען אין דיליזשאַנסען. סאַנין האָט געמוזט וואַרטען אויף זיין דיליזשאַנס עטליכע שעה. האָט ער זיך מיישב געוועזען, ער וועט דערווייל געהן אָנקוקען די שטאָדט פראַנקפורט. דאָס וועטער איז געוועזען שעהן. ער איז אַוועק שפּאַצירען צום ברעג פון טייך מאַין, אַזוי איז ער ארומגעגאַנגען אַ היבשע צייט, ביז עס האָט איהם גוט דערעסען. דאַן ארום זעקס פאַרנאַכט איז ער אַ מיעדער, אין גאַנצען בעדעקט מיט שטויב, אריינגעגאַנגען אין איינע פון די אָרימערע גאַסען פון פראַקפורט. די דאָזיגע גאַס האָט ער נאָכדעם אַ לאַנגע, לאַנגע צייט ניט געקענט פערגעסען....

אויף איינעם פון די הייזער פון דער דאָזיגער גאַס האָט ע

דערזעהען א שילד מיט דער אויפשריפט: „איטאליענישע קאָנ־דיטעריי פון דזשיאָוואנני ראָזעללי.“

סאנין איז געווען דורשטיג, איז ער אהין אריין, טרינקען א גלאָז לעמאָנאַד. אָבער אין דעם ערשטען צימער, וואו אהינ־טער א קאנטאָר איז געשטאַנען א שאפע מיט גלעזערנע סלאָיעס, אָנגעפילטע מיט פערשיעדענע צוקער־געבעקס. אין קאָנדיטעריי איז קיינער ניט געווען; נור א סארע קאץ האָט זיך געזשמורעט און געוואָרטשעט אויף א געפלאָכטענעם שטוהל נע־בען פענסטער, שפּיעלענדיג זיך מיט איהרע לאפּקעס... אויפ'ן פּאָל איז געלעגען א רויטער קנויל וואָל און ער האָט העל גע־שימערט אונטער א קרומען שטראהל פון דער פערגעהענדער זון, וואָס האָט זיך אָפּגעטונקט אויף דער אנטקעגענדיגער פענס־טער און לעבען קנויל איז געלעגן אן איבערגעקעהרטע געפלאָכ־טענע קערבעלע...

פון א הינטערשטען צימער האָט זיך געהערט א מאָדנער גערויש. סאנין איז א ווײלע געשטאַנען ביין טיהר, דאן האָט ער א געשריי געטהאָן:

— איז אימיצער דאָ?

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך די טיהר פון דעם הינטערשטען צימער האסטיג אויפגעעפענט און סאנין איז גע־בליבען שטעהן א פערוואונדערטער...

צווייטער קאַפּיטעל.

אין דער קאָנדיטעריי איז ארײנגעלאָפען פערסאָפּעט א יונגע מיידעל מיט צושאָטענע, דונקעלע לאָקען איבער איהרע נאַקעטע פּלייצעס און מיט אויסגעשטרעקטע נאַקעטע ארעמס. די מיידעל איז אלט געווען א יאָהר נײנצעהן. זי האָט דערזעהען סאניען'ען, האָט זי זיך א וואָרף געטהאָן צו איהם

און אָנגעכאַפּט איהם פאַר א האַנד, האָט זי איהם גענומען שלעפּען און ריידען אָהן אָן אָטהעם: „גיכער, גיכער, אהער, ראַטעוועט איהם!"

כאַנין אָבער האָט זיך ניט א ריהר געטהאָן פון אָרט, ניט ווייל ער האָט זי ניט געוואָלט פאָלגען, נור ווייל ער איז צומישט געוואָרען פון איהר שעהנקייט. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף איהר מיט גרויסע, אויסגעגלאָצטע אויגען... אין זיין גאַנץ לעבען האָט ער נאָך אזא שעהנהייט ניט געזעהן. זי האָט זיך ווידער געווענדעט צו איהם און מיט אזא מין פערצווייפ־לונג אין קול, אין איהר בליק, אין דער קראַמפּפהאַפטער בעוועגונג פון איהר האַנד, וואָס זי האָט צוגעדריקט — צו איהר בלייכער באַק, אז ער האָט זיך א וואָרף געהאָן נאָך איהר אין דער אָפענער טיהר פון דעם הינטערשטען חדר.

דאָרט אין צימער איז געלעגען, אויף אַן אַלט־פריינקישער סאָפע, א איינגעל א יאָהר פערצעהן אַלט. ער איז געווען ווייס, זעהר ווייס, ווי אַלטער מאַרמאָר. ער איז געווען עהנליך צו דער מיידעל, קענטיג, איהר ברודער. זיינע אויגען זיינען געווען צוגעמאַכט. דער שאָטען פון זיינע געדיכטע שוואַרצע האָאָר איז געפאַלען אויף זיין גלאַטען, ווי פערשטיינערטען שטערן און אויף זיינע אונבעוועגליכע שעהנע ברעמען. דורך די בלאַסע ליפען האָבען ארויסגעבליסטשעט די פערשצעמעטע ציינער. עס האָט זיך געדוכט, אז ער אָטהעמט ניט. איין האַנד איז אראָפּ־געהאַנגען פון זאָפע אויפ'ן פאָל, די צווייטע איז געווען ביי איהם פערוואָרפען איבער'ן קאָפּ. דער איינגעל איז געווען אָנ־געטהאָן און פערשפּיעלעט אויף אַלע קנעפּלאַך, די האַלז האָט איהם צוזאַמענגעצויגען א ענגער האַלזטוך.

דאָס מיידעל האָט זיך מיט א יאָמער א וואָרף געטהאָן צו איהם.

—— ער איז טוידט, ער איז טוידט! — האָט זי אויסגע־שריען — נאָר וואָס איז ער דאָ געזעסען, האָט מיט מיר גע־רעדט און אויף איין מאָל פּלוצים, איז ער אַנידערגעפאַלען און

ריהרט זיך ניט מעהר... גאָט אין הימעל, שוין־זשע איז פאַר איהם גאָר קיין הילף ניטאָ? און די מאַמע איז אויך אָן דער־היים נטאָ!... פאַנטאַלעאָנע, פאַנטאַלעאָנע! וואו איז דער דאָק־טאָר? — האָט זי צוגעזעצט אויף איטאַליעניש — ביזטו גע־גאַנגען נאָך אַ דאָקטאָר?

— ניין, סיניאָרא, איך בין ביי איהם ניט געווען, אָבער איך האָב געשיקט לואיזע'ן — האָט געענטפערט אַ הייזעריגע שטימע הינטער'ן טהיר, און אין צימער איז אריין, הינקענדיג אויף קרומע פיס, אַ קליינער אַלטינקער אין אַ לילאַ־ווען ראָק מיט שווארצע קנעפּ, אַ הויכען, ווייסען האַלזטוך, קורצע הויזען און בלויע, וואָלענע זאָקען. זיין קליינינקער פּנים'ל איז אין גאַנצען געווען פערשוואונדען אונטער דער גרויסער קוטשמע גרויע, אייזען־פארבינע האָאָר. לאַנגע, צופּאַטעלטע קאָלטאָ־נעס זיינען צוואוואָרפען געווען איבער אַלע זייטען און האָבען איהם געגעבען די עהנליכקייט צו אַ כאָכלאַטער הוהן — דיעזע עהנליכקייט איז נאָך אויפפאַלענדער געוואָרען, ווען פון דער מאַסע גערדיכטע גרויע האָאָר איז מעגליך געווען צו אונטער־שיידען די שפּיציגע נאָז און די רונדע, געלע אויגען.

— לואיזע האָט יונגע פיס און קען שנעלער פון מיר לויפען — האָט פאָרטגעזעצט דער אַלטעטשקער אויף איטאַליע־ניש, הויבענדיג איינס נאָך דער אַנדערער זיינע קראַנקע, שוואַ־כע, אויסגעקרימטע פיס אין הויכע שיך מיט שנירלאָך; — איך קען ניט לויפען. אָט, דאָ האָב איך געבראַכט וואַסער.

— אָבער דערווייל קען דאָך עמיל נאָך שטאַרבען! — האָט אויסגעשריען די מיידעל און האָט אויסגעשטרעקט צו פּאַ־ניןעו איהרע הענד: — אָה, מיין הערר, קענט איהר איהם פיעלייכט העלפען?

— מען דאַרף איהם עפענען אַן אָדער — דאָס איז אַ שלאַג־אָנפאַל — האָט בעמערקט דער אַלטיטשקער מיט'ן נאָמען פּאַנ־טאַלעאָן.

כאָטש סאַנין האָט גאָר ניט געוואוסט פון דאָקטאָריע, האָט

ער דאַך פערשטאַנען, אז א פערצעהן־יאָהריגער אינגעל קען קיין שלאַג־אנפאל ניט קריגען.

—דאָס איז נאָר אַן אונמאכט — האָט ער זיך געוואונדערט צו פאַנטאלעאָן׳ען — האָט איהר בערשטלאַך?

דער אַלטיטשקער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ.

— וואָס?

— בערשטלאַך, בערשטלאַך — האָט ווידערהאָלט סאַנין אויף דייטש און אויף פראַנצויזיש — בערשטלאַך — האָט ער צוגעזעצט, מאַכענדיג א בעוועגונג מיט דער האַנד, ווי ער וואָלט געפּוצט זיין ראָק.

צום סוף האָט דער אַלטער פערשטאַנען, וואָס ער מיינט.

— אָה, בערשטלאַך! ספּאַצעטטעס! — האָט ער עס גלייך איבערזעצט אויף איטאַליעניש — געווים האָבען מיר בערשטלאַך!

—— גיט זיי אַהער; מיר וועלען איהם אויסטהאָן דעם רעקעל און איהם גוט אויסרייבען.

— גוט, גוט. און וואסער אויף׳ן קאָפּ דאַרף מען איהם ניט גיסען?

— ניין... שפּעטער; געהט, ברייננט די בערשטלאַך.

פאַנטעלעאָן האָט אוועקגעשטעלט די פלאַש אויף דר׳ערד, איז ארויסגעלאָפען און באַלד איז ער צוריק אריין מיט צוויי בערשטלאַך: איינע א קליידער־באַרשט און די צווייטע אַ האָאַר בערשטעל. איהם האָט בעגלייט א געקרויזטער פּודעל־הונד און דרעהענדיג שטאַרק מיט׳ן עק, האָט ער נייגעריג ארומגעקוקט דעם אַלטען, די מיידעל און סאַנין׳ען, אזוי ווי ער וואָלט וועלען פרעגען, וואָס דאָ איז פאַר א טומעל?

סאַנין האָט געשווינד אַראָבגעצויגען דעם רעקעל פון אינגעל, האָט איהם אָבגעשפּיעלעט דעם קראַגען, פערקאַטשעט די ארבעל פון זיין העמד — און מיט אַלע קרעפטען גענומען רייבען איהם די ברוסט און די הענד מיט דער בערשטעל. ניט מיט וועניגער חשק האָט פאַנטאַלעאָן מיט דער אַנדערער האָאַר־

בערשטעל געריבען זיינע שיך און הויזען. די מיידעל האָט זיך א וואָרף געטהאָן לעבען זאָפע אויף די קניע, האָט ארייגעכאַפּט דעם קאָפּ צווישען ביידע הענד און, ניט פינטלענדיג אפילו מיט אן אויג, האָט זי זיך איינגעגעסען אין דעם ברודער'ס פּנים.

סאַנין האָט געריבען דעם גע'חלש'טען אינגעל, האָט געריבען — און זיינע אויגען האָבען פער'גנב'עט געקוקט אויף איהר, האָבען געקוקט, און זיך ניט געקענט אָברייסען... גאָט אין הימעל! ווי שעהן זי איז געווען! ווי שעהן!

דריטער קאַפּיטעל.

זי האָט געהאַט אַן עטוואָס גרויסע, אָבער שעהנע אָדלער־נאָז; איבער דער אויבערשטער ליפּ האָט זיך קוים־קוים געזעהן א שאָטען פון טונקעלע הערעלאָך. דערפאַר אָבער האָט די מאַטאָווע פארב פון איהר געזיכט געלויכטען, ווי אמת'ער עלפאַנט־ביין און די שעהנע, געלאָקטע האָאר האָבען אויך געהאַט א מערקווירדיגען גלאַנץ... איבערהויפּט אָבער איהרע אויגען! דונקעל־גרויע, מיט שווארצע רעמעלאָך אונטער די ברעמען, וואונדערבארע, טריאומפיהרענדע, בליסטשענדיגע אויגען — אפילו יעצט, ווען שרעק און שמערץ האָבען זייער גלאַנץ פערדונקעלט... און ניט ווילענדיג האָט זיך סאַנין דערמאָנט אויף דער וואונדערבארער לאַנד, וואָס ער האָט נאָר וואָס פערלאָזען... אָבער, אפילו אין איטאַליען האָט ער אויך קיין מאָל ניט געזעהן עטוואָס עהנליכעס! דאָס מיידעל האָט געאָטהעמט זעלטען און ניט רעגעלמעסיג: עס האָט אויסגעזעהען, ווי זי וואָלט יעדעס מאָל געוואַרט, אז אָט־אָט וועט איהר ברודער אָנהויבען צו אטהעמען...

סאַנין האָט נאָך אַלץ איהם געריבען; איצט האָט ער שוין געקוקט ניט אויף דער מיידעל אליין. די אָריגינעלע פיגור פון

פאנטאלעאָן האָט אויך צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט. א פערמאטערטער, א פערסאָפּעטער, אונטערשפּרינגענדיג ביי יעדער בעוועגונג, האָט דער אַלטעטשקער נאָך אַלץ ארומגעפּיהרט מיט'ן בערשטעל און האָט אלע וויילע רחמנות'דיג געאָכצעט; די גרויסע קוטשמענעס צופּאטעלטע האָאר, נאסע פון שוויים, האָבען זיך ארומגעוואָרפען פון איין זייט אויף דער אנדערער, אזוי ווי פייכטע וואָרצלען פון א מעכטיגען בוים...

— טהוט איהם כאָטש אוים די שטיוועל — האָט איהם סאָנין געוואָלט זאָגען... אָבער דאָ האָט זיך דער הונד אוועקגעשטעלט אויף די פאָדערשטע פים און האָט שטאַרק גענומען בילען.

— טאַרטאָגליא — קאנאגליא! — האָט א געשריי געטהאָן דער אַלטער...

אין דעם זעלבען אויגענבליק איז דער מיידעל'ס פּנים אין גאנצען פערוואנדעלט געוואָרען. איהרע ברעמען האָבען זיך עט־וואָס אויפגעהויבען, די אויגען זיינען געוואָרען נאָך גרעסער און האָבען גענומען לויכטען פון פרייד...

סאָנין האָט זיך ארומגעקוקט... אויף'ן אינגעל'ס פּנים איז ארויסגעטרעטען א רויטע פארב; די ברעמען האָבען זיך שוואַך בעוועגט און די נאָז־לעכער האָבען א ציטער געטהאָן. ער האָט א ציה געטהאָן דעם אָטהעם צווישען די נאָך פערשצעמטע צייהן און האָט א זיפץ געטהאָן....

— עמיל! — האָט אויסגעשריען די יונגע מיידעל — מיין עמיליאָ!

און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט עמיל געעפענט זיינע גרויסע, שווארצע אויגען. זיי האָבען נאָכגעקוקט טעמפּ, מוטנע, האָבען אָבער שוין געשמייכעלט; דערזעלבער שוואכער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף זיינע בלאַסע ליפּען. דאן האָט ער א ריהר געטהאָן מיט'ן האנד, וואָס איז שלאַף אראָבגעהאנגען פון זאָפע, און האָט זי מיט אנשטרענגונג צוגעטראָגען צו דער ברוסט.

עמיליאָ, — האָט ווידער ארויסגערעדט די יונגע מיידעל

און האָט זיך אויפגעהויבען. איהר פּנים האָט איצט געהאַט אַזאַ שאַרפען, לעבהאַפטען אויסדרוק, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט ברעכט זי אויס אין אַ געלעכטער אָדער אין אַ געוויין.

— עמיל? וואָס איז מיט עמיליאַ'ן? — האָבען זיך גע־הערט שטימען הינטער'ן טיהר, און אין צימער איז אריין מיט שנעלע טריט אַ שעהן געקליידעטע פרוי מיט זילבער־גרויע האָאַר און אַ דונקעלען פּנים. נאָך איהר איז געגאַנגען אַן על־טערער מאַן און הינטער זיינע פּלייצעס האָט זיך געזעהען דער קאָפּ פון דער דיענסט־מיידעל.

די יונגע מיידעל האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן זיי אַנטקעגען.

— ער איז געראַטעוועט, מאַמאַ, ער לעבט! — האָט זי אויס־געשריען און האָט נערוועז ארומגענומען די פרוי און זי צוגע־דריקט צו זיך.

אָבער וואָס איז דאָ געשעהן? — האָט געפרעגט די מוטער.

— איך קום צוריק פון גאַס... ערשט איך טרעף אַן לואיזע'ן מיט אַ דאָקטאָר.

די מיידעל האָט גענומען דערצעהלען, וואָס האָט פּאַסירט און דער דאָקטאָר איז דערווייל צוגעגאַנגען צום קראַנקען, וועל־כער איז אלץ מעהר און מעהר געקומען צו זיך. האָט נאָך אלץ געשמייכעלט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך שוין איצט געשעהמט פאַר דעם גאַנצען טאַראַראַם, וואָס ער האָט אומזיסט אָנגעמאַכט.

— ווי איך זעה, האָט איהר איהם איינגעריבען מיט בערשטלאַך — האָט זיך דער דאָקטאָר געווענדעט צו סאַנין'ען און פּאַנטאַלעאָן'ען — זעהר גוט האָט איהר געטהאָן. דאָס איז אַן אויסגעצייכענטער מיטעל. און אַצינד לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק טהאָן, וואָס נאָך פאַר אַ מיטלען מיר קענען אָנווענדען...

ער האָט אַ טאַפּ געטהאָן ביים אינגעל דעם פּולס.

— הם! ווייזט אָקאָרשט אייער צונג!

אַ בעזאָרגטע האָט זיך די מוטער איינגעבויגען איבער איהר זוהן. ער האָט נאָך גוטמוטהיגער אַ שמייכעל געטהאָן, האָט

אויף איהר אָנגעשטעלט זיינע אויגען — און איז רויט געוואָרען...

סאַנין האָט פערשטאַנען, אז יעצט איז ער דאָ אַן איבריגער און ער איז צוריק אריין אין קאָנדיטאַריי. ער האָט נאָך נים צייט געהאַט ארויפצוליינען די האַנד אויפ'ן קליאַמקע פון דער גאַס־טהיר, ווי די מיידעל איז ווידער געשטאַנען פאַר איהם און האָט איהם אָבגעשטעלט.

— איהר געהט אוועק? — האָט זי אָנגעהויבען און האָט איהם פריינדליך אריינגעקוקט אין פּנים — איך וועל אייך נים אָבהאַלטען, אָבער איהר מוזט אומבעדינגט קומען צו אונז היינט ביינאַכט... מיר זיינען אייך אזוי דאַנקבאַר! איהר האָט מיין ברודער געראַטעוועט... ווער ווייס, וואָס פון איהם וואָלט געוואָרען, ווען נים איהר... מיר ווילען אייך זעהן נאָך אַמאָל. איך, די מאַמע... איהר מוזט מיר צוזאָגען צו קומען היינט ביינאַכט און זיך פרעהען צוזאַמען מיט אונז...

— איך פאָהר אָבער היינט אוועק אין בערלין, — האָט סאַנין געזאָגט מיט אונזיכערקייט אין קול.

— עט, איהר וועט נאָך צייט האָבען — האָט פרעהליך געענטפערט די יונגע מיידעל. — קומט אין א שעה ארום, טרינקען א טאַסע שאָקאָלאַד. איהר זאָגט עס מיר צו? און יעצט מוז איך געהן צוריק צו מיין ברודער! איהר וועט דאָך קומען?

וואָס האָט סאַנין געזאָלט טהאָן?

— איך וועל קומען — האָט ער געזאָגט.

די שעהנע יונגע מיידעל האָט איהם א דריק געטהאָן די האַנד און איז שנעל פערשוואונדען. אין נעקסטען אויגענבליק איז סאַנין געווען אויפ'ן גאַס.

פיערטער קאַפּיטעל.

ווען סאַנין האָט זיך אין אָנדערהאַלבען שעה צוריקגעקעהרט אין קאָנדיטאַריי, האָט מען איהם דאָרט צוגענומען, ווי אַן איי־

נענעם מענשען. עמיליא איז געזעסען אויפ'ן זעלבען דיוואן, ווי פריהער; דער דאָקטאָר האָט פערשריעבען א רעצעפּט און האָט געהייסען זיין פּאָרזיכטיג מיט דעם קראַנקען, וועלכער איז געוועז געגויגט צו נערוועזע אָנפאַלען. עס פלעגט פריהער אויך טרעפען, אז עמיליאָ זאָל חלש'ען, קיין מאָל איז אָבער ניט גע־וועז אזוי שווער איהם צו דערמינטערען, ווי דיעזען מאָל. דאָך האָט דער דאָקטאָר ערקלעהרט, אז פון געפאהר איז ער יעצט אין גאנצען ארויס.

עמיל, ווי עס פּאַסט זיך פאַר א קראַנקען, איז געוועזן אָנ־געטהאָן אין א לאַנגען שלאָפראָק, אויפ'ן האלז האָט איהם די מוטער אָנגעטהאָן א בלויע וואָלענע טוך. ער אָבער האָט אויס־געזעהען פריילאך, כמעט יום־טוב'דיג און די גאַנצע שטוב האָט איצט אויך געהאַט א יום־טוב'דיגען אויסזעהן. נעבען זאָפע אויפ'ן טיש, וואָס איז געוועזן בעדעקט מיט א שנעע־ווייסען טישטוך, איז געשטאַנען א גרויסע פּאַרצעלייענע קאָן מיט שאָ־קאָלאַד און האָט פערשפּרייט ארום אן אנגענעהמען גערוך. ארום זיינען געשטאַנען טעצלעך, פלעשער מיט סיראָפּ, ביסקווי־טען און אפילו פרישע בלומען האָבען אויך ניט געפעהלט. זעקס דינע וועקסענע ליכט האָבען געברענט אין צוויי אַלטמאָדישע זילבערנע לייכטער. פון איין זייט טיש איז געשטאַנען א גרויסע, ווייסע קרעסלאָ און סאַנין'ען האָט מען אָבגעגעבען דיעזען בכבוד'ען פּלאַץ.

אַלע איינוואָוינער פון קאָנדיטאָריי, מיט וועלכע ער איז היינט בעקאַנט געוואָרען, זיינען געוועזן אַנוועזענד, אריינרע־כענענדיג דעם פּודעל טאַרטאַגליא און אפילו די קאַץ. אַלע האָ־בען זיך געפיהלט גוט אויפגעלייגט און זיינען געוועזן גליקליך; דער פּודעל האָט אזש געניאָסען פון שמחה, נאָר די קאַץ האָט זיך ווי אימער גלייכגילטיג בעלעקט און געזשמורעט מיט די אויגען.

סאַנין האָט געמוזט ערקלעהרען, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און ווי ער הייסט. און דערהערט, אז ער איז א רו־סישער, האָבען איהם ביידע פרויען ערשטוינט אָנגעקוקט און

האָבען אזש א געשריי געטהאָן פון איבערראשונג; דאָן האָבען זיי ערקלעהרט, אז ער רעדט אויסגעצייכעט דייטש, דאָך אויב עס איז איהם אנגענעהמער, קען ער מיט זיי ריידען פראנצויזיש, ווייל זיי ביידע, די מוטער מיט דער טאָכטער, פערשטעהען גוט די פראנצויזישע שפראך. סאַנין האָט גלייך אָנגענומען זייער פאָרשלאָג און האָט גענומען מיט זיי ריידען פראנצויזיש. סאנין! סאנין! — די איטאליענערינס וואָלטען קיין מאָל ניט געגלויבט, אז א רוסישער נאָמען זאָל זיין אזוי גרינג אויס־צוריידען. אויך זיין ערשטער נאָמען — דימיטרי — איז זיי זעהר געפעהלען געוואָרען.

און אזוי ריידענדיג איז אריבער א שטונדע צייט. אצונד האָבען די פרויען גענומען דערצעהלען סאנין׳ען פון זייער לעבען. גערעדט האָט אייגענטליך נאָר די מוטער. זי האָט איהם דער־צעהלט, אז איהר נאָמען איז — לעאָנאָרא ראזעללי. זי איז געבליעבען אן אלמנה נאָך איהר מאַן, דזשיאָנוואנני באטטיסטא ראזעללי, וועלכער האָט זיך מיט פינף און צוואנציג יאָהר צו־ריק בעזעצט אין פראנקפורט און האָט געלעבט פון קאָנדי־טערייען; ער איז געקומען פון וויצשענצא און איז געוועזן א גוטער, ליעבער מענש, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געוועזן אַן אויפברויזענדע נאטור — און א רעפּובליקאנער. פון דעם לאנגען וואוינען אין דייטשלאנד איז זי כמעט אין גאנצען פערדייטשט געוואָרען. דערנאָך האָט זי צוגעזעצט, שאָקלענדיג דערביי טרויעריג מיט׳ן קאָפּ, אז ביי איהר זיינען נאָר געבליע־בען אָט די טאָכטער און דער זוהן, דערביי האָט זי אָנגעוויזען אויף זיי מיט׳ן פינגער. אז דער טאָכטער רופט מען דזשעממא און דעם זוהן — עמיליאָ; אז זיי ביידע זיינען זעהר גוטע, ליעבע, געהאָרכזאמע קינדער, איבערהויפּט עמיליאָ....

— און איך, מאמא, בין ניט געהאָרכזאם? — האָט זיך צו־לאכט די טאָכטער.

— אָך דו, דו ביזט אויך א רעפּובליקאנערין! — האָט גע־ענטפערט די מוטער מיט א זיפץ און האָט זיך גענומען ווייטער

דערצעהלען, אז די גשעפטען געהען איצט פיעל ערגער, ווי ווען דער מאַן האָט געלעבט, אָבער פון דעסטוועגען איז אויך ניט צו פערזינדיגען, א לעבען מאכט מען, גאָט צו דאנקען.

פינפטער קאַפּיטעל.

דזשעממאַ האָט זיך צוגעהערט צו דער מוטער'ס רייד — דאָ מיט א שמייכעל און דאָ מיט אַ זיפץ, דאָ האָט זי איהר א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּלייצע און דאָ האָט זי איהר געסטראַשעט מיט'ן פינגער; צייטענווייז האָט זי אויך געכאַפּט א קוק אויף סאַנין'ען. אויפ'ן סוף איז זי אויפגעשטאַנען, האָט ארומגענומען און א קוש געטהאָן די מוטער אין האַלז.

אצינד איז פּאַנטעלעאָן אויך פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר סאַנין'ען. ס'האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז א מאָל געווען אַן אָפּערא זינגער, האָט אָבער שוין לאַנג, לאַנג אויפגעגעבען זיין קאריערע אַלס זינגער און האָט געלעבט ביי די ראָזעלים האַלב אַלס הויז־פריינד און האַלב אַלס בעדיענטער. ניט קוקענדיג אויף דעם, ווי ער איז שוין אַ לאַנגע צייט אין דייטשלאַנד, האָט ער דאָך מעהר ווי עטליכע דייטשע זידעל־ווערטער זיך ניט אויסגעלערענט. און מיט „פּערפלוקטאָ שפּיצבוביאָ" פלעגט ער טראַקטירען כמעט יעדען דייטשען, דערפאַר אָבער האָט ער גערעדט זעהר שעהן און ליטעראַריש איטאַליעניש.

עמיליאָ האָט זיך נאָך אַלץ געצערטעלט און געפּיעסטשעט, ווי עס פּאַסט פאַר א מענשען, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון א קרענק. אין אַלגעמיין האָט מען געקענט בעמערקען, אז אַלע אין הויז גיעבען זעהר פיעל נאָך דיעזען פערצערטעלטען אינגעל. נאָכדעם ווי ער האָט פערשעהמט געדאַנקט סאַנין'ען, האָט ער זיך אין גאַנצען אַריינגעטהאָן אין די געשמאַקע צוקערגעבעק און די פערשיעדענע זאַפטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן טיש.

סאַנין האָט זיך באַלד דערפיהלט אין דיעזען הויז, ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט געמוזט אויסטרינקען צוויי אויסגעצייכענטע גלעזער שאָקאָלאַד און עסען א גאנצע מאַסע ביסקוויטען. דזשעממא איז געזעסען נעבען איהם און אזוי גיך, ווי ער האָט נאָר אראָבגעשלונגען איין ביסקוויט, האָט זי איהם שוין דערלאַנגט אַן אַנדערען, זיך אָבזאָגען איז גאָר קיין מעגליכקייט ניט געווען. די צייט איז געלאָפען. סאַנין האָט פיעל, פיעל געהאַט צו דערצעהלען פון רוסלאַנד, פון דעם לעבען דאָרט, פון די בויערן, דעם רוסישען קלימאַט און הויפּטזעכליך פון די קאָזאַקען. ער האָט אויך גערעדט וועגען פּעטער דעם גרויסען, וועגען די בעריהמטע גלאָקען און וועגען רוסישע ליעדער און איבערהויפּט פון רוסישער מוזיק.ביידע פרויען האָבען געהאַט אַקליינעם בעגריף פון רוסלאַנד, פון דעם לעבען דאָרט און האָבען זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. און דערהערט וועגען ליעדער און מוזיק, האָבען זיי איהם געבעטען, ער זאָל זיי עפּעס רוסישעס פאָרזינגען, און האָבען איהם אָנגעוויזען אויף אַ קליינינקע פּיאַנאָ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל פון צימער. ער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען און, צליין זיך אקאָמפּאַנירענדיג, האָט ער מיט אַ דינעם טענאָר געזונגען פריהער: „סאַראַפאַן“ און דערנאָך „פּאָ אוליצע מאָסטאָוואָי“. ביידע, אי די מאַמע, אי די שעהנע טאָכטער, האָבען זעהר געליבט זיין שטימע און די מוזיק, נאָך מעהר אָבער זיינען זיי געווען ענטציקט פון דער וויכקייט און דעם קלאַנג פון דער רוסישער שפּראַך.

יעצט האָט סאַנין געבעטען, אז זיי זאָלען עפּעס זינגען. זיי האָבען אויך ניט געמאַכט קיין שום צערעמאָניעס און פרוי לעאָנאָרע האָט זיך גלייך געזעצט ביים פּיאַנאָ און צוזאמען מיט דער טאָכטער האָט זי געזונגען עטליכע דועטען. די מוטער האָט אַ מאָל געהאַט זעהר אַ גוטע קאָנטראַלטאָ שטימע; דער טאָכטער'ס שטימע איז געווען שוואַך, אָבער אַנגענעהם.

18

זעקסטער קאַפּיטעל.

אָבער ניט איהר שטימע, נאָר איהר אַליין האָט סאַנין בע־וואונדערט. ער איז געזעסען אַ ביסעל פון ווייטען, האָט פון דער זייט געקוקט אויף איהר און האָט געטראַכט, אַז קיין פּאַלמע אין דער וועלט וואָלט זיך ניט געקענט פערגלייכען אין גראַציעז־קייט און גלייכקייט מיט דזשעמאַ'ס פיגור. און ווען זי האָט אין די ריהרענדע פּלעצער אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך, האָט זיך סאַנין'ען געדאַכט, אַז עס איז גאָר נישטאָ אַזא הימעל וואָס זאָל זיך עפענען פאַר דיזען בליק. אפילו דער אַל־טער פּאַנטעלעאָן, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען צו דער טהיר, מיט'ן קינבאַק און מויל בעהאַלטען אין זיין ברייטען האַלזטוך, האָט אויך מיט דער מינע פון אַ קענער זיך צוגעהערט צו איהר זינגען. ער, דער אַלטער פּאַנטעלעאָן, האָט אויך מיט בעוואונדערונג בעטראַכט דעם פּנים פון דער וואונ־דערשעהנער מיידעל און ער האָט דאָך, דאַכט זיך, שוין גע־דארפט זיין צוגעוואוינט צו איהר! און געענדיגט איהרע דו־עטען מיט דער טאָכטער, האָט פרויע לעאָנאָרע בעמערקט, אַז עמיל האָט זעהר אַן אויסגעצייכענטע שטימע, אַ ריינער זיל־בערנער גלעקעלע, אָבער ער איז יעצט אין אַזוינע יאָהרען, ווען די שטימע בייט זיך און איהם איז דערפאַר פערווערט געוואָרען צו זינגען. אָבער פּאַנטעלעאָן האָט יאָ געמעגט לכבוד דעם גאַסט זינגען עפּעס פון זיינע אַלטע שטיקלאַך.

פּאַנטעלעאָן האָט געמאַכט אַן אונצופריעדענע מינע, האָט זיך אָנגעכמורעט, האָט אַ פיהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער זיינע קוטשמענעס און ערקלעהרט, אַז ער האָט די אַלע זאַכען שוין לאַנג געוואָרפען, כאָטש עס איז ווירקליך געווען אַ צייט אין זיין יוגענד, ווען ער האָט געקענט זינגען ניט אבי־ווי, נאָר טאַקי אויף אַן אמת, ער האָט זיך גערעכענט צו דער עפּאָכע, ווען עס זיינען געווען גרויסע קלאַסישע זינגער, ניט אַזעלכע

פּיסקונעס, ווי איצט... דאַן, אז ער האָט געזונגען זיינס אַ שטי־קעלע, איז מען טאַקע געלאָפן פון אַלע זייטען הערען, און עס איז געווען וואָס צו הערען... אז ער מיט דעם גרויסען טענאָר גאַרסיאַ האָבען געזונגען, פלעגט מען יענעם, דעם בעצויבערענ־דען גאַרסיאַ, מיט בלומען פערוואַרפען און איהם אַליין, פאַנטע־לעאָן דזשיפּאַטאַלאַ, האָט מען אויך איין מאָל דערלאַנגט אַ לאָר־בער־קראַנץ... דער אונשטערבליכער גאַרסיאַ האָט דאַן גע־שפּיעלט אָטעלאָ און פאַנטאַלעאָן האָט דאַן געהאַט דאָס גליק און די עהרע צו שפּיעלען יאַגאָ מיט איהם צוזאַמען... און ווען ער האָט געזונגען די הויפּט־שטעלען אין דער אָפּערא, האָט דאָס גאַנצע טהעאַטער געציטערט, די ווענט האָבען זיך געטרייסעלט, אָבער איך בין אויך ניט צוריקגעשטאַנען. איך האָב אויך נאָכ־געהאַלטען.

און דאָ האָט פאַנטעלעאָן אָנגענומען אַ טראַגישע פּאָזע און מיט אַ ציטערענדער, הייזעריגער, בעגייסטערטער שטימע האָט ער גענומען זינגען זיין אמאָליגע ראָלע פון יאַגאָ.

דאָס אָבער איז נאָך אַלץ גאָר נישט געגען גאַרסיאַ׳ס זינ־גען, ווען יענער גרויסער מייסטער פלעגט זיך צולאָזען אויף זיין קול׳כעל און פלעגט נעהמען זינגען זיין בעריהמטען... דאָ האָט פאַנטאַלעאָן גענומען אויסזינגען עפּעס אַ מין געקרייזעלטען גע־זאַנג. אָבער ביי דער צעהנטער נאָטע האָט ער זיך פאַראַיקעט, האָט זיך צוהוסט און אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד, האָט ער זיך אָבגעקעהרט און אַרויסגעבורטשעט:

— לאָזט מיך צופריעדען! פאַר וואָס מוטשעט איהר מיך?

דזשעממאַ איז אויפגעשפּרונגען פון איהר שטוהל און פאַטשענדיג הויך אין די הענד, איז זי מיט אַ געשריי: „בראַוואָ, בראַוואָ!“ צוגעלאָפען צום אַלטיטשקען און האָט מיטביידע הענד איהם פריינדליך געקלאַפּט איבער׳ן פּלייצע.

איין עמיל נאָר האָט זיך אונבאַרמהערציג פאַנאַנדערגעלאַכט. הפנים, אז אין זיין עלטער פערשטעהט מען ניט, וואָס איז אַזוינס רחמנות.

סאַנין האָט אויך געפּרובט טרויסטען דעם אַלטען זינגער און האָט זאָגאר גענומען מיט איהם ריידען איטאַליעניש. דער אַלטער פאַנטאַלעאָן אָבער האָט זיך ניט געלאָזט פּעררייידען די צייהן. ער האָט נאָך טיעפער ארייננעדריקט דעם קינבאַק אין זיין האַלזטוך אריין, האָט געקוקט מיט זיינע ווייט־פאַנאַנדער־געעפּענטע, אויסגעפּוטשעטע אויגען בייז ארום זיך און האָט איצט מעהר ווי אַלע מאָל אויסגעזעהען ווי א בייזער פייגעל, יווי א וואָראָנע אָדער א יאַסטרעב...

דאַן האָט זיך עמיל געווענדעט צו זיין שוועסטער און האָט איהר געזאָגט, אז אויב זי וויל פערנעהמען דעם גאַסט, זאָל זי איהם פאָרלעזען איינע פון מאַלץ'ס קאָמעדיעס, וועלכע זי קען אזוי גוט לעזען. דזשעממא האָט זיך צולאַכט, האָט לייכט א קלאַפּ געטהאַן איהר ברודער איבער'ן האַנד און געזאָגט, אז נאָר איהם קען אזוינס איינפאַלען. פון דעסטוועגען איז זי גלייך אוועק אין איהר צימער און, אומקעהרענדיג זיך צוריק פון דאָרט מיט א קליין ביכעל אין האַנד, האָט זי זיך אוועקגעזעצט ביים טיש נעבען לאָמפּ, האָט זיך ארומגעקוקט, אויפגעהויבען דעם פינגער, ווי איינער זאָגט: — „אצינד זאָל זיין שטיל!“ און גע־נומען לעזען.

זיבעטער קאַפּיטעל

מאַלץ איז געווען א פראַנקפורטער שרייבער פון די דריי־סיגער יאָהרען. אין זיינע קורצינקע, לייכטע קאָמעדיען, גע־שריעבען אין אַן איינפאַכער פאָלקס־שפּראַך, האָט ער גאַנץ לע־בעדיג, הגם ניט זעהר טיעף, בעשריעבען די פראַנקפורטער כאַ־ראַקטער־טיפּען. דזשעממא האָט ווירקליך אויסגעצייכענט גע־לעזען, כמעט ווי אַן אַקטריסע. זי האָט פערשטאַנען, ווי אויס־צודריקען יעדען כאַראַקטער בעזונדער און מיט דער הילף פון

מימיק, וועלכע זי האָט גע׳ירש׳ענט צוזאַמען מיט דער איטאַל־יענישער בלוט, האָט זי וואונדערבאַר איבערגעגעבען די שטימע און דעם פּנים פון אַן אַלטער, צומישטער עובר־בטול׳ניצע, אָדער אַ ניט איבערגעשפּיצטען בירגערמייסטער. יעדער מוסקול פון איהר פּנים האָט זיך בעוועגט און זי האָט מיט זיי אויסגעדריקט אַלעס, וואָס זי האָט געוואָלט. דאָ האָט זי נעדרעהט מיט די נאָז, דאָ געגלאָצט מיט די אויגען און דאָ האָט זי גאָר רחמנות׳־דיג געפּיסטשעט... אַליין האָט זי בעת׳ן לעזען ניט געלאַכט; נאָר ווען איהרע צוהערער (אויסער פאַנטאַלעאָן, ער איז גלייך אוועק, ווי ער האָט נאָר דערהערט מאַלץ׳ס פערפלוכטען נאָמען), האָבען איהר אונטערבראָכען מיט אַ פריילינען און ברויזענדען געלעכער, דאַן פלעגט זי אוועקלייגען דאָס בוך אויפ׳ן קניע און האָט אויך געלאַכט מיט אַ העל־קלינגענדען געלעכטער, און די שווארצע, געקרויזטע לאָקען איהרע האָבען זיך געטרייסעלט און האָבען ארומגעטאַנצט איבער׳ן ווייסען האַלז. האָט דער גע־לעכטער אויפגעהערט, האָט זי גלייך אויפגעהויבען דעם בוך און, צוגעגעבען איהר פּנים דעם נויטיגען אויסדרוק, האָט זי מיט דער גרעסטער ערנסטקייט ווייטער געגומען לעזען.

סאַנין האָט זיך ניט געקענט אָבוואונדערען פון איהר: ווי איז דאָס מעגליך, אַז איהר מערקווירדיג שעהנער פּנים זאָל אויף איין מאָל ווערען דאָ אזוי קאָמיש, דאָ אזוי תם׳עוואַטע און דאָ זאָגאר עטוואָס פּרעך? וויינינער בעפריעדיגענד, ווי אַלע איבע־ריגע, האָט דזשעממאַ געלעזען די ראָלען פון די יונגע פער־ליעבטע, ס׳איז קענטיג געווען, אַז זי אַליין גלויבט ניט אין די אַלע הויכע פראַזען, אין די שבועות און די טרעהרען פון די גע־ליעבטע, און דיעזע סצענען פלעגט זי לעזען מיט אַ געוויסען הומאָר.

סאַנין האָט ניט בעמערקט, ווי דער אבענד איז אוועק — און ער האָט זיך נאָר דאַן דערמאָנט אָן זיין רייזע, ווען דער זייגער האָט געשלאָגען צעהן... ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, ווי אימיצער וואָלט איהם אַ ביס געטהאָן.

— וואס איז מיט אייך ? — האָט געפרעגט פרוי לעאָנאָרע.

— איך... איך האָב היינט געזאָלט אָבפאָהרען קיין בערלין — און איך האָב שוין געדונגען א פּלאַץ אין א דיליזשאַנס.

— און ווען געהט אָב דער דיליזשאַנס ?

— אום האַלב עלף !

— דאן האָט איהר שוין פערשפּעטיגט — האָט בעמערקט דזשעממא : — בלייבט רוהיג זיצען, וואו איהר זייט... איך וועל אייך נאָך א ביסעל פאָרלעזען.

— איהר האָט דאָס גאַנצע געלד איינגעצאָהלט אין דילי־זשאַנס, אָדער איהר האָט נאָר געגעבען האַנדגעלד ? — האָט עטוואָס נייגעריג געפרעגט פרוי לעאָנאָרע.

— דאָס גאַנצע ! — האָט געענטפּערט סאַנין מיט אַן אוּר־מעדיגען טאָן.

דזשעממא האָט אויף איהם א קוק געטהאָן און פערזשמור־רעט די אויגען, דאַן האָט זי זיך צולאַכט הויך אויפ'ן קול.

די מוטער האָט זי אויסגעזידעלט :

— ווי קענסטו לאַכען דערפון, וואָס דער יונגער הערר האָט גאַנץ אומזיסט זיין געלד אויסגעגעבען ?

— עט, וואָס מאַכט עס אוים ? — האָט גוטמוטהיג געענט־פערט דזשעממא — ער וועט דערפון ניט בדלות ווערען, און מיר וועלען זיך סטאַרען איהם צו טרייסטען. ווילט איהר א גלאָז לימאָנאַד ?

סאַנין האָט אויסגעטרונקען דעם לימאָנאַד, דזשעממא האָט זיך ווידער גענומען צום לעזען — און אַלעס איז ווידער אוועק ווי געשמירט.

דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף. סאַנין האָט זיך גע־נומען זעגענען.

— אַצינד האָט איהר געדאַרפט נאָך עטליכע טעג פער־בלייבען אין פראַנקפורט — האָט דזשעממא צו איהם געזאָגט :

— וואָס האָט איהר זיך אזוי צו איילען ? אין קיין אַנדער־שטאָדט וועט אייך ניט זיין פרעהליכער, ווי דאָ.

זי איז אויף א ווײלע אנשווײגען געוואָרען, דאַן האָט זי ווידער געזאָגט :

— ווירקליך אין קײן אַנדער שטאָדט. און זי האָט א שמייכעל געטהאָן.

סאַנין האָט גאָר ניט געענטפערט. ער האָט א טראַכט געטהאָן, אז ער איז געבראָכען, אז סיי ווי מוז ער דאָ בלייבען און שרייבען צו א פריינד אין בערלין, ער זאָל איהם שיקען געלד. ביז וואַנען דאָס געלד וועט קומען, מוז ער וואַרטען.

— בלייבט ווירקליך נאָך א געוויסע צייט — האָט פון איהר זייט געבעטען די פרוי לענאָרע — מיר וועלען אייך דאַן בעקאַנט מאַכען מיט דזשעממאַ'ס חתן, מיט העררן קאַרל קלובער. ער האָט היינט ניט געקענט קומען, ווייל ער איז געווען זעהר פער־נומען ביי זיך אין קראַם... איהר האָט אודאי בעמערקט : דאָס איז דאָס גרעסטע טוך און זיידען־געשעפט אויף דער גאַנצער צייל שטראַססע. אַלזאָ דאָרט איז ער דער הויפּט־פערקויפער. עס וועט איהם זעהר פרעהען מיט אייך בעקאַנט צו ווערען.

דיעזע שטיקעל נייעס האָט סאַנין'ען — גאָט אַליין ווייס פאַר וואָס — גאָר צומישט.

„א גליקליכער מענש איז דיעזער חתן !“ איז ווי א בליץ דורכגעפלויגען דורך זיין מוח א געדאַנק.

ער האָט א קוק געטהאָן אויף דזשעממא'ן און איהם האָט זיך געדוכט, אז ער האָט בעמערקט א שפּאָטישען אויסדרוק אין איהרע אויגען. ער האָט זיך גענומען זעגנען.

ביז מאָרגען ? — ניט אמת, ביז מאָרגען ? — האָט גע־פרעגט פרוי לענאָרע.

— ביז מאָרגען ! — האָט זיך אָבגערופען דזשעממא ניט מיט א פרעגעדיגען, נאָר מיט א גאַנץ בעשטימטען טאָן, אזוי ווי אַנדערש וואָלט גאָר ניט געקענט מעגליך זיין.

— גוט. ביז מאָרגען ! האָט געזאָגט סאַנין.

אכטער קאַפּיטעל.

עמיל, פּאַנטאַלעאָן און דער פּודעל טאַרטאַגליאַ האָבען איהם בעגלייט ביז׳ן ראָג פון גאַס. דאָ האָט זיך פּאַנטאַלעאָן מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגעדריקט זיין אונ־צופריעדענהייט איבער דזשעממאַ׳ס לעזען.

— ווי שעהמט זי זיך דאָס ניט? קרימט איבער, מאַכט נאַרישע הוויות, פּיסטשעט, ווי אַ קאַריקאַטורע! זי האָט גע־דאַרפט פאַרשטעלען עטוואָס גרויסער, ערהאַבענעס, טראַגישעס און זי קרימט גאָר איבער פּאַסקודנע דייטשקעס!... אויף אַזאַ אופן קען איך דאָך אויך — מערץ, קערץ, שמערץ — האָט ער צוגעזעצט מיט אַ הייזעריגער שטימע, האָט אויסגעשטרעקט דעם פּנים פאָראויס און האָט אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן האַנד.

טאַרטאַגליא האָט אויף איהם גענומען בילען, און עמיל האָט זיך צולאַכט.

דער אַלטער האָט זיך בייז אומגעקעהרט צו זיי מיט׳ן רוקען און איז אוועק אהיים.

סאַנין האָט זיך צוריקגעקעהרט אין גאַסט־הויז, וואו ער האָט איבערגעלאָזט זיינע זאַכען, אין עפּעס אַ מאָדנעם מוטה. די אַלע דייטש־פראַנצויזיש־איטאַליענישע געשפּרעכען האָבען איהם נאָך געקלונגען אין די אויערען.

— זי איז אַ כלה! — האָט ער געשעפּטשעט ליגענדיג שוין אין בעט פון אַן אָרים מעבלירטען צימער, וואָס ער האָט געדונ־גען אין אַ גאַסט־הויז — און אַ שעהנהייט איז זי איינע אין דער וועלט... אָבער צו וואָס, צו וואָס בין איך געבליבען?

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט ער אָבגעשיקט אַ בריעף צו זיין פריינד אין בערלין נאָך געלד.

אויף מאָרגען אין דער פריה — ער איז דאַן נאָך ניט אין גאַנצען געוועזען אָנגעטהאָן — האָט איהם דער קעלנער געמעל־

דעט, אז צוויי הערדען ווילען איהם זעהן. איינער פון זיי איז געוועזן עמיל; דער צווייטער, א הויכער, שטארקער יונגערמאן מיט זעהר א בכבוד'ען אויסזעהן, איז געוועזן הערר קארל קלובער, דזשעממא'ס חתן.

אין קיין געשעפט אין גאנץ פראנקפורט איז ניט געוועזן נאך אזא העפליכער, גוט ערצויגענער, אנגעזעהענער און ליעבענסווירדיגער ערשטער פריקאשציק, ווי דער דאזיגער הערר קלובער איז געוועזן.

אנגעטהאן שעהן און עלעגאנט מיט א האלטונג פון ווירדע און עלעגאנץ, האט דיעזער יונגערמאן געדארפט ארויסרופען אכטונג צו זיך ביי זיינע רייכערע קונדען אויך. פון דעם ערשטען בליק אויף דעם דאזיגען שעהנעם, זויבערען, עטוואס שטרענגען און דאך גוט ערצויגענעם יונגענמאן, האט מען געקענט זעהן אז ער איז געוואוינט צו פאלגען אן עלסטען אין שטרענג קאמאנדעוועןן מיט א ניעדריגערען.

הער קלובער האט זיך זעהר העפליך פארגעשטעלט פאר סאנין'ען, דערביי האט ער זיך אזוי ערדעל פערבויגט, מיט אזא עניוות צוגעדריקט א פוס צו א פוס, און אזוי העפליך צוגעקלאפט מיט די אפזאצען פון זיינע שעהנע שיך, אז ניט ווילענדיג האט מען געמוזט א טראכט טהאן:

„ביי דעם דאזיגען יונגענמאן זיינען אזוי ווי די וועש, אזוי די מאראלישע אייגענשאפטען פון דעם ערשטען סארט“...

ער האט דערלאנגט סאנין'ען זיין האנד, און יעדער נאגעל בעזונדער פון זיינע פינגער איז געוועזן א מייסטערשטיק אין זיין ארט.

דאן האט ער אין דעם אויסגעוועהלטעסטען דייטש, אין די שעהנסטע פראזען, בעדאנקט סאנין'ען פאר דער גרויסער דיענסט, וואס ער האט געבראכט ארויסגעוויעזען זיין כלה'ס קרובים. ער פון זיין זייט וועט זיין זעהר גליקליך, ווען ער וועט מיט עפעס קענען אפדיענען דעם אויסלענדישען חערדן. סאנין, ווי דער שטייגער איז, האט געענטפערט, אז איהם

פרעהם זעהר די בעקאנטשאפט, אז דאס וואס ער האט געטהאן פאר זיינע קרובים, איז ניט ווערטה, אז מען זאל גאר פון דעם ריידען, און ער האט געבעטען זיינע געסט זיצען...

הערר קלובער האט ווידער בעדאנקט, האט זיך פון העפ־ליכקייט וועגען צוגעזעצט אויף א שטוהל. באלד אבער האט ער ערקלערט, אז צו זיין בעדויערען איז ער זעהר א פערנומענער מענש, און די צייט איז ביי איהם זעהר טהייער און אז — גע־שעפט איז פריהער פאר אלעמען... און, ווירקליך, ער איז טאקע באלד ווידער אויפגעשפרונגען, האט געמאכט א פאאר טריט פאראויס און ערקלערט: אז לײדער קען ער מעהר ניט פער־בלייבען, אבער אזוי ווי מארגען איז זונטאג, האט ער צוזאמען מיט פרוי לענארע און פריילין דזשעממא בעשלאסען צו מא־כען א שפאציער הינטער'ן שטאדט און ער האפט, אז סאניז וועט זיך ניט ענטזאגען צו בעעהרען זייער געזעלשאפט מיט זיין אנוועזענהייט.

סאניז האט זיך ניט ענטזאגט איהם צו מאכען דיזע עהרע, און הערר קלובער איז אוועק אנגענעהם סקריפענדיג מיט די נייע העכסט מאדערנע שיך.

נײנטער קאפיטעל.

עמיל, וועלכער איז געשטאנען די גאנצע צייט מיט'ן פנים צום פענסטער, האט זיך אומגעקעהרט אזוי שנעל ווי זיין צור־קינפטיגער שוואגער איז ארוים און רויט ווערענדיג, האט ער געפרעגט, אויב ער קען נאך א ביסעל פערברענגען ביי איהם.

— מיר איז היינט א סך בעסער — האט ער צוגעזעצט — אבער דער דאקטאר האט מיר פערבאטען צו ארבייטען.

— געווים, געווים קענט איהר בלייבען! איהר שטערט מיר ניט — האט אויסגעשריען סאניז, וועלכער איז, ווי אן

אמת'ער רוסישער, גערן געווען זיך אַנצוכאַפּען פאַר'ן ערשטען בעסטען תירוץ, אבי אליין זיך צו קענען ארויסדרעהען פון אר־בייטען.

עמיל האָט איהם בעדאַנקט און אין אַ גאַנץ קורצע צייט ארום האָט ער זיך דערפיהלט זעהר היימיש ביי סאַנין'ען. ער האָט ארומגעקוקט אַלע זאַכען, האָט זיך אויף אַלעם נאָכגע־פרעגט, צו וואָס די אָדער יענע זאַך נוצט, וואו מען האָט דאָס געקויפט און ווי דאָס ווערט געברויכט. דאַן האָט ער געהאָל־פען סאַנין'ען זיך ראַזירען און האָט דערביי בעמערקט, אַז עס איז אַן עולה, וואָס ער לאָזט זיך ניט אָפּ קיין וואָנסעס; ער האָט איהם אויך דערצעהלט פיעל איינצעלהייטען וועגען זיין מוטער, דער שוועסטער, פּאַנטאַלעאָן און אפילו וועגען דעם פּו־דעל טאַרטאַגליאַ. די גאַנצע שעהמעוודיגקייט איז ביי עמיל'ן גלייך פערשוואונדען. מיט סאַנין'ען האָט ער זיך געפיהלט אַזוי גוט אַזוי אַנגענעהם, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען גוטע פריינד שוין פון לאַנג אָן. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט פערטרויט סאַנין'ען אַלע זיינע סודות. די מוטער, האָט ער דערצעהלט מיט וועהטאָג אין קול, וויל פון איהם מאַכען אַ געשעפטסמאַן און ער ווייס, ער איז זיכער, איז ער איז געבאָרען געוואָרען פאַר דער קונסט, פאַר דעם טהעאַטער. פון איהם מוז ארויסקומען אַ גרויסער מוזיקאַנט, אָדער זינגער אָדער שוישפּיע־לער. פּאַנטאַלעאָן זאָגט אויך דאָס זעלבע, אָבער העררי קלובער וויל ניט אַנדערש פון איהם מאַכען אַ געשעפטסמאַן, אַ הענד־לער, און די מאַמע האַלט מיט יענעם...

סאַנין האָט זיך דערווייל אָנגעטהאָן און האָט אָנגעשריע־בען אַ בריעף אין בערלין.

— אצינד קומט, לאָמיר געהן צו אונז אהיים — האָט אויסגעשריען עמיל, ווען ער האָט דערזעהן, אַז סאַנין איז פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט.

— יעצט איז נאָך צו פריה, — האָט בעמערקט סאַנין.

— דאָס מאַכט גאַר ניט אוים, — האָט עמיל געענטפערט,

זיך לאסטשענדיג צו איהם: — קומט, מיר וועלען פריהער אריינ־געהן אין פאַבּט־אַפּיס און דערנאָך אהיים. דזשעממא וועט זיך מיט אייך זעהר פרעהען. איהר וועט ביי אונז עסען פריה־שטיק... און אז איהר וועט וועלען זיין א גוטינקער, וועט איהר מיט דער מאמען רעדען וועגען מיין צוקונפט...

— נו, זאָל זיין אזוי, קומט! — האָט געזאָגט סאניו, און זיי זיינען אוועק.

צעהנטער קאַפּיטעל.

דזשעממא האָט זיך מיט איהם ווירקליך דערפרעהט, און פרוי לענאָרע האָט איהם אויך אויפגענומען זעהר פריינדליך: קענטיג געווען, אז פאַריגען מאָל האָט ער אויף זיי א גוטען איינדרוק געמאַכט.

עמיל איז אוועקגעלאָפען, אום צו בעזאָרגען דעם פריה־שטיק, נור פריהער האָט ער איינגערוימט סאניו׳ן אויפ׳ן אויער:

— איך בעט אייך, פערגעסט ניט צו ריידען מיט זיי וועגען מיר!

— איך וועל ניט פערגעסען — האָט סאניו געענטפערט.

פרוי לענאָרע האָט זיך געפיהלט ניט אין גאנצען: דער קאָפּ האָט איהר וועה געטהאָן. זי איז געזעסען אין קרעסלאָ האלב אָפּגעוואָרפען און ניט א ריהר געטהאָן מיט קיין אבר.

דזשעממא איז געווען אָנגעטהאָן אין א ברייטער געלער בלוזע, מיט א שווארצען לעדער־גארטעל ארומגעכאפּט ביי דער טאַליע. זי האָט אויך אויסגעזעהען עטוואָס מיעד און בלייך: ארום די אויגען האָט זי געהאַט דונקעלע רינגען, אָבער זייער גלאַנץ איז פון דעם ניט געשטערט געוואָרען און די בלייכקייט האָט צוגעגעבען איהר קלאַסיש־שטרענגע געזיכטס־ציגע עטוואָס געהיימניספאָלעס און מילדעס. וואָס סאניו׳ן האָט זיך יענעם

טאָג בעזונדערס אין די אויגען געוואָרפען — איז געוועזן די אונ־געוועהנליכע שעהנקייט פון איהרע הענד: ווען זי פלעגט זיי אויפהויבען, אום צו פערשאַרען די דונקעלע, גלאַנציגע לאָקען איהרע — דאַן האָט ער זיין בליק ניט געקענט אָפּרייסען פון איהרע פינגער, לאַנגע און בייגיגע, אָפּגעטהיילט איינער פון׳ם אַנדערען, ווי ביי ראַפאַעל׳ס פאָרנאַרינע.

אין דרויסען איז געוועזן זעהר הייס. נאָכ׳ן פריהשטיק האָט סאַנין געוואָלט אַוועקגעהן, אָבער מען האָט איהם בע־מערקט, אַז אין אַזאַ טאָג איז דאָס בעסטע צו זיצען אויף אַן אָרט, און ער איז געבליעבען.

אין הינטערשטען חדר, וואו ער איז געזעסען מיט די צוויי פרויען, איז געוועזן לופטיג; די פענסטער האָבען ארויסגעקוקט אין א קליינעם גאָרטען, וועלכער איז פערוואַקסען געוועזן מיט אַקאַציען. גאַנצע מענגעס ביהנען און אַנדערע פליעגען האָבען געזשוזשעט און געזשומט אין די געדיכטע צווייגען, וועלכע זיי־נען מיט גאָלדענע בלימעלעך בעשאָטען געוועזן. דאָס דאָזיגע נאָכאַנאַנדיגע זשומען האָט זיך אריינגעריסען דורך די האַלב־צוגעמאַכטע לאָדען און די אַרונטערגעלאָזטע פאָרהאַנגען אין צימער און האָט דערצעהלט וועגען דער שטיקענדער היץ אין דרויסען.

פּונקט ווי נעכטען האָט סאַנין היינט אויך גערעדט זעהר פיעל, אָבער ניט וועגען רוסלאַנד און ניט וועגען דעם לעבען אין רוסלאַנד.

ער האָט גענומען ריידען וועגען עמיל׳ן, זיין פערשפּרעכען האָט ער געוואָלט האַלטען, האָט ער פערפיהרט א געשפּרעך וועגען די גוטע און שלעכטע זייטען פון זיין א קינסטלער און א געשעפטסמאַן.

עמיל איז דעמאָלט אין הויז ניט געוועזן. נאָך׳ן פריהשטיק האָט מען איהם גלייך אַוועקגעשיקט צו הערר קלובער׳ן אין גע־שעפט, וואו ער האָט בוכהאַלטעריע געלערענט.

סאַנין האָט זיך גאָר ניט געוואונדערט, ווען פרוי לענאָרע

האָט ערקלעהרט, אז זי וויל בעסער, עמיל זאָל אַ געשעפטסמאַן זיין; ער האָט זיך אָבער שטארק פערוואונדערט, ווען די שעהנע דזשעממא האָט אויך דאָס זעלביגע ערקלעהרט.

— ווען מען איז אַ קינסטלער — און איבערהויפט אַ זינ־גער — האָט זי גערעדט, מאַכענדיג ענערגיש מיט אַ האַנד: — מוז מען אונבעדינגט דעם ערשטען פּלאַץ פערנעהמען! אפילו דער צווייטער פּלאַץ טויג ניט, און ווער ווייס, אויב מען וועט נאָך קענען אַמאָל דעם ערשטען פּלאַץ פערנעהמען?

פּאנטאלעאָנא, וועלכער האָט אויך אנטהייל גענומען אין דעם דאָזיגען געשפּרעך, איז נאַטירליך געשטאַנען פאר די קונסט. דעם אמת געזאָגט, זיינע ארגומענטען זיינען אפילו געווען גאַנץ שוואַך, אָבער פאר די קונסט האָט ער זיך פאָרט איינגעשטעלט.

— וואָס איז פון דיר געוואָרען? — האָט איהם פרוי לע־נאָרע אַ שטאָך געטהאָן. — דו ביזט דאָך אויך געווען עפּעס אַ קינסטלער, אַ זינגער?

— איך האָב פיינדע געהאַט — האָט ער געענטפערט, און אָנגעבלאָזען זיך.

— און פון וואַנען ווייסטו, אז ביי עמיל'ן וועלען קיין פיינדע ניט זיין? — האָט פרוי לענאָרע געפרעגט.

— נו, מאַכט פון איהם אַ קרעמער! —האָט ער אויסגע־שריען מיט פערדרוס — זיין פאָטער דזשיאוואַן באפּטיסטא וואָלט איהם שוין פאר אַ קרעמער ניט געמאַכט, כאָטש ער איז געווען אַ בעקער!...

פרוי לענאָרע האָט עפּעס ווידער אויף דעם געענטפערט, אָבער דער אַלטינקער האָט זי שוין מעהר ניט געוואָלט הערען, האָט נור ווידער אויסגערעדט מיט אַ וועהטאָג:

— אַך, ווען זיין פאָטער, דיין מאַן, דזשיאוואַן באפּטיסטא וואָלט געלעבט, אַך, ווען ער וואָלט געלעבט!...

און מיט דיעזע ווערטער איז ער פון צימער ארויס.!

דאַן האָט זיך דזשעממא אָפּגערופען:

— ווען עמיל וואָלט געווען אַ פּאַטריאָט און וואָלט אַלע

זיינע קרעפטען געוואָלט אָפּגעבען פאַר די בעפרייאונג פון איטאַליען, — דאָן פאַר אַזאַ הייליגע און גרויסע אידעע קען מען אויפאָפּפערען מיט אַ זיכערע צוקונפט, אָבער ניט פאַר די ביהנע!

און אַז פרוי לענאָרע האָט עס דערהערט, איז זי שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען: סטייטש, נאָך ווייניג, וואָס זי, דזשעממאַ אַליין איז אַ רעפּובליקאַנערין, וויל זי נאָך דעם ברודער אויך פונ'ם וועג אַראָבפיהרען!

און זי האָט גענומען קרעכצען און אָכצען, די פרוי לענאָרע, און דער קאָפּ האָט איהר נאָך מעהר אויפגעריסען און זי האָט זיך גענומען קלאָגען, אַז דער קאָפּ פּלאַצט איהר.

דזשעממאַ האָט גלייך זיך פערנומען מיט איהר, געבלאָזען איהר אויפ'ן שטערן, געריבען איהר די שלייפען מיט אָדעקאָלאָן, פאָרזיכטיג געקושט איהר די באַקען, אונטערגעלייגט איהר אַ קישעלע אונטער'ן קאָפּ, פערבאָטען איהר צו ריידען און ווידער און ווידער זי געקושט. דאָן האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו פּאַנין'ען און גענומען איהם דערצעהלען אין אַ האַלב קאָמישען און האַלב ריהרענדען טאָן, וואָס פאַר אַ וואָוילע מאַמע זי האָט און וואָס פאַר אַ שעהנהייט זי איז אַמאָל געוועזן!

— וואָס רייד איך — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן — „געווען". זי איז נאָך איצט אויך — רייצענד. זעהט נור איהרע אויגען, זעהט נור, קוקט זי אָן, מיין מאַמען!...

זי האָט אַרויסגעכאַפּט אַ ווייס טיכעל פון קעשענע און מיט איהם פערדעקט איהר מאַמע'ס פּנים. דאָן, אַראָבציהענדיג פאָרזיכטיג דאָס טיכעל פריהער פון יענער'ס שטערן, נאָכדעם פון יענער'ס ברעמען און אויגען, האָט זי יענער געבעטען, די אויגען עפענען. און אַז יענע האָט די אויגען געעפענט, האָט דזשעממאַ אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פול מיט ענטציקונג: „ווי שעהן, וואָס פאַר אַ פרעכטיגע אויגען!" און האָט מיט פייער אַרומגעכאַפּט איהר מאַמען קושען.

אויפ'ן סוף האָט פרוי לענאָרע ערקלעהרט, אַז זי איז מיעד.

דזשעממא האט איהר גלייך אן עצה געגעבען, זי זאל א דרעמעל כאפען אויף איהר קרעסלא.

—און כל זמן דו וועסט דרעמלען, מאמע — האט זי גע־רעדט מיט א ליעבען שמייכעל — וועל איך און דער רוסישער הערר זיין שטיל, זעהר שטיל, מאמע, אט ווי מייזעלעך...

פרוי לענארע האט געענטפערט מיט א קורצען שמייכעל, האט לייכט א זיפץ געטהאן און איינגעדרעמעלט.

דזשעממא האט זיך געזעצט נעבען איהר אויף א פוס־בענקעלע און מורא געהאט מיט אן אבר א ריהר צו טהאן.

מיט איין האנד האט זי אונטערגעהאלטען די קישעלע, אויף וועלכער איהר מאמע'ס קאפ האט גרוהט, און מיט דער צוויי־טער האט זי צייכענס געגעבען סאנין'ען, ווי נור ער האט זיך געפרופט אריהר טהאן, ער זאל זיצען רוהיג.

און אויפ'ן סוף איז ער אויך געבליעבען זיצען, ווי פערגלי־ווערט, ניט א ריהר טהאנדיג מיט קיין אבר. ווי א פער־כשוף'טער איז ער געזעסען, מיט א נשמה פול מיט בענייס־טערונג פאר די רייצענדע מיידעל... דאס גאנצע בילד פאר איהם האט איהם בע'כישוף'ט: דאס האלב דונקעלע צימער, די פריי־שע בלומען אין גרינע גלעזער, די אלטע דאמע מיט די רוהיג צונויפגעלייגטע הענד און דעם מיעדען, אבער פריינדליכען פנים, וואס האט אפגעשלאגען מיט א בעזונדערער ווייכקייט אויף דער שנעע־ווייסער קישען, און איבערהויפט דזשעממא, די יונגע, וואכענדע, פריינדליכע, קלוגע, ריינע און ליעבע דזשעממא, מיט די דונקעלע, טיעפע און שטראהלענדע אויגען... וואס איז עס אלעס? א חלום... א מעשה פון טויזענד און איין נאכט?... און ער? ווי קומט ער אהער?...

עלפטער קאפיטעל.

און פלוצים האט זיך דערהערט דאס קלינגען פון'ם טיהר־גלעקעל. א קליינער פויערשער אינגעל אין א פעלצענער היטעל און א רויטער וועסט איז אין קאנדיטעריי אריין.

ער איז געווען דער ערשטער קונד פאר'ן גאנצען טאג.

די אלטע דאמע האט ווייטער געדרעמעלט. דזשעממא האט ניט געוואגט איהר האנד פון איהר מאמע'ס צוקאפענס אוועק־צונעהמען, מורא האבענדיג זי אויפצואוועקען. האט זי זיך שטיל צו סאנין'ען געווענדעט:

— געהט איהר אריין אהין אנשטאט מיר.

סאנין האט זיך גלייך אויפגעהויבען פון ארט און איז אויף די שפיץ פינגער פון צימער אין די קאנדיטעריי אריין.

דאס אינגעל האט פערלאנגט א פערטעל פונט לעקעכלאך.

— וויפיעל זאל איך ביי איהם נעהמען? — האט סאנין ארויסגעשעפצעט דורך דער טיהר.

— זעקס קרייצער — האט דזשעממא געענטפערט אויך מיט א שעפצען.

סאנין האט אפגעוויינען פאר דעם אינגעל א פערטעל פונט לעקעכלאך. דאן האט ער אויפגעזוכט א שטיק פאפיער, פון דעם א זעקעלע געמאכט, אריינגעלייגט אהין די לעקעכלאך, צוגע־מאכט דעם זעקעלע, אריינגעטרויסעלט די לעקעכלאך אין איהם, געפרופט איהם בעסער צומאכען און ווידער איהם געשאקעלט און געטרויסעלט, ביז ער האט איהם אויפ'ן סוף דעם אינגעל אין די הענד דערלאנגט און פון יענעם די געלד גענומען.

דאס אינגעל האט אויף איהם די אויגען אויסגעגלאצט און האט פון פערוואונדערונג דאס היטעל אין די הענד געדרעהט און געקנייטשט. וועהרענד דזשעממא, צוזעהענדיג עס פון ווייטען,

אין צימער זיצענדיג, האָט מיט דער פרייער האנד איהר מויל פערשטעלט און געשטיקט זיך פון געלעכטער.

דאָס אינגעל איז ארויס, איז א צווייטער קונד אריין און א דריטער...

— ווי עס שיינט, האָב איך א מזל'דיגע האנד — האָט סאנין א טראַכט געטהאָן.

דער צווייטער האָט געוואָלט א גלאָז מאַנדעל־מילך, דער דריטער — א האַלב פונט קאָנפעקטען. סאנין האָט זיי געגעבען. דערביי האָט ער אָנגעמאַכט א גאַנצען ליארם מיט די לעפעלאך און גלעזער.

און שפּעטער ווען ער האָט אָפּגעגעבען א רעכנונג פון זיין לייזונג פאַר דזשעממאַ'ן, האָט זיך ארויסגעוויעזען, אז פאר די מאַנדעל מילך האָט ער צו וועניג גענומען, דערפאַר אָבער האָט ער פאַר די קאָנפעקטען מיט צוויי קרייצער מעהר גענומען.

דזשעממאַ האָט פון איהם געלאַכט און זיך געדרייצט מיט איהם. און סאנין? אין זיין גאַנצען לעבען איז ער ניט געווען אזוי גליקליך ווי היינט. ער וואָלט זיין גאַנצען לעבען לאַנג אין דער קאָנדיטעריי געשטאַנען און קאָנפעקטען און מאַנדעל־מילך פערקויפט, אבי צו זיין נאָהענט נעבען דער שעהנער דזשעממאַ'ן....

פרוי לענאָרע האָט נאָך געשלאָפען. דזשעממא איז צופריעדען געווען פון דעם.

— ווען די מאַמע שלאָפט זיך אויס, טהוט איהר ניט וועה מעהר דער קאָפּ — האָט זי ארויסגעשעפּצעט.

סאַנין האָט אָנגעהויבען זי אויספרעגען מיט אַן ערנסטער מינע וועגען די פרייזען פון פערשיעדענע ארטיקלען אין דער קאָנדיטעריי און דזשעממא האָט איהם מיט אזאַ ערנסטער מינע געענטפערט און בעת דעם האָבען זיי ביידע אין הארצען פרעהלעך געלאַכט, אקוראַט ווי זיי וואָלטען אומיסנע א העכסט אמוזאנטע קאָמעדיע געשפּיעלט.

פּלוצים האָט אין דרויסען א שאַרמאַנקע גענומען שפּיעלען.

די שרייענדיגע און שניידענדיגע טענער האָבען אָפּגעהילכט אין דער לופטען מיט א פייפען און קוויטשען. דזשעממא האָט א ציטער געטהאָן.

— ער וועט די מאַמע'ן אויפוועקען! — האָט זי ארויסגע־שעפּצעט.

סאַנין איז גלייך ארויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס, האָט אריינ־געדוקט דעם מוזיקאנט אין האנד עטליכע קרייצער און איהם געהייסען אוועקגעהן.

און ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין צימער, האָט איהם דזשעממא בעדאַנקט מיט א רייצענדען שמייכעל. דאַן האָט זי שטיל פאר איהם געגומען זינגען א שטילע מעלאָדיע און וועגען מוזיק מיט איהם געגומען ריידען. און אין א ווײלע ארום פון פּאָעזיע און ליעבע...

און די אַלטע מאַמע האָט אַלץ געשלאָפען, זי האָט זאָגאר געכראָפּעט, און די גאָלדענע שטראַהלען פון דער זונן האָבען זיך דורך די פענסטער און פארהאַנגען אריינגע'גנב'עט און האָבען געשפּיעלט זיך, און געפינקעלט אויף דער פּאָדלאָגע, איבער די מעבעל, איבער די בלומען און איבער דזשעממא'ס קלייד...

צוועלפטער קאַפּיטעל.

שפּעטער איז זייער געשפּרעך אוועק וועגען דעם בעוואוס־טען שרייבער האָפמאַן, וועלכער איז אין יענער צייט זעהר פּאָ־פּולער געוועזען.

דזשעממא האָט ניט געהאַט קיין הויכע מיינונג וועגען יע־נעם. אין איהרע אויגען איז ער צו לאַנגווייליג געווען. זיינע פאַנטאַסטיש־נעבעלדיגע ערצעהלונגען זיינען פרעמד געבליעבען איהר געזונדער נאַטור.

— דאָס זיינען אַלץ מעשיות פאר קינדער! — האָט זי

ארויסגעזאָגט איהר מיינונג וועגען יענעמס ערצעהלונגען. נור
איין ערצעהלונג האָפמאַן'ס איז איהר יא געפעלען געוועזן. דעם
נאָמען פון יענער ערצעהלונג האָט זי פערגעסען. אייגענטליך
איז איהר געפעלען געוועזן נור דער אָנפאַנג פון יענער ערצעה־
לונג, דעם סוף האָט זי ניט געלעזען, צי זי האָט עס פערגעסען,
זי געדענקט ניט אויף געוויס.

עס האַנדעלט זיך דאָרט, אין יענער ערצעהלונג הייסט עס,
וועגען א יונגען־מאַן וואָס טרעפט זיך מיט א יונגער בילד־שעה־
נער מיידעל ערגעץ אין א קאָנדיטעריי, דאַכט זיך. די מיידעל
איז בעגלייט פון א געהיימניספולען, זאָנדערבאַרען, בייזען אַל־
טען מאַן... דער יונגערמאַן פערליעבט זיך אין דער מיידעל פון
דעם ערשטען בליק... זי קוקט אויף דעם יונגען־מאַן מיט אַזוינע
יחמנות'דיגע אויגען, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך ביי איהם געבעטען,
ער זאָל זי בעפרייען... ער געהט אויף אַ ווײַלע אַוועק און ווען
ער קעהרט זיך צוריק, טרעפט ער שוין ניט מעהר אין דער קאָנ־
דיטעריי ניט די מיידעל און ניט איהר בעגלייטער, דעם אַלטען;
וואַרפט ער זיך זי זוכען, זוכט זי און זוכט און אויף יעדען שריט
און טריט שטויסט ער זיך אָן אויף איהרע פרישע שפורען, יאָגט
זיך נאָך איהר, יאָגט זיך, ווערט ניט מיעד יאָגענדיג זיך נאָך
איהר, קען זי אָבער מעהר ניט אָניאָגען... די שעהנהייט איז פער־
שוואונדען פאַר איהם, פערשוואונדען אויף אייביג — און קיינ־
מאָל האָט ער ניט געקאָנט פערגעסען איהר בעטענדיגען בליק,
און אַ שווערער געדאַנק האָט איהם פון דעמאָלט אָן געמוטשעט:
עס קען זיין, אַז דאָס גליק פון זיין גאַנץ לעבען האָט זיך פון
זיינע הענד אַרויסגעגליטשט...

עס איז גאַנץ מעגליך, אַז האָפמאַן האָט די ערצעהלונג אַזוי
ניט געענדיגט, נור אין דזשעממאַ'ס פאַנטאַזיע האָט זי זיך אַזוי
אָפגעשפיגעלט.

— מיר דאַכט זיך — האָט זי גערעדט — אַז אַזוינע בעגעג־
נענישען און צושיידונגען טרעפען מיר אין לעבען פיעל אָפטער
ווי מיר דענקען.

סאַנין האָט אַ ווײַלע געשוויגען. דאַן האָט ער גענומען ריידען וועגען... הערר קלובער'ן, איהר חתן... דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט יענעם דערמאָנט, ביז איצט האָט ער וועגען יענעם קיין איינציגען מאָל ניט גערעדט.

דזשעממא האָט זיך פערטראַכט, גענומען בייסען דעם נאָגעל פון איהר צייגע־פינגער און אָפּגעקעהרט איהר קאָפּ.

דאַן האָט זי גענומען לויבען איהר חתן, דערמאָנט וועגען זיין מאָרגענדיגען פערגעניגענס טאור, האָט ווידער שנעל אַ קוק געטהאָן אויף סאַנין'ען און איז פּלוצים אַנשוויגען געוואָרען.

סאַנין האָט זיך גענומען פיהלען אין אַ פערלעגענהייט און ניט געוואוסט, וועגען וואָס ווייטער צו ריידען.

אין דיעזער מינוט איז עמיל אַריין אין צימער מיט אַ ליאַרם און האָט אויפגעוועקט זיין מאַמען... סאַנין האָט זיך דערפרעהט מיט זיין קומען.

פרוי לענאָרא איז אויפגעשטאַנען פון קרעסלאָ. פאַנטאַלעאָן איז אַריין און געמעלדעט, אַז דער דינער איז פאַרטיג. דער הויז־פריינד, דער אמאָהליגער זינגער, דער בעדיענער, האָט אויך אויסגעפילט דעם פלאַץ פון אַ קאָכער.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

נאָך'ן דינער איז סאַנין ווייטער פערבליעבען. מען האָט איהם ווידער ניט אָפּגעלאָזט מיט דעם אויסרייד, אַז אין דרויסען איז זעהר הייס... ווען די היץ איז אַ ביסעל אָפּגעפאַלען, האָט מען איהם פאָרגעשלאָגען אַ טאַשע קאַפּע צו טרינקען אין גאָרטען אונטער'ן שאָטען פון די אַקאַציען. ער האָט איינגעווילינגט. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך. דער איין־פאָרמיג שטילער און גלאַטער שטראָם פון'ם לעבען פערבאָרגט אין זיינע טיעפעניסען גרויסע פריידען און פערגניגענס — און סאַנין

האט זיך צו זיי אפגעגעבן מיט זיין גאנצער זעל, ניט ערווארטענדיג קיין בעזונדערעס פון דעם היינט און ניט טראכטענדיג פון דעם נעכטען... איז עס אליין שוין ניט א גרויס גליק, צו פיהלען נעבען זיך אזוי נאהענט אזא שעהנע, רייצענדע מיידעל, ווי דזשעממא? באלד וועט ער זיך צושיידען מיט איהר און מסתמא אויף אייביג... דערווייל אבער איז ער נעבען איהר און זי נעבען איהם, טראגען זיך ביידע ווי אין איין שיפעל איבער די לעבענס כוואליעס — טא טראג זיך, שיפעלע, טראג זיך, און איהר, וואס זיצען אין איהר, פרעהט זיך, האט הנאה פון דעם מאמענט און זייט גליקליך!...

און סאנין איז טאקי גליקליך געווען, און אלעס האט זיך איהם אויסגעוויזען אזוי שעהן, אזוי ליעב און אזוי רייצענד.

פרוי לענארע האט איהם פארגעשלאגען צו שפיעלען מיט איהם אין קארטען און ער איז זעהר גליקליך געווען, וואס זי האט ביי איהם געוואונען עטליכע קרייצער.

דאן האט עמיל געבעטען פאנטאלעאן'ען, ער זאל וויזען, וואס פאר א קונצען זייער הונט טארטאליע קען מאכען. פאנטאלעאן האט איהם צוליעב געטהאן און געוויעזען, ווי „געלערנט" טארטאליע איז: דער הונט האט איבער א שטעקען געשפרונגען, האט „גערעדט", דאס הייסט געבילט, מיט דער נאז גענאסען, האט די טהיר מיט דער מארדע צוגעמאכט און געבראכט צו שלעפען פאנטאלעאן'ס אלטען שוך.

אלע האבען זיך מיט דעם אמוזירט, געלאכט און געפרעהט זיך, און סאנין מעהר פון אלעמען.

דזשעממא האט געלאכט נאכאנאנד ליעב און שטיל, פון אן איינגעהאלטענעם קאמישען קוויטשען בעגלייטעט, און דאס דאזיגע קוויטשען האט אזוי צונומען סאנין'ען, אז ער וואלט, דאכט זיך, איהר די גליעדער אויפגעקושט!...

אויפ'ן סוף איז געוואָרען נאכט. סאנין'ען איז שווער געווען צו שיידען זיך מיט זיי, אבער מען האט דאך געדארפט לאזען זיי שלאפען אויך! ער האט זיך עטליכע מאל מיט יעדען

בעזונדער געזעגענט, מיט עמיל'ן זאָגאר זיך צוקושט, און ווידער און אָבער זיי יעדען די הענד געדריקט, און ווידער און אָבער זיי יעדען „ביז מאָרגען" געזאָגט, און ענדליך איז ער אהיים אוועק און פאר זיינע אויגען האָט זיך געטראָגען דאָס בילד פון דער יונגער מיידעל, האָט זיך געטראָגען און דאָ געלאַכט צו איהם און דאָ געקוקט אויף איהם פערטראכט און רוהיג, זאָגאר אמאָל גלייכגילטיג, אָבער אימער, אימער שעהן און רייצענד....

איהרע אויגען, דאָ ברייט געעפענט, שטראַהלענדיג און פרעהליך, ווי דער יונגער פריהלינג־טאָג, און דאָ האלב פער־שלייערט פון די לאַנגע ווימפּערן, טיעף און דונקעל, ווי די נאַכט, האָבען געשוועבט פאר איהם, האָבען פערפאָלגט איהם און די גאַנצע וועלט פאר איהם פערשלייערט...

וועגען הערר קלובער'ן האָט ער איצט אויך ניט א טראַכט געטהאָן....

פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

עס איז שוין צייט מיר זאָלען א פּאָר ווערטער זאָגען וועגען סאַניִן'ען אויך.

ערשטענס, ער איז געווען גאָר ניט קיין מיאוס'ער יונגער־מאַן. הויך און שלאַנק מיט אנגענעהמע, הגם עטוואָס ניט רעגעלמעסיגע, געזיכטסציגע, פריינדליכע בלויע אויגען, העל־בלאָנדע האאר און א פנים בלוט און מילך. אָבער דאָס וואָס איז אם מעהרסטען אין איהם אנגענעהם געווען, איז דער אויסדרוק אויף זיין פנים — א גוטמוטהיג־פרעהליכער, אָן אויפריכטיגער און פערטרויאונגספולער, הגם אויפ'ן ערשטען בליק עטוואָס א נארישער אויסדרוק, אָן וועלכען מען האָט אמאָליגע יאָהרען געקענט דערקענען די קינדער פון די רוסישע פריצים. אין גאַנג האָט ער זיך עטוואָס געשלעפּט. זיין קול איז געווען א הייזע־

רינגליכער, זיין שמייכעל ווי ביי א קינד, ענדליך, פריש און געזונד, און ווייך, ווייך, ווייך — אָט איז ער פאר אייך אין גאַנצען. פון קיינע אונרוהיגע געפיהלען און געדאנקען, וואָס האָבען אין יענער צייט געמוטשעט די בעסטע טהייל פון דער רוסישער יוגענד, האָט ער ניט געוואוסט.

* * *

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען סאַנין איז נאָך אין בעט געלעגען, איז עמיל, אָנגעפּודערט און אויסגעפּוצט מעשה פראַנט, מיט א שטאָק אין האנד, אריינגעפלויגען צו איהם אין צימער און איהם ערקלערט אין איין אָטהעם, אז הערר קלובער וועט באלד דאָ זיין מיט'ן וואָגען, אז דאָס וועטער אין דרויסען איז זעהר שעהן, אז זיין מאמע וועט ניט פאָהרען מיט זיי, ווייל דער קאָפּ טהוט איהר ווידער וועה, און דערפאר מוז ער, סאַנין, זיך אונטעראיילען.

און ווירקליך, אין א ווײַלע ארום איז הערר קלובער טאַקי געקומען. סאַנין האָט זיך דאַן נאָך געהאַלטען אין אָנטהאָן. ער האָט זיך זעהר פריינדליך פערנייגט פאר סאַנין'ען און, זאָגענדיג, אז ער, סאַנין, דאַרף זיך ניט איילען, האָט ער זיך פאַרזיכטיג אניעדערגעזעצט אויף א שטוהל און אוועקגעלעגט זיין הוט אויף די קניע מעשה דזשענטעלמען.

ער איז געווען שטאַרק אָנגעפּודערט און אָנגעפאַרפּומירט און ביי יעדער בעוועגונג זיינע, האָבען פון איהם א שטראָם געטהאָן שטאַרקע ריחות.

ער איז געקומען אהער אין אן אָפענעם וואָגען, געשפּאַנט מיט צוויי שטאַרקע גרויסע פערד.

אין א פערטעל שטונדע ארום איז דער דאָזיגער וואָגען מיט סאַנין, קלובער און עמיל אויף איהם, צוגעפאָהרען צו דער קאָנדיטעריי.

פרוי לענאָרע האָט פאר קיין פאַל ניט געוואָלט פאָהרען מיט זיי. דזשעממא האָט געוואָלט נעבען איהר מוטער בלייבען, אָבער פרוי לענאָרע האָט מיט געוואַלד זי געצוואונגען צו פאָהרען.

— איך דארף קיינעם ניט — האָט די אַלטע דאַמע זי פער־ויכערט — איך וועל זיך צולייגען שלאָפען. איך וואָלט פאַנ־טאַלעאָן'ען מיט אייך אויך געשיקט, אָבער עס מוז דאָך אימיצער אין געשעפט בלייבען.

— מעגען מיר דעם הונט אויך מיטנעהמען, מאַמאַ? — האָט עמיל געפרעגט.

— געווים מעגט איהר — האָט פרוי לענאָרע געענטפערט.

טאַרטאַגליע איז פרעהליך ארויפגעשפרונגען אויף די קאַז־לעס פון וואָגען, האָט זיך בהרחבה'דיג אויסגעצויגען אויפ'ן בויך און זיך גענומען בעלעקען. עס איז קענטיג געווען, אז אזוינע ארויספאָהרונגען זיינען פאר איהם קיין נייעס ניט געווען.

דזשעממאַ האָט אויפ'ן קאָפּ אַ גרויסען שטרויענעם הוט גע־טראָגען מיט אַ ברויענעם באַנד. דער הוט איז אין פאָרענט געווען אויסגעבויגט אזוי, אז ער האָט פערשטעלט כמעט איהר גאַנצען געזיכט פון דער זונן. פון אונטער איהם האָבען ארויס־געקוקט איהרע ראָזעווע ליפּעלאך, וועלכע זיינען פריש און בלי־הענד געווען, ווי די צאַרטע בלעטער פון אַ ראָזע, וועהרענד איה־רע צייהן, ריין און ווייס, ווי פון אַ קינד, האָבען ארויסגע־בלישצעט אונשולדיג און פער'גנב'עט.

זי האָט זיך געזעצט אין וואָגען נעבען סאַנין'ען, קלובער און עמיל געגען איהר.

ביים פענסטער האָט זיך בעוויעזען פרוי לענאָרע'ס בליי־כער פּנים, דזשעממאַ האָט צו איהר מיט'ן טיכעל אַ מאַך גע־טהאָן, און די פערד מיט'ן וואָגען האָבען זיך אַוועקגעטראָגען....

פופצעהנטער קאַפּיטעל.

סאָדען איז אַ קליין שטעדטעל, אַ האַלבע שטונדע רייזע פון פראַנקפורט. עס ליעגט אין אַ רייצענדען געגענד און איז בע־

ריהמט מיט זיינע מינעראל-וואסער. די פראנקפורטער פאהרען אהין פון פערגניגען וועגען.

דער וועג פון פראנקפורט צו סאדען לויפט פאזע טייך מאין, צווישען בוימער פון ביידע זייטען.

וועהרענד דער וואגען האט זיך געטראגען איבער'ן שאססע, האט סאנין פער'גנב'עט געקוקט אויף דזשעממא'ן אום צו זע-הען, ווי אזוי זי פערהאלט זיך געגען איהר חתן. דאס איז גע-ווען דאס ערשטע מאל, וואס ער האט זיי צוזאמען געזעהן.

זי האט זיך געהאלטען געגען איהר חתן איינפאך און רו-היג, אבער עטוואס איינגעהאלטענער און ערנסטער, ווי געוועהנ-ליך. און ער, הערר קלובער, האט זיך געהאלטען געגענאיבער איהר מיט א געוויסער קאלטער פריינדליכקייט, ווי א לעהרער, וואס האט ערלויבט אי זיך, אי זיין שילערין אן אונשולדיגען און אנשטענדיגען פערגניגען.

קיין בעזונדערע אויפמערקזאמקייט האט ער איהר ניט ארויסגעוויזען. עס איז קענטיג געווען, אז ביי הערר קלובער'ן איז די זאך שוין געווען געענדיגט מכוח דזשעממא'ן, און דער-פאר האט ער געהאלטען פאר איבעריג אנצושטרענגען זיך אין דעם פערליעבטען שפיעלען...

די קאלטע פריינדליכקייט אבער האט איהם אויף איין מינוט ניט פערלאזען. אפילו דעמאלט, ווען זיי האבען פאר-מיטאג גענומען א גרויסען שפאציר איבער די בערג און טהאלען הינטער סאדען, אפילו דאן, ווען זיי האבען די שעהנקייט פון דער נאטור בעוואונדערט, האט זיך ביי איהם אויך ניט געוויזען קיין ווארימערער אויסדרוק, נור אימער דער זעלבער קאלטער פריינדליכער און אפט שטרענגער אויסדרוק פון אן עלטסטען, בעת ער בעמערקט א פעהלער ביי זיינעם אן אונטערגעגעבענעם...

פון צייט צו צייט האט ער מיט א שטרענגען טאן קריטי-קירט די נאטור. למשל: וועגען א קליינעם שטראם, וואס האט געפלאסען אין איין גלייכער ריכטונג, האט ער זיך אויס-געדריקט, אז דער שטראם האט געדארפט פליסען ניט גלייך,

נור אין קרומע ציק־צאַקען... ער האָט אויך אַ קיבעץ געטהאָן אַ קליין פייגעל אַ זיאַבליק, וואָרום עס זינגט ניט, ווי אַ נאַכ־טיגאַל...

דזשעממאַ האָט ניט ארויסגעוויזען קיין לאַנגווייליגקייט. פּאַרקעהרט, ווי עס שיינט, האָט זי זיך אַמוזירט. אָבער די פריהערדיגע דזשעממאַ'ן האָט סאַנין אין איהר פּאָרט ניט דער־קאָנט. ניט דערפאַר, ווייל אַ שאָטען זאָל האָבען איהר פּנים פערדונקעלט, ניין! — נאָך קיינמאָל האָט איהר שעהנקייט אַזוי ניט געשטראַהלט, ווי גראַד איצט! — אָבער איהר זעעל איז עפּעס ווי אין זיך אַריין, האָט זיך פערבעהאַלטען.

פונאַנדערגעעפענט דעם שירם, מיט די האַנדשוה ניט צוגע־שפּילעט, האָט זי געשפּאַצירט לאַנגזאַם און סמאַטעטשנע, ווי עס שפּאַצירען געבילדעטע מיידלאַך, און גערעדט זעהר וועניג.

עמיל האָט זיך אויך געפיהלט ניט אַנגענעהם, זשענירט, און סאַנין נאָך מעהר.

איין טאַרטאַליאַ האָט זיך געפיהלט גוט. מיט אַ משוגענעם בילען האָט ער זיך געיאָגט נאָך פייגלען, געשפּרונגען איבער קאַ־נאַוועס און גריבער און איבער שטאַמען פון בוימער, האָט זיך אין וואַסער אַריינגעוואָרפען, און עס אין איין אָטהעם געלאָק־טשעט, האָט זיך אָפּגעטרויסעלט, געקוויטשעט און ווידער זיך אַוועקגעלאָזט פייל פון בויגען, די רויטע צונג אַרויסגעשטעלט...

הערר קלובער פון זיין זייט האָט אַלעס געטהאָן, וואָס נור ער האָט פאַר נויטיג געפונען, אום די געזעלשאַפט צו אַמוזירען. ער האָט זיי אַלעמען איינגעלאַדען זיך זעצען אונטער אַ שאָטענדי־גען דעמב און, אַרויסנעהמענדיג פון קעשענע אַ קליין ביכעלע מיט אַנעקדאָטען, האָט ער פאַר זיי גענומען לעזען. אַ גאַנצען דוצענד אַנעקדאָטען האָט ער פאָרגעלעזען, אָבער פרעהליכער האָ־בען זיי ניט געמאַכט. איין סאַנין האָט געשמייכעלט פון העפ־ליכקייט וועגען, דערפאַר האָט דער בעל־דבר אַליין, הערר קלו־בער, געלאַכט. אַפּילו מיט אַ קורצען און שפּאָרעוודיגען גע־לעכטער האָט ער געלאַכט, אָבער פאָרט געלאַכט!...

ארום צוועלף האבען זיי זיך אלע צוריקגעקעהרט קיין סאדען און פערפאהרען אין דעם בעסטען דארטיגען טראקטיר.

איצט האט מען געדארפט א טראכט טהון וועגען דינער עסען.

הערר קלובער האט פארגעשלאגען, מען זאל דינער עסען אין א פערמאכטען פלאץ, אין „גארטען-סאלאן“, נור דא האט דזשעממא פלוצים ארויסגעטראטען געגען איהם און ערקלערט, אז זי וועט ניט עסען קיין דינער, סיידען אין דער פרייער לופט, אין גארטען ביי איינעם פון די קליינע טישלאך; עס לאנגווייליגט איהר שוין, אימער צו זעהן די זעלבע פנים'ער, זי וויל זעהן פרעמדע אויך.

פאר איינינע פון יענע טישלאך זיינען שוין געסט געזעסען.

ביז וואנען הערר קלובער, נאכגעבענדיג זיין כלה'ס „קאפריז“, האט זיך דארט דורכגערעדט מיט דעם הויפט-קעלנער וועגען עסען, איז דזשעממא געשטאנען ווי א פערגליווערטע, מיט זיי אויגען ארונטערגעלאזט און די ליפען צונויפגעשצעמעט. זי האט געפיהלט, אז סאנין קוקט אויף איהר מיט פרעגעדיגע אויגען און דאס הפנים האט זי געערגערט.

אויפ'ן סוף איז הערר קלובער פארטיג געווארען מיט דעם הויפט-קעלנער, איז צו זיי צוגעגאנגען און ערקלעהרט, אז דער דינער איז אין א האלב שעה פארטיג. דערווייל, האט ער פארגעשלאגען, זאלען זיי שפיעלען אין קעגעל. עס מאכט אפעטיט.

אין קעגעל האט ער געשפיעלט ווי א מייסטער. ווארפענדיג דעם באלל, האט ער זיך געהאלטען מעשה גרויסער העלד, בריה'ש געשפיעלט מיט די מוסקולען און בריה'ש אונטערגעשפרונגען און געשאקעלט מיט'ן פוס. ער איז געוועזן אין זיין ארט אן אטלעט, און געבויט איז ער געוועזן פראכטפול. און הענד האט ער אויך געהאט ווייסע און שעהנע, און געווישט האט ער זיי מיט א טהייערן גאלד געשטרייפטען טיכעל פון אינדישער זייד.

מען האט געבראכט עסען, און זיי אלע האבען זיך ארומגעזעצט ארום טישעל.

זעכצעהנטער קאפיטעל.

ווייסט איהר, וואס דאס הייסט א דייטשער מיטאג? א וואסערדיגער סופ מיט אומגעלומפערטע קניידלאך, געקאכטע רינד־פלייש, טרוקען ווי לעדער, מיט ווייסען שמאלץ, מיט געריי־בענעם כריין און אנדערע אזוינע מאכלים. דאן די אונפערמייד־ליכע „מעהלשפייזע“, א מין פודינג, בעגאסען מיט א רויטע, זויערליכען סאוס. דערפאר ביער און וויין די בעסטע.

אט אזא מיטאג האבען אונזערע העלדען דאן אין סאדען אויף געגעסען.

נאכ'ן מיטאג האט מען דערלאנגט קאפע צום טיש. דאן האט הערר קלובער, ווי אן אמת'ער קאוואליער געבעטען ער־לויבניש ביי דזשעממא'ן א סיגאר פעררויכענען. אלעם איז צו־געגאנגען אזוי שעהן און אנשטענדיג, אזוי רוהיג און לייטיש. פלוצים האט עפעס פאסירט, וואס איז געווען אונאנגענעהם און אפילו ניט שעהן אויך.

ביי איינעם פון די טישלאך ניט ווייט פון זייערען זיינען געזעסען עטליכע אפיציערען און האבען געטרונקען. נאך זייערע בליקן און סוד'ען זיך, האט מען געקאנט לייכט פערשטעהן, אז דזשעממא'ס שעהנקייט האט געצויגען זייער אויפמערק־זאמקייט.

איינער פון זיי, וועלכער איז הפנים גוט בעקאנט געווען מיט פראנקפורט, האט ניט אפגעריסען זיינע אויגען פון דזשעממא'ן, און ווי עס איז קענטיג געווען, האט ער געוואוסט, ווער זי איז.

און מיט אמאל האט ער זיך פון זיין ארט אויפגעהויבען און מיט א גלאז אין האנד, שיכור, איז ער צוגעגאנגען צו דעם טי־שעל, פאר וועלכען דזשעממא איז געזעסען.

דאס איז געווען נאך גאר א יונגער מאן, א בלאנדער מיט א

גאנץ אנגענעהמען, סימפּאַטישען פּנים. אָבער דער וויין, וואָס ער האָט געטרונקען, האָט איהם דעם פּנים צוקרימט, און א טעמ־פּען, טהירישען אויסדרוק צוגעגעבען.

די באַקען האָבען ביי איהם געצוקט, די בלישצענדיגע אויגען האָבען געבלאַנדזשעט און פרעך געשמייכעלט.

שאַקלענדיג זיך אויף זיינע פיס, האָט זיך דער אָפיציער פאר דזשעממאַ׳ן אוועקגעשטעלט און מיט א שיכור׳ן קול אויס־געשריען:

— איך טרינק פאר דעם געזונד פון דער שעהנסטער קאַפּע־מיידעל אין גאנץ פראנקפורט, אין דער גאַנצער וועלט!

און, אויסטרינקענדיג די גלאָז וויין אין איין אָטהעם, האָט ער צוגעלייגט:

— און אלס בעלוינונג נעהם איך מיר די בלום וואָס זי האָט מיט איהרע געטליכע פינגער געפליקט!

ער האָט גענומען די בלום, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן טיש נעבען דזשעממאַ׳ן.

לכתחילה האָט זי זיך פערוואונדערט, זיך דערשראָקען און איז שרעקליך בלייך געוואָרען. דאַן האָט זיך איהר שרעק פער־וואַנדעלט אין ענטריסטונג; זי איז אין גאַנצען רויט געוואָרען, ביז די וואָרצלען פון איהרע האָאר, און איהרע אויגען, גלייך זעלבער צייט זיך אָנגעצונדען און געלאָשען, פערצויגען מיט א וואָלקען און באַלד געברענט מיט דעם פייער פון שטאַרקען צאָרן.

דיעזע אויגען האָבען הפּנים צומישט דעם אָפיציער; ער האָט ארויסגעמורמעלט איינינע אונפערשטענדליכע ווערטער און איז אוועק צוריק צו זיינע חברים. זיי האָבען איהם אויפגע־נומען מיט געלעכטער און לייכטע אפּלאָדיסמענטען.

הער קלובער האָט זיך דאַן פון זיין אָרט א כאַפּ געטהאָן און, אויסציהענדיג זיך אין זיין גאַנצען וואוקס, האָט ער זיין הוט אָנגעטהאָן און ארויסגערעדט מיט ווירדע, הגם ניט צו הויך:

— אונערהערט! אזא פרעכהייט!

דאַן האָט ער אַ רוף געטהאָן דעם קעלנער און מיט אַ שטרענגען טאָן ביי איהם געפרעגט, וואָס קומט פון איהם. יאַ, נאָך מעהר: ער האָט אַפּילו געהייסען גלייך איינשפּאַנען די פערד אויך און נאָך צוגעלייגט, אז אנשטענדיגע מענשען דאַר־פען וויכען פון דעם פּלאַץ.

ביי דיעזע ווערטער האָט דזשעממא, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסען אויף איהר פּלאַץ, ניט ריהרענדיג זיך, מיט איהר בוזים שווער אָטהעמענדיג, אַנגעשטעלט איהרע אויגען אויף איהר חתן... און פערראַכטונג און צאָרן האָבען דאָרט אַ פלאַם געטהאָן...

עמיל האָט זיך געטרייסעלט פון אויפרעגונג.

— שטעהט אויף, מיין פריילין — האָט זיך דאַן העררן קלובער געווענדעט צו איהר מיט דעם זעלבען שטרענגען טאָן — פאַר אייך פּאַסט ניט צו פערבלייבען לענגער אין דיעזען פּלאַץ.

שווייגענדיג האָט זיך דזשעממא פון איהר אָרט אויפ־געהויבען.

ער האָט איהר דערלאַנגט דעם אַרעם, זי האָט איהם אָנגע־נומען און מיט מאַיעסטעטישע טריט האָט ער זיך געלאָזט געהן צום ארויסגאַנג. עמיל הינטער זיי, אויפגערעגט און פערשעהמט.

אין דער זעלבער צייט איז סאַנין מיט שנעלע טריט צוגע־גאַנגען צום טישעל, ארום וועלכען די אָפיציערען זיינען געזעסען, און, ווענדענדיג זיך צום אָפיציער, וועלכער האָט דזשעממא'ן בעליידיגט (אין דיעזער צייט גראַד האָט יענער זיינע חברים גע־געבען דזשעממא'ס בלום), האָט ער אויסגעשריען אויף פראַנ־צויזיש:

— מיין העררר, די אַרט און ווייזע, ווי איהר האָט ערשט געהאַנדעלט געגען יענער פריילין, איז אונטער די ווירדע פון אַן עהרענמאַן און אָפיציער, און איך בין געקומען אייך זאָגען, אַז איהר זייט אַן שלעכט־ערצויגענער יונגאַטש!

דער יונגער אָפיציער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אָבער אַן אַנדער אָפיציער, וועלכער איז פאַר איהם עלטער געוועזן,

האַט איהם אַ כאַפּ געטהאָן פאַר׳ן אַרעם און מיט געוואַלד איהם צוריק אַוועקגעזעצט. דאַן האָט יענער זיך געווענדעט צו סאַ־ נין׳ען און איהם געפּרעגט אויך אויף פראַנצויזיש, אויב ער איז אַ קרוב צו אַ ברודער, אָדער אפשר גאָר דער חתן פון דער פרייליין.

— איך בין איהר אַ פרעמדער — האָט סאַנין געענטפערט — אָבער איך קען אַזאַ פרעכקייט גלייכגילטיג ניט פערטראָגען; אָבער... דאָ האָט איהר מיין קאַרטע און אַדרעס. דער הערר אָפיציער וועט מיך קענען טרעפען.

מיט דיעזע ווערטער האָט סאַנין אַ וואָרף געטהאָן זיין קאַרטע אויפ׳ן טיש און מיט אַ שנעלער בעוועגונג האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דזשעממאַ׳ס בלום, וועלכע איינער פון די אָפיציע־ רען האָט אויף זיין טעלער געהאַט.

דער יונגער אָפיציער האָט זיך וויעדער געוואָלט אַ וואָרף טהאָן אויף איהם, אָבער איינער פון זיינע חברים האָט איהם וויעדער אָפּגעהאַלטען מיט די ווערטער:

— דאָנהאָף, רוהיג!...

דאַן איז דער זעלבער אָפיציער, וואָס האָט דאָנהאָף׳ען אָב־ געהאַלטען, צוגעגאַנגען צו סאַנין׳ען און, צולייגענדיג די האַנד צום קאַזיראָק, האָט ער איהם ערקלערט, אַז מאָרגען וועט איינער פון די אָפיציערען די עהרע האָבען צו בעזוכען איהם אויף זיין קוואַרטיר.

סאַנין האָט זיך פערנייגט פאַר איהם און איז דאַן אַוועק צוריק צו זיינע פריינד.

* * *

הערר קלובער האָט געמאַכט אַ מינע, אַקוראַט ווי ער וואָלט גאָר ניט בעמערקט סאַנין׳ס צוגעהן צו די אָפיציערען און ניט זיין ערקלערען זיך מיט זיי.

ער האָט אונטערגעטריעבען דעם קוטשער, ער זאָל גיכער פאָהרען און איז געוואָרען שטאַרק אין כעס, וואָס יענער מאָר־ דעט אַזוי.

דזשעממא אליין האָט קיין איינציג וואָרט ניט אויסגערעדט מיט סאַנין'ען, זי האָט אפילו ניט געקוקט אויף איהם. אָבער איהרע צוזאמענגעצויגענע ברעמען, איהרע בלייכע, צונויפגע־פרעסטע ליפּען, די אַרט און ווייזע ווי זי איז געשטאַנען, האָ־בען שאַרפער אויסגעדריקט די געפיהלען, וואָס האָבען אין איהר נשמה געשטורמט, ווי די שטאַרקסטע ווערטער. איין עמיל נור האָט געוואָלט מיט איהם ריידען און אויספרעגען איהם. ער האָט געזעהן, ווי סאַנין איז צו די אָפּיציערען צוגעגאַנגען, ווי ער האָט זיי זיין קאַרטע דערלאַנגט. זיין האַרץ האָט העפטיג געקלאַפּט, זיינע באַקען האָבען געברענט און די אויגען זיינע האָבען געבלישצעט.

ער האָט געפיהלט, ווי צו וואַרפען זיך סאַנין'ען אויפ'ן האַלז און וויינען, אָדער ארויפוואַרפען זיך אויף די אָפּיציערען און זיך שלאָגען — איהם אַ טוידט, זיי אַ טוידט! אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטען און זיך בענוגענט נור מיט דעם, וואָס ער האָט נאָכגעפאָלגט יעדע בעוועגונג פון זיין רוסישען פריינד.

* * *

די גאַנצע צייט, פאָהרענדיג אהיים, האָט הערר קלובער ניט אויפגעהערט צו ריידען. אָבער קיינער האָט איהם ניט גע־ענטפערט. אַלע האָבען געשוויגען. איבערהויפּט האָט ער זיך פערברייט וועגן דעם, ווי אונגערעכט דזשעממא איז געוועז, וואָס זי האָט איהם ניט געוואָלט פאָלגען, בעת ער האָט געזאָגט, זיי זאָלען עסען אין דעם צוגעמאַכטען גאַרטען־סאַלאָן. דאַן וואָל־טען זיי אָט די דאָזיגע אונאַנגענעהמליכקייט ניט געהאַט.

נאָכדעם האָט ער געמאַכט איינינגע שאַרפע און זאַגאַר לי־בעראַלע בעמערקונגען וועגען די רעגיערונג און די אָפּיציערען. ער האָט זיי בעשולדיגט, אַז זיי זיינען ניט גענוג דיסציפּלינירט און פון דער אַנדערער זייט רעספּעקטירען זיי ניט גענוג דעם בירגערליכען עלעמענט פון דער געזעלשאַפט. פון דעם קען מיט דער צייט ארויסוואַקסען אַ שטאַרקע אונצופריעדענהייט און

ווער ווייס? אפשר נאָך א רעוואָלוציאָן אויך!.... דערביי האָט ער גלייך בעמערקט, אז ער אַליין וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט זיין קיין רעוואָלוציאָנער, ער האַלט פון דעם ניט! און גענענדיגט האָט ער מיט זעהר א וויכטיגע בעמערקונג וועגען מאָראַל, אנ־שטענדיגקייט און ווירדע....

דזשעממאַ איז געזעסען און זיך געשעהמט פאר איהר חתן'ס רייד און האַלטונג. און א ווײַלע שפּעטער האָט זי אויף אַן אמת געליטען און, הגם זי האָט נאָך אַלץ פערמידען מיט סאַנין'ען צו ריידען, האָט זי דאָך אויפ'ן סוף זיך ניט געקענט איינהאַלטען און א קוק געטהאָן אויף איהם מיט געבעט.

ער פון זיין זייט האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איהר און געפיהלט א טיפע פעראַכטונג צו איהר חתן. נאָך מעהר: אין הארצען האָט ער זיך שטאַרק געפרעהט מיט דעם, וואָס עס האָט פּאסירט, ניט קוקענדיג אויפ'ן דועל, וואָס עס האָט איהם איצט צוליעב דעם ערוואַרטעט.

ענדליך האָט זיך דער וואָגען אָבגעשטעלט נעבען דער קאָנ־דיטעריי.

ווען סאַנין האָט געהאָלפען דזשעממאַ'ן פון וואָגען ארויס־געהן, האָט ער איהר ארייגגעדריקט אין האַנד די בלום, וואָס ער האָט צוריקגענומען פון די אָפיציערען. זי איז רויט געוואָרען, האָט איהם די האַנד געדריקט און דאַן שנעל בעהאַלטען די בלום.

הגם עס איז נאָך פריה אין אבענד געווען, האָט סאַנין ניט געוואָלט געהן צו איהר אין הויז. דזשעממאַ האָט איהם ניט איינגעלאַדען אויך. האָט סאַנין זיך צושיידט מיט איהר און עמיל'ן ביי דער טהיר פון דער קאָנדיטעריי.

הערר קלובער האָט איהם אָפּגעפיהרט אויפ'ן קוואַרטיר און זיך דאַן מיט איהם צושיידט אויף א זעהר העפליכען אופן.

געבליבען אַליין אויף זיין קוואַרטיר, האָט סאַנין פּלוצלונג דערפיהלט א שווערקייט אויף דער נשמה. דאָס אָבער האָט ניט לאַנג געדויערט. באַלד איז איהם מיט אמאָל אזוי לייכט

און פרעהלאך געוואָרען אויפ'ן הארצען. ער האָט גענומען געהן איבער'ן צימער הין און צוריק, וועגען גאָר נישט ניט געטראכט, געפייפט א פרעהלאך ליעדעלע און איז געוועזן זעהר צופריעדען מיט זיך.

זיעבצעהנטער קאַפּיטעל.

— איך וועל וואַרטען אויף דעם אָפיציער ביז א זייגער צעהן — האָט סאנין געטראכט אויף מאָרגען אין דער פריה, ווערהענד ער האָט זיך אָנגעטהאָן, — און אויב ביז דאָן וועט ער ניט זיין, מעג ער מיך זוכען.

אָבער די דייטשען שטעהען אויף פריה: נאָך פאַר 9 איז דער קעלנער אריינגעקומען און האָט געמעלדעט סאנין, אז אן אָפיציר וויל איהם זעהן. סאנין האָט שנעל אויף זיך ארויפגע־כאפּט דעם ראָק און געהייסען אריינלאָזען דעם אָפיציער.

גאנץ אונערוואַרטעט פאַר סאנין'ען איז דער אָפיציער, וואָס איז געקומען, געוועזן נאָך גאָר א יונגערמאן, כמעט נאָך א אינגעל.

ער האָט זיך בעמיהט צו צוגעבען צו זיין אינגעלשען פּנים א וויכטיגע מיענע, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. ווען סא־נין האָט איהם איינגעלאַדען זיך זעצען, האָט די סאַבליע זיך פער־פּלאָנטערט צווישען זיינע פיס, אז ער איז שיער ניט געפאַלען.

דאַן איז ער צומישט געוואָרען און גענומען שטאַמלען אויף שלעכטען פראנצויזיש, אז ער איז געקומען אין נאָמען פון זיין פריינד דאנהאָף, ער זאָל זיך פאַר איהם ענטשולדיגען פאַר די גערכטיגע בעליידיגונג, און אויב הערר סאנין ענטזאגט זיך פון דעם, פאָדערט ער איהם ארויס אויף א דועל.

סאנין האָט געענטפערט, אז ענטשולדיגען וועט ער זיך פאַר איהם ניט, אָבער אויף א דועל מיט יענעם איז ער גרייט זיך צו שלאָגען.

דאַן האָט דער אָפיציער איהם געפרעגט, אַלץ שטאַמלענדיג, וואו און ווען זיי קענען זיך טרעפען, אום די נויטיגע פערהאַנדלונגען צו מאַכען וועגען דעם דועל.

סאַנין האָט איהם געבעטען, ער זאָל קומען אין צוויי שעה שפּעטער. ביז דאַמאָלס וועט ער געפינען פאַר זיך א סעקונדאַנט.

— וואו קריגט מען אזא מענשען — האָט ער אין דער זעלבער צייט געטראַכט.

דער יונגער אָפיציער האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבען און זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר. אָבער אויפ'ן שוועל איז ער שטעהן געבליעבען, דערפיהלט פּלוצלונג געוויסענבּביסע, האָט זיך ווידער א קעהר געטהאָן צו סאַנין'ען און ארויסגערעדט שטאַמלענדיג, אז זיין פריינד באַראָן פון דענהאָף גיט צו אז ער אליין איז אויך א ביסעל שולדיג און דערפאַר וואָלט ער זיך בענוגענט ווען הערר סאַנין זאָל זיך פאַר איהם לייכט ענטשולדיגען.

סאַנין האָט אויף דעם געענטפערט, אז ער פיהלט זיך ניט שולדיג און דערפאַר ענטזאַגט ער זיך צו ענטשולדיגען פאַר יענעם אפילו מיט איין וואָרט.

דער יונגער אָפיציער האָט זיך נאָך מעהר פערשעהמט, איז רויט געוואָרען און האָט זיך אָפּגערופען:

— דאַן וועט איהר מוזען עטליכע מאָל אויסשיסען אויף א פריינדליכען אופן.

— אויף א פריינדליכען אופן? — האָט זיך סאַנין א כאַפּ געטהאָן — וואָס מיינט איהר? איהר מיינט דאָך ניט, מיר זאָלען אין לופטען שיסען?

— אה, דאָס מיין איך ניט! — האָט דער אָפיציער ארויסגעשטאַמעלט, שוין אין גאַנצען צומישט: — אָבער איך דענק אז צווישען געבילדעטע מענשען... אָבער איך וועל דאָס איבּריגע מיט אייער סעקונדאַנט בעשפּרעכען! — האָט ער זיך אונטערבראָכען און איז אַרויס. באַלד ווי יענער איז ארויסגעגאַנ־

גען, האָט זיך סאַנין געוואָרפען אויף א שטול און גענומען קו־קען אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס איז עס? פון וואַנען, ווי אזוי? האָט ער גענומען טראַכטען — פּלוצלונג נאָ דיר א חתונה'קע? דועלירען זיך גאָר — מיט וועמען און פאַרוואָס?!

און מיט אמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אָן א ליעדעלע, וואָס זיינע אלטע משוגענע מוהמע פלעגט אמאָל זינגען:

„מיין קליינער לייטענאַנטעלע!
מיין שעהנער מאַנעלע!
מיין זיסער קופּידאנטשיקעל!
קום, טאַנץ מיט מיר“!...

ער האָט זיך צולאַכט הויך אויפ'ן קול און אויך גענומען זינגען:

„לייטענאַנטעלע, קום טאַנץ מיט מיר“!....

אָבער ניטאָ קיין צייט צו טראַכטען, ער מוז האַנדלען!

ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, און פּלוצלונג האָט ער דערזעהן פאַר זיך פּאַנטאַלעאָן'ען מיט א בריעף אין האַנד.

— איך האָב געקלאַפּט און געקלאַפּט אין טהיר, און איהר האָט ניט געהערט — האָט דער אַלטער זיך אָפּגערופען דערלאַנ־גענדיג איהם דעם בריעף: — איך האָב שוין געמיינט, אז איהר זייט אין דערהיים ניטאָ. דער בריעף איז פון סעניאָרא דזשעממא — האָט ער צוגעלייגט.

סאַנין האָט דעם בריעף גענומען און, אויפרייסענדיג דעם קאָנווערט, האָט ער איבערגעלעזען.

דזשעממא האָט איהם געשריעבען, אז זי איז זעהר אונרוהיג וועגען דעם, וואָס האָט פּאַסירט, און זי וויל איהם גלייך זעהן.

— די סעניאָרא איז זעהר אונרוהיג — האָט זיך אָפּגערו־פען פּאַנטאַלעאָן, וועלכער, ווי עס איז קענטיג געווען, האָט געוואוסט דעם אינהאַלט פון דזשעממא'ס בריעף: — זי האָט מיר געהייסען איך זאָל איבערגעהן צו אייך און זעהן וואָס איהר מאַכט און בדענגען אייך מיט זיך צו איהר.

סאנין האָט אָנגעקוקט דעם אַלטען איטאַליענער און זיך פערטראַכט.

פּלוצלונג איז א געדאַנק דורכגעפלויגען אין זיין מוח. לכתחילה האָט זיך דער דאָזיגער געדאַנק איהם אויסגעוויזען ווילד, אונמעגליך...

— און פארוואָס ניט? — האָט ער זיך דאַן א כאַפּ גע־טהאָן און ארויסגערעדט הויך:

— הערר פּאַנטאַלעאָן!

דער אַלטער האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט אריינגערוקט די מאָרדע אין זיין האַלזטוך און איינגעגעסען זיך מיט די אויגען אין סאַנין׳ען.

פילייכט ווייסט איהר — האָט סאַנין גערעדט ווייטער — וואָס נעכטען האָט פּאַסירט?

פּאַנטאַלעאָן האָט פערביסען די ליפּען און א טרייסעל גע־טהאָן מיט זיינע שווערע קאָשמעס האָר.

— יא, איך ווייס — האָט ער געענטפערט.

— אויב איהר ווייסט, טאָ הערט! — האָט סאַנין געזאָגט — נור וואָס איז אַן אָפיציער ביי מיר געווען. יענער פרעכער יונגאַטש פערלאַנגט, איך זאָל זיך מיט איהם אויף א דועל שלאָ־גען. איך האָב זיין אויפפאָדערונג אָנגענומען. איך האָב אָבער קיין סעקונדאַנט... ווילט איהר זיין מיין סעקונדאַנט?

פּאַנטאַלעאָן האָט זיך אַזש צונויפגעקאָרטשעט, ווען ער האָט עס דערהערט, און האָט אַזוי הויך פעררייסען זיינע ברעמען, אַז זיי זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען אונטער די שווע־רע קאָשמעס האָאר, וואָס זיינען געהאַנגען איבער זיין שטערן.

— איהר מוזט זיך שלאָגען? — האָט ער ענדליך ארויסגע־שטאַמעלט אויף איטאַליעניש. ביז אַהער האָט ער אויף פראַנ־צויזיש גערעדט.

— איך מוז — האָט סאַנין געענטפערט — דאָס פאָדערט מיין עהרע.

— הם... און אז איך וועל זיך אָפּזאָגען צו זיין אייער סע־

קונדאַנט, וועט איהר דאַן אַנאַנדער סעקונדאַנט זוכען?

— געוויס — האָט סאַנין געענטפערט.

פאַנטאַלעאָן האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וועט איהר מיר ערלויבען אייך צו שטעלען אַ פראַגע, סעניאָר סאַנין? — האָט ער דאַן, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, זיך געווענדעט צו איהם: — איהר ווייסט, אַז דאָ איז פערמישט די עהרע פון אַ געוויסער פּערזאָן... דענקט איהר ניט, אַז דורך דעם וועט בעשמוצט ווערען די עהרע פון יענער?

— דאָס גלויב איך ניט — האָט סאַנין געענטפערט — און ווידער... איצט איז פערפאַלען, איך מוז זיך שלאָגען!....

— הא!...

פאַנטאַלעאָן האָט זיך אין גאַנצען אַריינגעקאָרטשעט אין זיין האַלזטוך.

— אָבער דיעזער פערפלוקטער קלובעריאָ — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטהאָן מיט כעס, פעררייסענדיג הויך דעם קאָפּ — וואָס שווייגט ער, דער פערפלוקטער? ער איז דאָך איהר חתן!... טשי! — האָט ער צוגעלייגט מיט פעראַכטונג און אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.

ער איז אַנשווייגען געוואָרען און דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן:

— יעדענפאַלס דאַנק איך אייך דערפאַר — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטאַרק בעוועגטער שטימע — וואָס איהר, ניט קוקענדיג אויף מיין ניעדריגע שטעלונג, גיט מיר אָפּ אַזאַ כבוד... אָבער איך מוז זיך אַפריהער איבערלייגען צו זאָל איך אָננעהמען אייער פאָרשלאַג.

— אבער איך מוז באַלד ווישען אייער ענטפער, מיין ליעבער הערר ט... טיפּפּאַ...

— טאָלאַ — האָט אונטערבראָכען דער אַלטער — איך בעט ביי אייך נור איין שטונדע צייט אויף צו איבערלייגען זיך.... די מאָכטער פון מיין פריינד איז אין דעם פערמישט. און דער־פאַר מוז איך, בין איך פערפליכטעט, מיר די זאַך אַפריהער גוט

איבערצולייגען... אין א שטונדע... אין דריי פערטעל שטונדען וועל איך אייך אן ענטפער געבען.

— גוט, איך וועל ווארטען אויף אייך! — האט סאנין גע־ענטפערט.

— און וואס זאל איך זאגען דער סעניארינא דזשעממא'ן?

— האט דער אלטער געפרעגט.

סאנין האט געכאפט א בייגעלע פאפיער און אנגעשריעבען:

— זייט רוהיג, מיין פריינדין. אין א דריי שטונדען שפע־טער וועל איך ביי אייך זיין און וועל אייך אלעס ערקלערען. הערצליכען דאנק פאר אייער סימפאטיע.

דאן האט ער צונויפגעלעגט דעם בריעף און איהם דער־לאנגט דעם אלטען.

דער אלטער האט בעהאלטען דעם בריעף אונטער'ן בוזים און נאך אמאל געזאגט: „אין א שטונדע ארום!" און פלוצלונג האט ער זיך א ווארף געטהאן צו סאנין'ען, אנגעכאפט איהם פאר א האנד און צודריקענדיג זי צו זיין ברוסט, האט ער פערגלאצט די אויגען צום הימעל און אויסגעשריען:

— עדעלער יונגערמאן! גרויסמוטהיגעס הארץ! ערלויבט א שוואכען אלטען מאן אייער בראווע האנד צו דריקען!

דאן האט ער אפגעשפרונגען פון סאנין'ען עטליכע טריט צוריק, האט א מאך געטהאן מיטביידע הענד און איז ארויס־געלאפען.

סאנין האט איהם בעגלייט מיט די אויגען. דאן האט ער גענומען א צייטונג און געוואלט לעזען, אבער די שורות און די ווערטער פון דער צייטונג זיינען איהם פאר די אויגען געשפרונ־גען, ער האט ניט פערשטאנען, וואס ער האט געלעזען.

אכטצעהנטער קאַפּיטעל.

אין אַ שטונדע שפּעטער איז דער קעלנער ווידער אריין צו סאַנין'ען אין צימער און האָט איהם דערלאַנגט אַן אַלטע, פערגעלטע וויזיטען־קאַרטע, אויף וועלכער עס זיינען געשטאַנען די דאָזיגע ווערטער: „פּאַנטאַלעאָן טיפּפּאָ טאָלאַ פון באַרעזע, האָף־זינגער פון זיין קעניגליכער האָהייט, הערצאָג'ס פאָן מאָדענא“.

און גלייך טאַקי איז ער, פּאַנטאַלעאָן, אויך אין צימער אריינגעטראָטען.

ער איז געוועזן אויסגעפּוצט פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט געטראָגען אַ שוואַרצען, אָפּגעקראָכענעם פראַק, אַ ווייסע פּיקענע וועסט, אויף וועלכער עס האָט זיך געבאָמבעלט אַ קייטעל פון טאָמבאַק; אין זיין רעכטער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ שוואַר־צע הוט פון האָזען־פעל, אין זיין לינקער אַ פּאָאר דיקע זעמסענע האַנדשוה. דעם האַלזטוך האָט ער נאָך ברייטער און העכער פערבונדען און אין איהם האָט געשטעקט אַ שפּילקע. אויף דעם צייגע־פינגער פון דער רעכטער האַנד האָט ביי איהם געפינקעלט אַ רינג. ער האָט אין גאַנצען געשיינט און געלויכטען און פון איהם האָט שטאַרק געשמעקט מיט קאַנפער און אַנדערע שטאַר־קע ריחות.

סאַנין האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און איז איהם אַנטקעגען געגאַנגען.

— איך בין אייער סעקונדאַנט — האָט פּאַנטאַלעאָן זיך אָפּגערופען אויף פראַנצויזיש, דערביי האָט ער זיך ניעדריג פער־נייגט מיט'ן גאַנצען קערפּער און אַ שאַר געטהאָן מיט'ן פוס, ווי אַ לעהרער פון אַ טאַנץ־קלאַס: — איך בין געקומען צו נעהמען פון אייך אינסטרוקציאָנען. איהר ווילט זיך שלאָגען אויף לע־בען און טוידט?

— וואָרום אויף לעבען און טוידט, מיין ליעבער העררי טי־

פּאַ טאַלאַ? — האָט סאַנין זיך אָפּגערופֿען? — האָט סאַנין זיך אָפּגערופען — איך בין ניט אַזוי בלוטדורשטיג. דער סעקונ־דאַנט פון מיין געגנער וועט דאָ באַלד זיין, איך וועל דאַן אריין אין צווייטען צימער און איהר וועט דאַן קענען מיט איהם בע־שפּרעכען אַלעס. איך פערזיכער אייך, אז איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען דעם געפאַלען, וואָס איהר טהוט מיר איצט. איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר פאַר דעם.

— די עהרע שטעהט איבער אַלעס! — האָט פּאַנטאַלעאָן געענטפערט און, אוועקזעצענדיג זיך אויף א שטוהל, איידער נאָך סאַנין האָט איהם איינגעלאַדען זיך זעצען, האָט ער צוגעלייגט:

— ווען דיעזער שפּיצבוביאָ, ווען דיעזע קרעמערשע זעעלע, אָט דער פערפלוכטער העררר קלובער, פערשטעהט ניט זיין פליכט, וועט ער דערפאַר טהייער בעצאָהלען! ער איז א ניעדריגע בע־שעפעניש, און באַסטאַ! וואָס אָנבעלאַנגט די בעדינגונגען פון דועל — פערלאָזט זיך אויף מיר. איך בין אייער סעקונדאַנט און אייערע אינטערעסען זיינען מיינע! ווען איך האָב אין פּאַדוא געוואָהנט, איז דאָרט געשטאַנען א רעגימענט ווייסע הוסאַרען און איך בין געווען זעהר פריינדליך מיט א סך אָפיציערען! איך בין גוט בעקאַנט געווען מיט זייער גאַנצען עהרע־קאָדעקס... אויסער דעם האָב איך פיעל מאָל אָט די דאָזיגע פראַגע וועגען דועל געהאַט ארומגערעדט מיט אייער פּרינץ טרובעצקאָ. דענקט איהר ,אז דער אנדערער סעקונדאַנט וועט באַלד קומען?...

— איך ערוואַרט איהם יעדען אויגענבליק — האָט סאַנין געענטפערט. אָבער דאָ איז ער שוין! — האָט זיך סאַנין אונ־טערבראָכען, א קוק טהאָנדיג דורכ'ן פענסטער.

פּאַנטאַלעאָן האָט זיך אויפגעהויבען און א קוק געטהאָן אויף זיין זייגער, האָט ער זיך די האָאר א גלעט געטהאָן און אָנגענומען אוואַזשנע מינע.

דער פריהער יונגער אָפיציער איז אריינגעקומען, פונקט אַזוי רויט און פערשעהמט ווי מיט צוויי שטונדען צוריק.

סאנין האָט זיי פאַרגעשטעלט איינער פאר'ן אנדערען, פאַנ־טאלעאָן'ען האָט ער פאַרגעשטעלט אלס קינסטלער.

דער אָפיציער איז עטוואָס צומישט געוואָרען, בעת ער האָט פאר זיך דערזעהן אזא אלטינקען...

אָה, וואָס וואָלט ער געזאָגט, ווען אין דיעזער מינוט וואָלט איהם אימיצער דערצעהלט, אז דער פאַרגעשטעלטער קינסטלער איז ניט מעהר ווי א דיענער אין א קאָנדיטעריי?

פאַנטאלעאָן האָט אָנגענומען אזא מינע, אקוראט ווי דאָס אראנזשירען פון דעם דועל איז פאר איהם געווען א גאנץ גע־וועהנליכע זאַך. אין דעם דאָזיגען מאָמענט איז איהם שטארק צוניץ געקומען זיין טהעאטראלישע פערגאנגענהייט, און די ראָלע פון סעקונדאנט האָט ער איצט געשפּיעלט ווי א ראָלע אויף דער ביהנע.

א ווײַלע האָבען ביידע סעקונדאנטען געשוויגען.

— נו, פאַנגען מיר אָן — האָט זיך דאַן אָפּגערופען פאַנטאַ־לעאָן מיט א גלייכגילטיגער מינע.

דער יונגער אָפיציער האָט א קוק געטהאָן אויף סאנין'ען.

— איך פערלאָז זיי גלייך — האָט זיך סאנין א כאַפּ גע־טהאָן און, פערבויגט זיך פאר זיי, איז ער אין שלאָף־צימער אריין און פערמאַכט הינטער זיך די טהיר.

ער האָט זיך געוואָרפען אויפ'ן בעט און גענומען טראַכטען וועגען דזשעממאַ'ן. אָבער דער געשפּרעך פון די סעקונדאנטען האָט זיך אין צימער אריינגעריסען דורך דער צוגעמאַכטער טהיר און אונטערבראָכען זיינע געדאַנקען.

די ביידע סעקונדאַנטען האָבען גערעדט אויף פראנצויזיש און ביידע האָבען אָהן רחמנות זי געקאַליעטשעט, יעדער אויף זיין ארט.

פאַנטאלעאָן האָט ווידער גערעדט וועגען די ווייבע הוסאַ־רען אין פאדוא און ווידער וועגען דעם רוסישען פרינץ טרו־בעצקאָי און דער אָפיציער האָט גערעדט וועגען זיינע אייגענע כללים מכוח דועל. פון וועלכע דער אלטער פאַנטאלעאָן האָט

אפילו הערען נים געוואָלט. צו סאַנין׳ס גרויסען שרעק האָט דער אַלטער פּלוצלונג גענומען ריידען וועגען אַ יונגער, אונשולדיגער מיידעל, וואָס איהר מינדעסטער נאָגעל איז מעהר ווערטה פון אַלע אָפיציערען צוזאַמען... און דאַן האָט זיך דער אַלטער נאָר צוקאָכט און גענומען שרייען: — עס איז אַ שאַנדע, אַ שאַנדע!

דער יונגער אָפיציער האָט זיך דאַן אויך צוהיצט און ערקלערט מיט אַ קול פול מיט צאָרן:

— מיין הערר, איך בין ניט געקומען אהער הערען דרשות וועגען מאָראַל!

אויף וואָס דער אַלטער פאָנטאַלעאָן האָט איהם געענטפערט:

— אין אייערע יאָהרען וועט אייך ניט פערשאַדען צו הערען דעם אמת!...

אָט אזוי האָט די דעבאַטע צווישען זיי זיך פערצויגען העבער אַ שטונדע. ענדליך האָבען זיי זיך געאייניגט אויף די דאָזיגע פּרטים: באַראָן פאָן דענהאָף און סאַנין זאָלען זיך שלאָגען מאָרגען אום צעהן אין דער פריה אין אַ וועלדעל אויף פיםטאָלעטען. שטעהען זאָלען זיי צוואַנציג טריט איינער פון׳ם אַנדערען. יעדער זאָל רעכט האָבען צו שיסען צוויי מאָל.

דער יונגער אָפיציער איז אַוועק. און פאַנטאַלעאָן האָט מיט אַ ליאַרם אָן עפען געטהאָן די טהיר פון שלאָף־צימער, איז אריינגעלאָפען צו סאַנין׳ען און, איבערגעבענדיג איהם דעם בעשלום, האָט ער אויסגעשריען:

— בראַוואָ, דו עדעלע זעעלע, דו וועסט זיעגען! און אין אַ ווײלע ארום זיינען זיי ביידע אַוועק צו דזשעממאַ׳ן.

ניינצעהנטער קאַפּיטעל.

עמיל איז געלאָפען איהם אנטקעגען — ער האָט איהם מעהר ווי א שטונדע אָפּגעהיט — און האָט סאַנין'ען אריינגערוימט אין אויער, אז די מוטער ווייסט גאָר ניט וועגען דעם נעכטיגען פאַל און דערפאר זאָל ער זיך היטען פאר איהר א וואָרט אויס־צורייידען וועגען דעם. דאַן האָט ער איהם נאָך איינגערוימט אויפ'ן אויער אין איין אָטהעם, אז מען האָט איהם ווידער געשיקט צו הערר קלובער אין געשעפט, ער וועט אָבער ניט געהן אהין, נור וועט זיך ערגעץ בעהאַלטען. דאַן האָט ער זיך פלוצים איהם אויפ'ן האַלז אַרויפגעוואָרפען, האָט איהם שטורמיש א קוש געטהאָן און איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן גאַס.

ווען סאַנין איז אַריין אין קאָנדיטעריי, איז דזשעממא איהם געקומען אנטקעגען. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, האָט אָבער ניט געקענט. איהרע ליפּען האָבען נור געציטערט און איהרע אויגען האָבען אונרוהיג געבלאַנדזשעט.

סאַנין האָט זי געוואָלט בערוהיגען, פערזיכערענדיג איהר, אז די גאַנצע געשיכטע איז ניט מעהר ווי א קינדער־שפּיעל.

— איז קיינער ביי אייך היינט ניט געוועזען ? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— יא, איינער איז ביי מיר טאַקי געוועזען, אָבער... אָבער... מיר האָבען זיך דורכגערעדט און מיר זיינען דורכגעקומען....

דזשעממא האָט זיך צוריק אוועקגעשטעלט הינטער דעם פערקויף־טיש.

— זי גלויבט מיר ניט ! — האָט ער א טראַכט געטהאָן, און איז אוועק אין הינטערשטען חדר, וואו פרוי לענאָרע איז געזעסען.

יענע איז געוועזען אונמוטהיג, הגם דער קאָפּ האָט איהר מעהר ניט וועה געטהאָן. זי האָט איהם אויפגענומען מיט א פריינדליכען שמייכעל און האָט איהם דערביי בעמערקט, אז

היינט וועט ער זיך ביי איהר פיהלען לאנגווייליג, אזוי ווי זי איז היינט ניט אין אימשטאנד איהם אונטערצוהאלטען...

ער האט זיך אוועקגעזעצט געגען איהר און האט בעמערקט. אז די אויגען־לעדלעך זיינען ביי איהר רויט און אנגעשוואלע.

— וואס איז דער מעהר, פרוי לענארע? איהר האט גע־וויינט? — האט ער זיך געווענדעט צו איהר?

— ש־שאא! — האט זי ארויסגעשעפטשעט און א מאך גע־טהאן מיט'ן קאפ אין דער ריכטונג פון דעם צימער, וואו איה־טאכטער איז געזעסען: — זאגט עס ניט אזוי הויך!

— אבער פארוואס האט איהר געוויינט?

אך, הערר סאניו, איך ווייס אליין ניט פארוואס.

— האט אייך אימיצער שמערצען פערשאפט? — האט ער ווידער געפרעגט.

— ניין, מיר איז נור עפעס היינט שווער אויפ'ן הארצען.. איך האב זיך דערמאהנט אן מיין מאן דזשיאוואני פאפטיסטא... אן מיינע יונגע יאהרען... ווי גיך דאס איז אלעס אוועק! אך, מיין פריינד, איך ווער אלט און אט דער דאזיגער געדאנק געהט מיר פון זינען ניט ארויס... איך פיהל זיך, אזוי ווי איך וואלט. דאכט זיך, געווען די זעלבע ווי אמאל, און דאך דאס עלטער איז דא... עס איז דא!...

די אויגען זיינען ביי איהר פערלאפען מיט טרעהרען.

— איך זעה — האט זי טרויעריג א שמייכעל געטהאן — אז איהר קוקט מיך אן פערוואונדערט: אבער איהר וועט אויך אמאל אלט ווערען, ליעבער פריינד, און דאן וועט איהר ערשט פיהלען, ווי ביטער דאס איז!...

סאניו האט זי געפרובט טרויסטען, גענומען ריידען וועגען איהרע קינדער, אין וועמען זי לעבט איבער איהר יוגענד, און האט זאגאר איהר א קאמפלימענט געמאכט, אז זי אליין זעהט נאך אויך אוים גענוג יונג, אבער זי האט איהם אונטערבראכען מיט אן ערנסטער מינע, אז זי איז איצט ניט אופגעלעגט צו הערען פאלשע קאמפלימענטען.

דאַן האָט ער איהר פאָרגעשלאָגען צו שפּיעלען מיט איהם אין קאָרטען. זי האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, און באַלד האָט זי זיך ביי די קאָרטען פערגעסען.

זיי האָבען געשפּיעלט ביז מיטאָג־עסען און נאכדעם וויע־דער. פאַנטעלעאָן האָט אויך אַנטהייל גענומען. נאָך קיינמאָל האָט ער זיך ניט געהאַלטען אזוי וואַזשנע, ווי איצט. נאָך קיינ־מאָל האָבען די שווערע קאָשמעס האָאר זיך אזוי ניט געבויטשעט אויף זיין שטערן, ווי היינט, און נאָך קיינמאָל האָט ער זיין מאָרדע אזוי טיעף ניט אריינגערוקט אין זיין האַלזטוך ווי היינט.

אַלע זיינע בעוועגונגען האָבען געאָטהעמט מיט אזא וויכ־טיגקייט, אז מען האָט געמוזט אַ טראַכט טהאָן: — וואָס פאר אַ סוד בעהאַלט עס אָט דער דאָזיגער אַלטינקער?

ער איז פון הויט געקראָכען, ארויסצואווייזען סאַנין'ען זיין טיעפע אַכטונג. ביים מיטאָג האָט ער איהם פריהער דערלאַנגט דאָס עסען ווי די דאַמען און אימער מיט אַן ענטשלאָסענער און טריאומפּפירענדיגער מינע.

און אויפ'ן סוף האָט ער גאָר אין מיטען דערינען ערקלערט, אז די רוסען זיינען די מוטהיגסטע און בראַווסטע מענשען אויף דער גאַנצער וועלט!

— אַך, דו אַלטער קאָמעדיאַנט! — האָט סאַנין בעת דעם אַ טראַכט געטהאָן.

נאָך מיטאָג האָט איהם דזשעממאַ'ס בענעהמען זיך געגען איהם פערוואונדערט. ניט דערפאַר, ווייל זי האָט איהם אויס־געמיידט, גראָד פערקעהרט: זי האָט זיך די גאַנצע צייט נעבען האַלטען נעבען איהם נאָהענט, האָט זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט, וואָס ער האָט ארויסגערעדט, און פון איהם די אויגען ניט אַרונטערגענומען. אָבער זי האָט אויסגעמיידט די גאַנצע צייט מיט איהם צו ריידען: ווי נור ער האָט ביי איהר עפּעס געפרעגט, אזוי גלייך פלעגט זי אַוועק צו זיך אין צימער און פלעגט דאָרט פערווייַלען עטליכע מינוט. דאַן פלעגט זי צוריק

אריין, אוועקזעצען זיך ערגעץ א־ן א ווינקעל און זיצען ווי א פערגליווערטע מיט גרויסע, צוטראָגענע אויגען.

איהר מוטער האָט עס אויפ'ן סוף אויך בעמערקט און ביי איהר געפרעגט, וואָס איהר פעהלט.

— גאָר נישט, מאמע — האָט דזשעממא געענטפערט — דו ווייסט דאָך, אז איך בין גאַנץ אָפט אזוי...

אזוי איז דער טאָג אוועק, ניט פרעהלאך און ניט טרויעריג. סאַנין האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און זיך גענומען מיט זיי זעגענען.

ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט דזשעממא'ן, האָט ער איהר פעסט געדריקט די האַנד און געוואָלט איהר אין פנים א קוק טהאָן, אָבער זי האָט זיך האַלב אָפּגעקעהרט פון איהם און איהר האַנד ארויסגעריסען.

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

דער הימעל איז געווען בעזייהט מיט שטערען, ווען ער איז אין דרויסען ארויס, און וואָס פאַר א פערשיידענאַרטיגקייט צווישען די שטערען: גרויסע, קליינע, געלע, רויטע, בלויע ווייסע!... זיי אַלע האָבען געפינקעלט און געשימערט און מיט די שטראַהלען צווישען זיך געשפּיעלט...

די לבנה איז נאָך ניט געווען אויפגעגאַנגען, אָבער אָהן איהר איז אויך געווען ליכטיג און יעדע זאַך האָט קלאָר און דייטליך ארויסגעטראָטען אין דער דאָזיגער דורכזיכטיגער האַלב־דונקעלקייט.

סאַנין איז דורכגעגאַנגען די גאַס. עס האָט זיך איהם אָבער ניט געוואָלט געהן אהיים. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט. און איידער ער איז נאָך צוגעגאַנגען צו דעם הויז, וואו די קאָנדיטעריי האָט זיך געפונען, האָט זיך איינע פון די פענסטער פלוצלונג געעפענט. אין די דונקעלע ראהמען פון דעם ניט־

בעלויכטענעם פענסטער איז אַ פרויען־געשטאַלט ערשיענען, און ער האָט דערהערט זיין נאָמען רופען:

— הערר דמיטרי!...

ער איז צוגעלאָפען צום פענסטער... דאָס איז געווען דושעממא!...

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דאָס פענסטער־געזימס און האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ.

— הערר דמיטרי — האָט זי אָנגעהויבען פּאַרזיכטיג, — איך האָב דעם גאַנצען טאָג געוואָלט אייך עפּעס געבען אַ זאָך... אָבער איך האָב ניט געוואָגט; נור איצט, דערזעהענדיג אייך ווידער, איז מיר איינגעפאַלען, אַז מסתמא איז עס אַזוי באַשערט.

און אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם לעצטען וואָרט האָט זי ווייטער ניט געקענט רייַדען: עפּעס אונגעוואוינליכעס איז אין דעם דאָזיגען מאָמענט אין איהר נשמה פּאַרגעקומען...

און פּלוצלונג אין מיטען דער ארומיגער שטילקייט, ווען דער הימעל איז אַזוי קלאָהר און לויטער געווען, אָהן אַ שום וואָלקענדעל, איז אַ ווינד אָנגעפלויגען, און מיט אַזאַ אימפּעט און גוואַלד, אַז די ערד אונטער סאַנין'ס פיס האָט זיך, דאַכט זיך, גענומען טרויסלען, אַז דאָס פיינע ליכט פון די שטערענ־לאַך האָט געציטערט און געפלימערט און די לופט אַליין האָט זיך, דאַכט זיך, אין אַ ווירבעל גענומען דרעהען...

דער דאָזיגער שטורם־ווינד, נים אַ קאַלטער, נור אַ וואַרי־מער, כמעט אַ ברענענדיג־הייסער, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די בוימער און די דעכער פון די הייזער, האָט זיך אָנגע־שלאָגען אָן די ווענד פון די מויערען, האָט זיך אָוועקגעטראָגען איבער די גאַסען, האָט ארונטערגעריסען ביי סאַנין'ען די הוט פון'ם קאָפּ און צודרעהט און צופלאָנטערט דושעממא'ס שווארצע לאָקען...

סאַנין האָט זיך ניט ווילענדיג אָן פענסטער אָנגעכאַפּט און דושעממא האָט זיך מיטביידע הענד אָן זיינע פּלייצעס אָנגע־

האלטען און מיט איהר ברוסט צו זיין קאָפּ זיך צוגעדריקט...
דאָס ליארמען און רוישען און קלינגען פון דעם שטורם־ווינד
האָט ביי אַ מינוט אַן ערך געדויערט... דאַן איז ער אוועקגעפלוי־
גען, ווי אַ מחנה מורא׳דיגע פויגעל האָט זיך דער דאָזיגער
פלוצלונגדיגער ווינד אוועקגעטראָגען... עס איז ווידער שטיל
געוואָרען, שאַט — שטיל...

סאַנין האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און דערזעהענדיג אי־
בער זיך אזא וואונדער־שעהנעם, צושראָקענעם און אויפגערעג־
טען פּנים, אזוינע גרויסע, שרעקליכע, פּראכטפולע אויגען, --
אזא שעהנהייט האָט ער דערזעהען, אז דאָס הארץ האָט אין
איהם אויפגעהערט צו קלאַפּען; ער איז צוגעפאַלען מיט זיינע
ליפּען צו די ווייכע לאָקען איהרע וואָס זיינען אויף זיין ברוסט
געפאַלען — און געקאָנט נור ארויסשטאַמלען:

— אָה, דזשעממא !...

— וואָס איז דאָס געווען אזוינס ? אַ בליץ ? האָט זי גע־
פרעגט, קוקענדיג פאר זיך מיט ווייט־פונאנדערגעעפענטע אויגען
און ניט אוועקנעהמענדיג פון זיינע פּלייצעס איהרע נאקעטע
ארעמס.

— דזשעממא ! — האָט סאַנין ווידער ארויסגעשטאַמעלט.

זי האָט אַ ציטער געטהאָן, אומגעקוקט זיך אהינטער אין
צימער און, ארויסגעכאַפּט מיט שנעלער בעוועגונג אַ פערוועלק־
טע בלום פון אונטער׳ן גארטעל, האָט זי זי אַ וואָרף געטהאָן צו
סאַנין׳ען :

— אָט די דאָזיגע בלום האָב איך אייך געוואָלט געבען...

ער האָט דערקאָנט די בלום, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג צו־
ריק אָפּגענומען ביי דעם אָפיציער...

אָבער דאָס פענסטער איז שוין פערמאַכט געווען און אומ־
זיסט האָבען זיינע אויגען געזוכט הינטער די דונקעלע שויבען
דזשעממא׳ס ליכטיגע געשטאַלט.

סאַנין איז אהיים געקומען אָהן אַ הוט... ער האָט אפילו
ניט בעמערקט, אז ער האָט זי פערלאָרען...

איין און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

פּאַרטאָג איז ער ערשט איינגעשלאָפען. און קיין וואונדער! אונטער דעם שטוים פון דעם זומערדיגען פּלוצלונגדיגען שטורמווינד, איז איהם פּלוצלונג קלאָהר געוואָרען — ניט אַז דזשעממא איז ליעב און שעהן, ניט אַז זי איז איהם געפעהלען — דאָס האָט ער פריהער אויך געוואוסט... נור, אַז ער איז כמעט... פערליעבט אין איהר!...

פּלוצלונג, אָט ווי יענער שטורמווינד, איז די ליעב אויף איהם אָנגעפלויגען... און דאָ ערוואַרטעט איהם דער נאַרישער דועל!... טרויעריגע געדאַנקען האָבען איהם גענומען מוטשען... ווען ער וועט אפילו ארויס א לעבעדיגער פון דעם דאָזיגען דועל, וואָס דאַן? זי האָט דאָך שוין א חתן!... אפילו דער חתן איהרער איז ניט אַזוי געפעהרליך, וואָס קען אָבער פון דעם ארויסקומען? שטייטש וואָס? זי איז אזא שעהנהייט!...

ער איז ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער, האָט זיך דאַן אוועקגעזעצט ביים טיש, גענומען א בויגען פּאַפּיער, אָנגעשריעבען אויף איהם עטליכע צייל[ע]ן, און האָט זיי גלייך ווידער פערמעקט... דאַן האָט ער ווידער גענומען טראַכטען וועגען דזשעממא'ן... און זי האָט ווידער פאַר איהם אָפּגעלעבט א וואונדער־שעהנע, א רייצענדע, אין דעם דונקעלען פענסטער, אונטער די שטראַהלען פון די שטערן, אין גאַנצען צורודערט פון דעם וואַרימען שטורמווינד...

אָן איהרע ארעמס, ווי פון מאַרמאָר, האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס שעהנערע פון זיי האָבען אפילו ניט געהאַט די אָלימפּיישע געטינען, און אויף זיינע פּלייצעס האָט ער נאָך איצט אויך געפיהלט זייער וואַרימען און בעלעבענדען דרוק... דאַן האָט ער אין די הענד ארייגענומען די בלום, וואָס דזשעממא האָט איהם א וואָרף געטהאָן, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די האַלב פערוועלקטע בלעטלאַך דופטען מיט א גאַנץ בע־

זונדרען פיינעם דופט, וואָס נעוועהנליכע בלומען האָבען איהם ניט.

און מיט אמאָל זיך גאָר שלאָגען אויף א דועל!... וואָס וועט זיין, אז יענער וועט איהם טויטען, צי וועט איהם א קריפּעל מאַכען?

ער האָט זיך ניט געלייגט אין בעט, האָט זיך נור א וואָרף געטהאָן אויף דער זאָפע און אזוי אין זיינע קליידער איינגע־שלאָפען.

* * *

אימיצער האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּלייצע.

ער האָט געעפענט די אויגען און דערזעהען פּאַנטאַלעאָן'ען.

— שלאָפט ווי אלעקסאנדער מוקדון, פאר זיין שלאכט אין בבל! — האָט דער אלטער אויסגעשריען.

— ווי שפּעט? — האָט סאַנין געפרעגט.

— א פערטעל צו זיעבען; ביז'ן וועלדעל יענעם וועט די רייזע געדויערען א צוויי שעה, און מיר דארפען זיין די ערשטע אויפ'ן פּלאַץ, איך האָב גענומען די בעסטע קאַרעטע, וואָס איך האָב נור געקענט קריגען אין גאַנץ פראנקפורט...

סאַנין האָט זיך גענומען איינוואַשען.

— און וואו זיינען די פּיסטאָלעטען?

— די פּיסטאָלעטען וועט ברענגען דער פערפלוקטאָ שפּיצ־בוביאָ און א דאָקטאָר אויך — האָט פּאַנטאַלעאָן געענטפערט.

פּאַנטאַלעאָן האָט אפריהער ארויסגעוויעזען קוראזש, פּונקט ווי נעכטען; אָבער ווען ער האָט זיך אריינגעזעצט מיט סאַנין'ען אין קאַרעטע און דער קוטשער האָט א שמיץ געטהאָן די פערד, וועלכע האָבען זיך אוועקגעטראָגען פייל פון בויגען, — האָט ער, דער אמאָליגער זינגער און פריינד פון די ווייסע הוסאַ־רען אין פּאַדוא, פּלוצלונג זיין מוטה פערלאָרען. ער איז געוואָ־רען אויפגערעגט און אויף זיין פּנים האָט ארויסגעטראָטען אַן אויסדרוק פון שרעק און מורא... אקוראט ווי א שלעכט אויפ־געשטעלטע ווענטעל איז אין איהם איינגעפאלען....

— אָבער גאָט מיינער! — האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריִען מיט אווייַנעדיגען קוויטש און אָנגעכאַפּט זיך פאר די האָאר: — וואָס געהען מיר טהאָן! וואָס געה איך טהאָן! אזא אַלטער, פערפלוכטער נאַר!...

סאַנין האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט און זיך צו־לאַכט. דאן האָט ער איהם אָנגענומען פאר׳ן טאַליע און האָט איהם דערמאָנט אָן דעם שפּריכוואָרט: „די סוף איז אויפ׳ן טיש, מען מוז זי עסען“...

— יא, יא! — האָט זיך דער אַלטער א כאַפּ געטהאָן — מיר וועלען זי עסען... איך וועל אייך העלפען עסען! און דאָך בין איך א נאַר, אַן אַלטער גולם! אַלעס איז געווען אזוי שטיל, אזוי רוהיג און פיין... און מיט א מאָל: טאַ־טאַ־טאַ, טראַ־טאַ־טאַ!!...

— אקוראט ווי א גאַנצער אָרקעסטער מוזיק וואָלט אויף אַלע כלים גענומען שפּיעלען! — האָט סאַנין בעמערקט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל — אָבער מיר זיינען אין דעם ניט שולדיג.

— איך ווייס, אז איך בין אין דעם ניט שולדיג! — האָט דער אַלטער געענטפערט — נאָך דאָס וואָלט מיר געפעהלט! און דאָך... און דאָך... טייפעל! טייפעל! אזא נארישער, ניט אויסגערעכענטער שריט! — האָט ער געמורמעלט און געשאָ־קעלט מיט די שווערע קוטשמעס האָאר און געזיפצט און גע־קרעכצט.

און די קאַרעטע האָט זיך געטראָגען אַלץ ווייטער און ווייטער...

דער פריהמאָרגען איז געווען א שעהנער. די גאַסען פון פראַנקפורט, וואָס האָבען זיך נור וואָס גענומען בעלעבען, האָ־בען אויסגעקוקט זויבער און פריינדליך. די פענסטער פון די הייזער האָבען געפינקעלט און געבלישצעט ווי גאָלד־פּאַפּיער, און ווי נור די קאַרעטע איז פון שטאָדט ארויסגעפאָהרען, אזוי גלייך האָבען זיך פון אויבען, פון דעם בלויען, נאָך ניט בלענדענ־

דען חימעל, א גאַס געטהאַן העל קלינגענדיגע טרעלען פון לער־כען... פּלוצלונג, ווען די קאַרעטע האָט זיך פערקירעוועט אויפ'ן שאָסעע, האָט פון א הויכען פּאַפּעלבוים ארויסגעטראָטען א בעקאַנטע געשטאַלט. די געשטאַלט האָט זיך אַנטקעגען דער קאַרעטע א וואַרף געטהאַן און זיך גלייך ווידער אָפּגעשטעלט.

סאַנין האָט זיך איינגעקוקט... גרויסער גאָט! עמיל!...

— ווייסט ער דען אויך וועגען דעם? — האָט ער זיך געווענדעט צו פּאַנטאַלעאָן'ען.

— איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, אז איך בין אַן אַלטער נאַר — האָט פערצווייפעלט אויסגעשריען דער אַלטער — אָט דער אונגליקליכער אינגעל האָט מיך א גאַנצע נאַכט רוהען ניט געלאָזט, איך זאָל איהם זאָגען, איך זאָל איהם דערצעהלען, ביז היינט אין דער פריה האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און איהם אַלץ דערצעהלט!...

די קאַרעטע איז צוגעפאָהרען צו דעם אָרט, וואו עמיל איז געשטאַנען. סאַנין האָט געהייסען דעם קוטשער זיך אָפּשטעלען און צוגערופען צו זיך עמיל'ן. מיט ניט זיכערע טריט איז עמיל צו איהם צוגעגאַנגען און זיין געזיכט איז אזוי בלייך געווען, ווי אין יענעם טאָג, בעת סאַנין האָט איהם דאָס ערשטע מאָל געזעהן א גע'חלש'טען. ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען.

— וואָס טהוט איהר דאָ? — האָט סאַנין זיך געווענדעט צו איהם מיט א שטרענגען טאָן — וואָרום זייט איהר ניט אין דער־היים?

— לאָזט מיך... לאָזט מיך פאָהרען מיט אייך — האָט דאָס אינגעל ארויסגעשטאַמעלט מיט א ציטערענדיגען קול און די הענד צונויפגעלייגט. ער האָט זיך געטרייסעלט ווי פון א קדחת און צאָהן אַן צאָהן האָט איהם געקלאַפּט.

— איך בעט אייך... איך וועל אייך ניט שטערען, נור נעהמט מיר מיט זיך!...

— עמיל — האָט דאַן סאַנין זיך אָפּגערופען — אויב איהר האָט צו מיר די מינדסטע אכטונג, וועט איהר גלייך געהן צוריק

אהיים אָדער צו הערר קלובער'ן אין געשעפט און איהר וועט קיינעם קיין איינציג וואָרט וועגען דעם ניט דערצעהלען, ביז איך וועל קומען צוריק!...

— ביז איהר וועט קומען צוריק! — האָט עמיל ארויסגע־קרעכצט, און זיין קול האָט א ציטער געטהאָן און זיך איבערגע־ריסען: — און ווען איהר וועט ניט...

— עמיל! — האָט סאָנין איהם אונטערבראָכען און מיט די אויגען א ווינק געטהאָן אויפ'ן קוטשער — איך בעט אייך, בערוהיגט זיך. געהט אהיים! פאָלגט מיך, מיין פריינד! איהר זאָגט דאָך, אז איהר ליעבט מיך. נו, איך בעט אייך!

ער האָט אויסגעשטרעקט צו איהם א האַנד. עמיל האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו דער האַנד און מיט א פערשטיקטען שלוכ־צען האָט ער זי גענומען קושען, קושען, דאַן האָט ער זיך געלאָזט לויפען איבער'ן פעלד צוריק אין שטאָדט און לויפענדיג, האָט ער געכליפעט און געשלוכצט...

— אויך אַן עדעלע זעעלע — האָט פאַנטאַלעאָן ארויסגע־מורמעלט, אָבער סאָנין האָט א קוק געטהאָן אויף איהם מיט פינסטערע אויגען און דער אַלטער האָט זיך אריינגעדריקט אין א ווינקעל פון קארעטע. ער האָט געפיהלט, אז ער האָט נאַריש געהאַנדעלט. חוץ דעם, האָט ער מיט יעדער מינוט זיך אַלץ מעהר און מעהר געוואונדערט: שוין־זשע איז ער אויף אַן אמת א סעקונדאַנט, און די קארעטע האָט ער אַליין בעשטעלט, און אַלעם אַליין איינגעאָרדענט?.... געוויס, געוויס, ניט אומזיסט טהוען איהם די פיס אזוי וועה און ניט אומזיסט פיהלט ער זיך אזוי מיעד און צובראָכען!...

סאָנין האָט זיך בערעכענט, אז מען מוז דעם אַלטען צוגע־בען א ביסעל מוטה, און ער האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— ווערטהער סעניאָר טיפּאַטאַלאַ, וואו איז אייער פריהער־דיגער גרויסער און בעוואונדערונגס־ווערטהער מוטה?

דער אַלטער האָט זיך אויסגעגלייכט און אָנגעבלאָזען.

— מיין פריהערדיגער מוטה? -- האָט ער ארויסגערעדט
- איך האָב איהם נאָך; ער איז נאָך דאָ!...

ער האָט ווידער אָנגענומען א וואַזשנע מינע און ווידער גענומען דערצעהלען וועגען זיין גלענצענדע קאריערע, וועגען דער אָפּערא, דעם אונשטערבליכען זינגער גארסיא — און ווען די קאַרעטע האָט זיך אין וועלדעל אָפּגעשטעלט, איז דער אַלטער איטאַליענער ווידער געווען יונג...

צוויי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען וועלדעל. סאַנין און פּאַנטאַלעאָן זיינען ארויסגעקראָכען פון דער קאַרעטע און האָבען אויפגעזוכט א פּלאַץ אונטער א גרויסען שאָטיגען בוים. זיי איז אויסגעקומען צו וואַרטען אויף זייערע געגנער העכער א שטונדע.

די דאָזיגע צייט, וואָס סאַנין האָט אויף זיי געוואַרט, האָט ער פערבראַכט גאַנץ אָנגענעהם. ער האָט געשפּאַצירט איבער די גראָז אהין און צוריק, צוגעהערט זיך צו דעם געזאַנג פון די פייגעל, האָט געקוקט אויף די שמעטערלינגען, וועלכע האָבען ארום איהם געפלאַטערט. און האָט זיך געסטאַרעט ניט צו טראַכטען וועגען גאָר נישט.

נור איין איינציג מאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף א יונגען לינדענבוים, וועלכער איז געשטאַנען געבויגט און גע־בראָכען מסתמא פון דעם נעכטיגען שטורמווינד... דער בוים האָט געהאַלטען נאָהענט ביים שטאַרבען... אַלע זיינע בלעטע־ האָבען אָנגעהויבען צו וועלקען...

— וואָס איז דאָס? — האָט ער א טראַכט געטהאָן — א סימ־ באָל פון מיין איינענעם שיקזאָל?

און איהם איז אַזוי שווער געוואָרען אויפ'ן הארצען.

אָבער דאָס האָט געדויערט נִיט מעהר ווי א מינוט... באַלד האָט ער פּרעהלאָך געפּייפט א ליעדעל, האָט אריבערגעשפּרונגען דעם לינדיינבוים און ווידער געשפּאצירט איבער די גראָז הין און צוריק.

גאַנץ אַנדערש אָבער האָט זיך געפיהלט פּאַנטאַלעאָן. ער האָט געוואָרטשעט, געקרעכצט, געזידעלט די דייטשען און זיך געריבען דאָ דעם רוקען און דאָ די קניע. נאָך מעהר: ער האָט זאָגאַר א גענעץ געטהאָן פון אויפרעגונג, וואָס האָט זיין קליינעם איינגעשרומפּפטען פּנים צוגעגעבען א העכסט קאָמישען אויס־דרוק.

סאַנין, קוקענדיג אויף איהם, האָט זיך מיט אַלע קרעפטען איינגעהאַלטען פון צולאַכען זיך אויפ'ן קול.

אויפ'ן סוף האָבען זיי דערהערט דאָס רוישען פון רעדער איבער'ן ווייכען וועג.

— דאָ קומען זיי — האָט פּאַנטאַלעאָן זיך אָפּגערופען.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט'ן גאַנצען קערפּער, געוואָלט אָננעהמען א וואַזשנע מינע און האָט פּאָרט געציטערט...

— בררר! — האָט ער ארויסגעטורמעלט — איז אָבער היינט קא—אַלט.

א שטאַרקער טהוי איז נאָך געלעגען אויף די גראָז און בוי־מער, אָבער די שטיקענדיגע היץ האָט אפילו אין וואַלד אריינ־געדרונגען.

באַלד האָבען זיך בעוויעזען די צוויי אָפּיציערען צווישען די בוימער, בעגלייטעט פון א קליינעם פּאַרשוין מיט א פלעגמאַ־טישען, כמעט פערשלאָפענעם פּנים — דאָס איז געווען דער דאָק־טאָר פון רעגימענט. אין איין האַנד האָט ער געטראָגען א קרוג וואַסער, ווערענד איבער דער לינקער פּלייצע איז ביי איהם גע־האַנגען א לעדערנע טאַשע מיט כירורגישע אינסטרומענטען און באַנדאַזשען.

ווי עס איז קענטיג געווען, איז ער צו אַזוינע ארויספאָה־רונגען געוואוינט געווען; די דועלען זיינען פאַר איהם געווען

א קוואל פון פרנסה. יעדער דועל האט איהם אריינגעבראכט אכט דוקאטען, בעצאהלט פוןביידע צדדים.

הערר פאן דענהאף איז געגאנגען, שפיעלענדיג זיך מיט א שפאציער־שטעקעל, צוליעב „שיק" מסתמא און זיין סעקונדאנט, דער יונגינקער אפיציערעל, האט געטראגען א קליינע קעסטעלע מיט פיסטאלעטען.

— פאנטאלעאן — האט דאן סאנין ארויסגעשעפצעט, ווענ־דענדיג זיך צום אלטינקען: — ווען... איך פאל — עס איז דאך אלעס מעגליך! — וועט איהר ביי מיר אין קעשענע געפינען א בויגעלע פאפיער... דארט ליעגט א בלום. זאלט איהר יענע בלום איבערגעבען דזשעממא'ן. איהר הערט? איהר פער־שפרעכט עס מיר?

דער אלטער האט איהם אנגעקוקט מיט א טרויעריגער מינע און א מאך געטהאן מיט'ן קאפ: — יא.

אבער גאט ווייסט, אויב ער האט אין גאנצען פערשטאנען, וואס סאנין האט גערעדט.

די געגנער און די סעקונדאנטען האבען זיך, ווי געוועהנליך, פערנייגט איינער פאר'ן אנדערן. דער דאקטאר נור האט זיך ניט א ריהר געטהאן. ער האט זאגאר מיט אן אויג ניט א מאך געטהאן, אקוראט ווי ער וואלט געזאגט: „דיזע העפליכקייטען געהערען ניט צו מיין געשעפט!"

דער יונגער סעקונדאנט האט פארגעשלאגען פאנטאלעאן'ען, אויסצואוועהלען א פלאץ פאר'ן דועל. פאנטאלעאן האט איהם געענטפערט מיט א שווערער, שטאמלענדיגער צונג:

— נו, נו, וועהלט זיך אויס... איך... איך... וועל אכטונג געבען!

דער יונגער סעקונדאנט איז גלייך צוגעגאנגען צו דער אר־בייט. ער האט געפונען ניט ווייט א שעהנעם, מיט בלומען אין גאנצען בעוואקסענעם פלאץ. האט אפגעמאסטען די ווייטקייט, אנגעצייכענט זיי, האט ארויסגענומען די פיסטאלעטען פון זיין קעסטעל, און, אנגעזעצט זיך אויף די גראז, האט ער זיי גע־

נומען אנלאדען. ער האט געארבייט אזוי שווער, אז יעדע מי־נוט איז ער געצוואונגען געווען אפצואווישען זיך מיט א טיכעל דעם שווייס פון פנים.

פאנטאלעאן, וועלכער איז הינטער איהם געשטאנען, האט, פערקעהרט, אזא געזיכט געמאכט, אקוראט ווי עס וואלטען איהם די צייהן וועה געטהאן...

וועהרענד די דאזיגע פארבערייטונגען זיינען דיביידע געג־נער געשטאנען איינער מיט'ן רוקען צום אנדערן, אנגעבלאזען און ברוגז'דיג, אקוראט ווי חדר־אינגלאך, וואס האבען זיך גע־ריכט אויף דעם רבי'ס שמיץ...

און דאן איז דער לעצטער מאמענט געקומען.

דער יונגער סעקונדאנט האט זיך א קעהר געטהאן צו פאנ־טאלעאן'ען און איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז איידער זיי זאגען די געפעהרליכע „איינס, צוויי, דריי", איז זיין פליכט אלס עלטערער סעקונדאנט צו פרובען מאכען שלום צווישען די געגנער.

פאנטאלעאן, וועלכער האט זיך שוין בעהאלטען הינטער א בוש אזוי, אז מען האט איהם קוים ארויסגעזעהן, האט פון אנ־פאנג ניט פערשטאנען קיין ווארט, וואס דער יונגער אפיציע־ האט געזאגט. אבער פלוצלונג האט ער זיך א כאפ געטהאן, איז פון הינטער'ן בוש ארויסגעלאפען, האט קראמפפהאפט גענו־מען זיך קלאפען מיט'ן פויסט אין ברוסט און גענומען שרייען מיט א הייזעריגער שטימע, אז די געגנער זאלען זיך פרובען פערגלייכען.

— איך ניט ! — האט סאנין שנעל ארויסגערעדט.

— איך אויך ניט ! — האט באראן פאן דענהאף געזאגט.

פאנטאלעאן איז געבליבען שטעהן, ווי א דער'הרג'עטער.

— נו, איצט רופט אוים : איינס, צוויי, דריי ! — האט דער יונגער סעקונדאנט א געשריי געטהאן צו דעם צומישטען פאנטאלעאן.

פאנטאלעאן האט זיך ווידער א ווארף געטהאן אהינטערן

בוש, און, אויסציהענדיג זיך אויפ'ן בויך, האט ער צוגעמאכט די אויגען, אפגעקעהרט דעם קאפ און אויסגעשריען מיט א פערצווייפעלטען קול:

— איינס, צוויי, דריי!

סאנין האט דער ערשטער אויסגעשאסען און ניט געטראפען. דער קויל האט זיך אן א בוים אנגעשלאגען. באלד נאך איהם האט באראן דענהאף אויסגעשאסען אומיסטנע אין דער לופט.

דאן האט א ווײלע געהערשט א שווערע שטילקייט. קיינער האט זיך ניט געריהרט פון ארט. עס האט זיך נור געהערט פאנטאלעאן'ס שטילע קרעכצען.

— ווילט איהר מיר זאלען פארטזעצען? — האט אויפ'ן סוף זיך אפגערופען דענהאף.

— ווארום האט איהר אין די לופט געשאסען? — האט סאנין געפרעגט.

— דאס איז ניט אייער געשעפט — האט דענהאף געענטפערט.

— און דעם צווייטען מאל וועט איהר ווידער אין די לופט שיסען? — האט סאנין א פרעג געטהאן.

— מעגליך; איך ווייס ניט — האט דענהאף איהם געענטפערט.

— מיינע העררען, מיינע הערען — האט זיך דער יונגער סעקונדאנט אריינגעמישט — די געגנער האבען קיין רעכט ניט צו ריידען איינער מיט'ן אנדערען; דאס איז געגען די געזעצען פון דועל־קארעקס...

— איך זאג זיך אפ פון שיסען א צווייטען מאל — האט פלוצלונג סאנין ארויסגעווארטשעט, און אוועקגעווארפען זיין פיסטאלעט.

— איך זאג זיך אויך אפ — האט דענהאף אונטערגעכא...
און, א ווארף געטהאן זיין פיסטאלעט אויף די גראז, האט ע

צונעלייגט: — אויסער דעם בין איך גרייט צוצוגעבען, אז פאר־געסטערן בין איך בעגאנגען אן אונרעכט.

ער האט זיך א קעהר געטהאן צו סאנין'ען און אויסגע־שטרעקט צו איהם די האנד. סאנין האט האסטיג א טראט גע־טהאן צו איהם, אנגענומען זיין האנד און זי פעסט א דריק געטהאן.

— בראווא! בראווא! — האט פאנטאלעאן פלוצלונג אויס־געשריען, ווי א משוגענער, האט גענומען פאטשען אין די הענד, ווי א קינד און איז ארויסגעקראכען פון הינטער'ן בוש און דער דאקטאר, וועלכער איז געזעסען אן א זייט אויף א שטאם פון א בוים, האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, אויסגעגאסען דאס וואַ־סער פון'ם קרוג און איז אוועק צום ארויסגאנג פון'ם וועלדעל.

— די עהרע איז בעלוינט, דאס דועל האט זיך געענדיגט!

— האט דאן דער יונגער סעקונדאנט פייערליך אויסגעשריען.

— בראווא! — האט פאנטאלעאן אונטערגעכאפט מיט א בעגייסטערטען קול.

* * *

ווען סאנין האט זיך צושיידט מיט די אפיציערען, האט זיך ווידער אריינגעזעצט אין קארעטע, האט ער געפיהלט ווי אייער, וואס איז איבערגעקומען א שווערע אפעראציאן. דאך האט ער אין דער זעלבער צייט ניט געקאנט אונטערדריקען א שעהם־געפיהל, וואס האט איהם געמוטשעט... דאס דועל, אין וועל־בען ער האט ערשט א ראלע געשפיעלט, האט אויף איהם אן איינדרוק געמאכט ווי פון א פריהער אפגעמאכטער קאמעדיע... ער האט זיך געשעהמט, פאר וואס ער האט זיך אריינגעלאזען אין דער דאזיגער לעכערליכער קאמעדיע. פון דער אנדערער זייט אבער וואס אנדערש האט ער געקאנט טהאן? ער האט דאך ניט געקאנט פערשווייגען די פרעכהייט פון יענעם אפי־ציער, ווי דאס האט געטהאן הערר קלובער!... ער האט דזשעממא'ן בעשיצט, איהר עהרע פערטהיידיגט און דאך!... דעם האט ער געפיהלט ווי געוויכענסביסע...

פאנטאלעאן דאגעגען האט זיך געפיהלט אויפ'ן זיבענטען הימעל און האט געקוקט ארום זיך מורא'דיג שטאלץ און וויכטיג. קיין גענעראל, וועלכער האט א גאנצע ארמעע בעזיעגט, וואלט שטאלצער און וויכטיגער ניט געקוקט ארום זיך, ווי דער אלטער איטאליענער האט אין דיעזער מינוט געקוקט. סאנין'ס האלטונג בעת'ן דועל האט איהם בעגייסטערט און איצט האט ער זיין בעגייסטערונג אין ווערטער אויסגעגאסען: גערופען סאנין'ען „גרויסער העלד", און פערגליכען איהם צו א מאנומענט פון מארמאר אדער בראנז... ווענען זיך אליין האט ער, אמת, אפילו צוגעגעבען, אז ער איז געווארען א ביסעלע נערוועז, האט זיך אבער פערענטפערט מיט די ווערטער:

— איהר פערשטעהט דאך... איך בין א קינסטלער, א נערוועזע נאטור פון דערהיים; איהר אבער, איהר?... איהר זייט א זוהן פון דעם קאלטען נארד און גראניט־פעלזען!

סאנין האט ניט געוואוסט, ווי אזוי מען מאכט דעם קינסטלער שווייגען.

* * *

פונקט אויף דעם זעלבען ארט, וואו זיי האבען מיט צוויי שטונדען צוריק, פאהרענדיג צום דועל, עמיל'ן געזעהען, האבען זיי איהם איצט, פאהרענדיג צוריק, וויעדער דערזעהען.

ער איז ארויסגעשפרונגען פון הינטער א בוים, האט ארויסגעלאזען א געשריי פון פרייד און א ווארף טהאענדיג זיין היטעל אין דער הויך, איז ער מיט אזא אימפעט צוגעלאפען צו דער קארעטע, אז ער איז שיער צווישען די רעדער ניט אריינגעפאלען, און איידער נאך דער קוטשער האט אפגעשטעלט די פערד, האט ער זיך ארויפגעכאפט אויף די קארעטע און זיך געווארפען סאנין'ען אויף דער האלז.

— איהר לעבט? איהר זייט ניט פערוואונדעט! — האט ער געשריען — ענטשולדיגט מיר, וואס איך האב אייך ניט געפאלגט... איך בין ניט געגאנגען אהיים... איך האב ניט געקאנט... איך האב געווארט דא אויף אייך. איך האב געמוזט

ווארטען !.. נו, דערצעהלט מיר, ווי און וואס... האט איהר איהם געטויטעט ?..

סאנין'ען האט זיך קוים איינגעגעבען איהם צו בערוהיגען.

מיט א שטראהלענדיגען פנים האט פאנטאלעאן דאן אנגעהויבען צו דערצעהלען איהם פערשיעדענע איינצעלהייטען וועגען דעם דועל. און, דערצעהלענדיג, האט ער זיך אזוי בעגייסטערט, אז ער האט ניט געקאנט איינזיצען אויף אן ארט, האט בעוועגט מיט די פיס, פערלייגט די ארעמס אויף די ברוסט און געדעדט, און גערעדט...

און ניט מיט קיין קלענערע בעגייסטערונג האט עמיל זיך צוגעהערט צו איהם און האט פון צייט צו צייט נור איהם אונטערבראכען מיט א בעגייסטערטע פראגע, צו מיט א פריידענס־געשריי, צו ער איז גאר אויפגעשפרונגען און זיך געווארפען זיין העלדישען פריינד אויפ'ן האלז.

די קארעטע איז אריינגעפאהרען אין שטאדט און האט זיך אויפ'ן סוף אפגעשטעלט נעבען דעם האטעל, וואו סאנין איז איינגעשטאנען. בעגלייט פון פאנטאלעאן און עמיל'ן, האט זיך סאנין געלאזט געהן אויף די טרעפ, צום צווייטען שטאק. פלוצלונג האט ער דערזעהן ווי פון א ווינקעל אין קליינעם דונקעלען קארידאר איז מיט שנעלע טריט ארויסגעטראטען א פרויען־געשטאלט. אויפ'ן געזיכט האט זי געטראגען א שלייער. זי איז געבליבען שטעהן מיט וואנקענדע טריט פאר סאנין'ען, האט א ציטער געטהאן און איז מיט שנעלע טריט ארונטערגעלאפען פון די טרעפ און איז פערשוואונדען.

סאנין האט גלייך אין איהר דערקענט דזשעממא'ן. ער האט איהרע אויגען דערקאנט, טראץ דעם געדיכטען ברוין־זיידענעם שלייער.

— האט פריילייין דזשעממא דען אויך געוואוסט וועגען דעם דועל ? — האט ער ארויסגערעדט מיט פערדרוס, ווענדענדיג זיך צו פאנטאלעאן'ען און עמיל'ן, וועלכע זיינען פון איהם ניט אפגעטראטען.

— איך האָב געמוזט דערצעהלען אַלעס — האָט ער אַרויס־געשטאַמעלט צומישט — זי האָט זיך אַנגעשטויסען, אַז.... און איך האָב געמוזט... אָבער דאָס איז גאָר נישט! — האָט ער זיך פּלוצלונג פרעהלאך א כאַפּ געטהאָן — איצט האָט זי אַליין געזעהן, אַז איהר לעבט און זייט געזונד.

סאַנין האָט זיך אָפּגעקעהרט פון איהם.

— וואָס פאַר אַ פּלוידערזעק איהר זייט ביידע! — האָט ער זיך אָפּגערופען מיט אַן אונמוטהיגע מינע, איז אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער און האָט זיך געוואָרפען אויף אַ שטוהל.

— איך בעט אייך, זייט ניט בייז אויף מיר! — האָט עמיל אַרויסגערעדט מיט אַ בעטענדיגען קול.

— נו, גוט, איך וועל ניט זיין בייז... אָבער איצט געהט.. איך וויל זיך צולייגען — האָט סאַנין געזאָגט.

— אַן אויסגעצייכענטע אידעע! — האָט פּאַנטאַלעאָנע אויסגעשריען — איהר דאַרפט זיך טאַקע אויפּרוהען... איהר האָט עס עהרליך פערדיענט, עדעלער סעניאָר! קום, עמיליאָ, אָבער שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער — ש־ש־ש!...

ווען סאַנין האָט זיי געזאָגט, אַז ער וויל שלאָפען, האָט ער נור געוואָלט פון זיי פּטור ווערען, אָבער ווען ער איז געבליעבען אַליין, האָט ער טאַקע דערפיהלט, אַז ער איז זעהר מיעד. די פאָרינע נאַכט האָט ער קוים אַן אויג צוגעמאַכט. ער האָט זיך געלייגט אין בעט און איז באַלד געשמאַק איינגעשלאָפען.

דריי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

סאַנין האָט געשלאָפען עטליכע שטונדען נאָכאַנאַנד, און אין שלאָף האָט זיך איהם גע'חלום'ט, אַז ער וויל זיך ווידער דועלירען און דאָס מאָל מיט הערר קלובער'ן... זיין סעקונדאַנט איז ווידער פּאַנטאַלעאָן, וועלכער אין דער געשטאַלט פון אַ פּאַ־

פוגיי זיצט זיך אויף א הויכען טענענבוים, קלאפט מיט'ן שנאָ־
בעל און שרייט אָהן אויפהער:

— איינס־צוויי־דריי! איינס־צוויי־דריי!

— איינס־צוויי־דריי! — האָט איהם ווידער א הילך גע־
טהאָן אויפ'ן אויער, אָבער דאָס מאָל גאַנץ דייטליך. ער האָט
געעפענט די אויגען און אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אימיצער האָט
טאַקע געקלאַפּט אין טהיר.

— אריין! — האָט ער אויסגערופען.

דאָס איז געווען דער קעלנער. ער איז געקומען זאָגען,
אז א דאַמע וויל איהם זעהן.

— דזשעממא! איז סאַנין'ען דורכגעפלויגען גלייך אין
קאָפּ.

אָבער דאָס איז ניט געווען דזשעממא, נור איהר מוטער,
פרוי לענאָרע.

קוים איז זי אריינגעטראָטען אין צימער, האָט זי זיך אני־
דערגעזעצט אויף א שטוהל און אָנגעהויבען צו וויינען.

— וואָס איז געשעהן, פרוי לענאָרע? — איז סאַנין צוגע־
לאָפען צו איהר און וועקגעזעצט זיך נעבען איהר און האָט זי
ווייך אָנגענומען פאר א האַנד: — בערוהיגט זיך, איך בעט אייך.

— אך, הערר דמיטרי — האָט יענע געוויינט — איך בין
זעהר, זעהר אונגליקליך!

— אונגליקליך? איהר?

— אך, אזוי אונגליקליך! איך האָב עס גאָר ניט ערוואַר־
טעט.... פּלוצלונג ווי א דונער פון הימעל!...

זי האָט ניט געקענט אָפּכאַפּען דעם אָטהעם.

— אָבער וואָס אזוינס האָט פּאַסירט? — האָט סאַנין אויס־
געשריען — איך בעט אייך, דערצעהלט! זאָל איך אייך דער־
לאַנגען א גלאָז וואַסער?

— ניין, איך דאַנק אייך.

פרוי לענאָרע האָט אָפּגעווישט די אויגען מיט א טיכעל און דאַן ווידער אָנגעהויבען צו וויינען, נאָך העכער און פער־צווייפעלטער, ווי פריהער.

— איך ווייס דאָך אַלעס, אַלעס — האָט זי געוויינט.

— וואָס מיינט איהר „אַלעס“ ?

— אַלעס, וואָס היינט האָט פּאַסירט... און פאַר וואָס וויים איך אויך ! איהר האָט ווי אַן עהרענמאַן געהאַנדעלט !... אָבער וואָס פאַר אַן אונגליק דאָס איז ! ניט אומזיסט בין איך געווען געגען דעם ארויספאָהר אין סאָדען, ניט אומזיסט ! דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס וועט דאָרט טרעפען ! איך בין צו אייך געקומען, ווייל איך האַלט אייך פאַר אַן עהרענמאַן און פאַר א פריינד, כאָטש איך קען אייך ערשט פינף טעג... אָבער איך בין אַן אַלמנה, אַן עלענדע אויף דער וועלט... מיין טאָכטער...

די טרעהרען האָבען דערשטיקט איהר קול. סאַנין האָט ניט פערשטאַנען וואָס זי וויל פון איהם.

— אייער טאָכטער ? — האָט ער אונטערגעכאַפּט — וואָס איז געשעהן מיט איהר ?

— מיין טאָכטער — האָט פרוי לענאָרע ווייטער געשלוכ־צעט הינטער איהר טיכעל, וואָס איז אין גאַנצען נאַס געווען פון טרעהרען — מיין דזשעממאַ האָט מיר היינט ערקלעהרט, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון חתונה צו האָבען מיט הערר קלובער'ן, און פערלאַנגט פון מיר, איך אַליין זאָל דאָס איהם זאָגען.

סאַנין איז אויפגעשפּרונגען ! עטוואָס אַזוינס האָט ער ניט ערוואַרטעט.

— וועגען דער שאַנדע וויל איך שוין גאָר ניט ריידען — האָט פרוי לענאָרע ווייטער געוויינט — דען אַזאַ זאַך איז אויף דער ווייסער וועלט ניט געהערט געוואָרען, אַז א כלה זאָל אין מי־טען דערינען ניט וועלען חתונה האָבען מיט איהר חתן... אוי־סער דעם, הערר דמיטרי, ווערען מיר רואינירט.

פרוי לענאָרע האָט געמאַכט פון איהר טיכעל א גאַנץ קליי־

נעם הארטען באלל, אקוראט ווי׳ זי וואלט איהר גאנצען שמערץ אהין ארייננעטהאן.

— פון אונזערע פערדיענסטען קענען מיר ניט מאכען קיין לעבען, הערר דמיטרי, און הערר קלובער איז זעהר רייך און וועט מיט דער צייט נאך רייכער זיין. און ווארום זאל זי דעם שידוך אפלאזען ? ווייל ער האט זיין כלה ניט פערטהיידיגט ? אמת טאקע, זעהר שעהן איז דאס פון איהם ניט געווען און אין קיין אוניווערזיטעט האט ער אויך ניט געשטודירט... אלס אנשטענ־דיגער קויפמאן האט ער ניט געקענט איינשטעלען זיין לעבען צוליעב א קלייניגקייט... און ווידער: וואס פאר א בעדייטונג האט א בעליידיגונג ?!... אך, הערר דמיטרי! אך, הערר דמיטרי!

— האט זי געוויינט.

— אבער, פרוי לענארע... — האט סאנין זי געוואלט אונ־טערברעכען.

זי אבער האט איהם ניט געלאזט רעדען, האט געוויינט און גע׳טענה׳ט:

— וואס טהוט מען ? אזא סקאנדאל ! אזא סקאנדאל !... הערר דמיטרי, האט רחמנות איבער אן אלטער פרוי... רעדט מיט איהר איבער. איהר אליין קענט ביי איהר פועל׳ען, זי זאל חתונה האבען מיט איהר חתן !...

סאנין האט זי אנגעקוקט פערוואונדערט.

— איך, פרוי לענארע ?

— יא, איהר אליין, איהר אליין ! און דערפאר האב איך זיך צו אייך געווענדעט... איהר זייט אזא גוטער און אזא גע־בילדעטער ! חוץ דעם, האט איהר דאך דאס לעבען פאר איהר איינגעשטעלט... זי וועט אייך פאלגען ! האט רחמנות, איך וועל צו די פים אייך פאלען !...

און פרוי לענארע האט זיך טאקע האלב אויפגעהויבען פון איהר שטוהל און געוואלט זיך א ווארף טהאן צו זיינע פים.

סאנין האט זי אפגעהאלטען.

— פרוי לענאָרע, אום גאָטעס ווילען, וואָס ווילט איהר טהאָן?

זי האָט איהם קראמפפהאפט אָנגעכאַפּט פאר די הענד.

— וועט איהר דאָס טהאָן פאר מיר? וועט איהר דאָס טהאָ: פאר מיר? — האָט זי גערעדט פערסאָפּעט, אין איין אָטהעם, ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפּער.

— אָבער, פרוי לערנאָרע — האָט ער ארויסגערעדט צו־מישט — ווי קענט איהר פון מיר פערלאַנגען אזא...

— איהר מוזט עס טהאָן, אויב איהר ווילט ניט, איך זאָל דאָ גלייך אויפ'ן אָרט פאר אייערע אויגען שטאַרבען! — האָט זי אויסגעשריען מיט אַ יאָמער.

— וואָס האָט ער געקענט טהאָן? דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט צו טהאָן געהאַט מיט פייערדיגע אי־טאַליענישע בלוט.

— גוט! — האָט ער זיך אָפּגערופען — איך וועל טהאָן, וואָס איהר פערלאַנגט. איך וועל זיך זעהן מיט דזשעממאַ'ן...

פרוי לענאָרע האָט ארויסגעלאָזט אַ געשריי פון פרייד.

— הגם, איך ווייס ניט, אויב דאָס וועט העלפען — האָט ער זיך געזוכט ארויסצודרעהען...

— אָה, רעדט ניט אזוי — האָט די אַלטע זיך גענומען ביי איהם בעטען — איהר האָט מיר אַ וואָרט געגעבען... זי וועט אייך געוויס וועלען פאָלגען. מיך וויל זי ניט פאָלגען!...

— האָט זי אייך בעשטימט ערקלערט, אז זי וויל מיט איהם ניט חתונה האָבען? — האָט סאַנין ווידער געפרעגט אין אַ ווײַלע ארום.

— בעשטימט! — האָט פרוי לענאָרע געענטפערט — און איהר דאַרפט וויסען, אז זי איז זעהר אַן איינגעשפּאַרט קינד. נעהמט זי זיך עפּעס אריין אין קאָפּ, איז פערפאַלען! קיינער וועט זי שוין ניט איבערשפּאַרען.

— קיינער? — האָט זיך סאַנין אָפּגערופען, שטאַרק צו־טראָגען.

— קיינער, ווי איך זאג אייך! אבער דאך איז זי גוט ווי א מלאך... אייך וועט זי פאלגען... איהר וועט דאך באלד זיין ביי אונז, הא? אה, מיין טהייערער רוסישער פריינד!...

זי האט זיך ראפטאם א כאפ געטהאן פון איהר ארט, און ארומגעכאפט סאנין'ען פאר'ן קאפ.

— איך גיב אייך מיין ברכה און... גיט מיר א טרונק וואסער!

סאנין האט איהר געבראכט א גלאז וואסער, האט פער־שפראכען איהר צו קומען, בעגלייט זי ביז דער טהיר; דאן האט ער פערבראכען די הענד און אויסגעגלאצט ווייט די אויגען...

— נו, וואס טהוט מען איצט? זי איז איינגעשפארט — זאגט איהר מוטער... און איך זאל זי בעאיינפלוסען, איך?!...

— האט זיך ביי איהם פערדרעהט א וויר־וואר פון גדאנקען און געפיהלען האט אין זיין נשמה אויפגעשטורמט... און צווישען דעם דאזיגען וויר־וואר האט דזשעממא'ס בילד אויפגעלעבט, ווי זי איז געשטאנען אין דעם דונקעלען פענסטער אין יענער שטורמדיגער נאכט... עס איז איהם געווארען הייס און קאלט.

פיער און צוואנציגסטער קאפיטעל.

מיט וואנקענדיגע טריט און א קלאפענדען הארצען איז סא־נין צוגעגאנגען צו פרוי לענארע'ס הויז. וואס זאל ער זאגען דזשעממא'ן? ווי זאל ער האנדלען?

ער איז אריין אין שטוב ניט דורך דער קאנדיטעריי, נור דורך א הינטער טהיר. אין דעם קליינעם פאדערצימער האט איהם בעגעגענט פרוי לענארע. די אלטע דאמע, דערזעהענדיג איהם, האט זי דערפיהלט אי פרייד, אי שרעק.

— איך האב אייך מיט אונגעדולד ערווארטעט! — האט זי ארויסגעשעפצעט, דריקענדיג זיינע הענד מיט איהרע ביידע —

געהם אריין אין גאָרטען, איהר וועט זי דאָרט טרעפען. פער־געסט אָבער ניט, אז איך האָף אין גאַנצען אויף אייך!...

סאַנין איז אריין אין גאָרטען.

דזשעממא איז דאָרט געזעסען אויף א באַנק נעבען אַן אַלעע. נעבען איהר איז געשטאַנען א גרויסער קאָרב מיט קאַרשען, וועלכע זי האָט אָפּגערייניגט און אין א טעלער גע־וואָרפען.

עס איז געוועזען אַרום זיעבען אוהר אבענדס. די זון איז גע־שטאַנען אויפ'ן האָריזאָנט און האָט מיט פורפורנע שטראַהלען דעם גאַנצען גאָרטען פערגאָסען. פון צייט צו צייט האָט זיך גע־הערט דאָס פליסטערען פון די בלעטער און דאָס זשומען פון פערשפעטיגטע ביהנען, וואָס זיינען געפלויגען פון איין בלום צו דער אַנדערער און איינטאָניגע, אונערמיעדליכע וואָרקען פון א ווייסען טוירטעלטויב.

דזשעממא האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ דעם זעלבען רונדען הוט, וואָס זי האָט געטראָגען בעת זי איז געפאָהרען נאָך סאָדען.

דערזעהען סאַנין'ען, איז זי א ביסעל צומישט געוואָרען און אַרונטערגעלאָזט די אויגען איבער'ן קאָרב.

וואָס מעהר ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר, אַלץ אונ־זיכערער איז ער געוואָרען און... און... ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איהר נאָהענט, האָט ער קיין אנדערע ווערטער ניט געקענט ארויסברייגנען, ווי די:

— ווארום רייניגט איהר די קאַרשען?

דזשעממא האָט ניט גלייך געענטפערט.

— אָט דיעזע, וואָס זיינען רייפע — האָט זי אויפ'ן סוף געענטפערט — ווערען געפרעגעלט און די אַנדערע גוצען מיר פאַר קייק. איהר ווייסט דאָך, די קליינע רונדע קייקלאָך מיט צוקער פון אויבען?...

און וועהרענד זי האָט עס געזאָגט, האָט זי איינגעבויגען דעם קאָפּ נאָך ניעדריגער און איהר רעכטע האַנד, וועלכע האָט געהאַלטען צווישען די פינגער צוויי קאַרשען, האָט איין אוי־

געגבליק אין דער לופט א שוועב געטהאָן צווישען קאָרב און דעם טעלער.

— מעג איך זיך געבען אייך זעצען? — האָט סאַנין גע־פרעגט.

— געוויס.

דזשעממא האָט זיך א ביסעל א רוק געטהאָן און סאַנין האָט זיך געזעצט נעבען איהר.

— ווי הויב איך אָן? — האָט סאַנין א טראַכט געטהאָן, בעת ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר. אָבער דזשעממא אַליין האָט איהם ארויסגעפיהרט פון דער פערלעגענהייט.

— איהר האָט היינט א דועל געהאַט? — האָט זי אָנגע־הויבען זעהר לעבעדיג, א קעהר טהועגדיג צו איהם איהר שעהן פערשעהמט און פערדרויטעלט פנים און פון איהרע אויגען האָט ארויסגעשטראַהלט א טיעפע דאַנקבאַרקייט: — און דאָך זייט איהר אזוי רוהיג! ווי עס שיינט, לאַכט איהר זיך אויס פון געפאַהרען...

— ענטשולדיגט — האָט ער געענטפערט — עס איז גאָר קיין געפאַהר ניט געוועזן און די גאַנצע געשיכטע האָט זיך גע־ענדיגט אָהן בלוטפערגיסונגען...

דזשעממא האָט א פיהר געטהאָן מיט א פינגער פאַר איהרע אויגען פון רעכטס צו לינקס און אויסגעשריען:

— ניין, ניין! רעדט ניט אזוי! איהר וועט מיך ניט נאַ־רען! איך ווייס אַלעס פון פאַנטאַלעאָן'ען!..

— טאַקע דער ריכטיגער מענש וועמען צו גלויבען! — האָט סאַנין א שמייכעל געטהאָן — האָט ער אייך אויך ניט דערצעהלט עפּעס וועגען די ווייסע הוסאַרען...

— פּעררעדט מיר ניט די צייהן — האָט זי איהם אונטער־בראָכען — און דאָס אַלעס האָט איהר געטהאָן צוליעב מיר... איך וועל עס קיינמאָל ניט פערגעסען!...

— אָבער, פרייליין דזשעממא, איך פערזיכער אייך..

— איך וועל עס אייך קיינמאָל ניט פערגעסען — האָט זי

איבערגע'חזר'ט ווידער און האָט איהם אָנגעקוקט מיט א פעס־טען בליק — דאן האָט זי זיך אָפּגעקעהרט פון איהם.

איצט האָט ער געקענט זעהן איהר פיינעם, ריינעם פראָפיל, און ער האָט ביי זיך אין הארצען געמוזט צוגעבען, אז נאָך קיינ־מאָל, קיינמאָל אויף זיין לעבען האָט ער נאָך עטוואָס עהנליכעס ניט געזעהן, און ער האָט זיך אזוי גליקליך געפיהלט, אזוי גליק־ליך... זיין גאַנצע נשמה האָט געבליהט...

— און מיין פערשפּרעכען? — האָט פּלוצלונג א ברען גע־טהאָן אין זיין מוח.

— פריילין דזשעממא — האָט ער אָנגעהויבען נאָך א קור־צען שווייגען.

— וואָס?

זי האָט ניט א קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צו איהם און האָט ווייטער געפּליקט איהרע קאַרשען. אָבער אזא טיעפער פער־טרויען איז געלעגען אין דעם איינציגען וואָרט: „וואָס?“...

— האָט אייך די מוטער גאָר נישט געזאָגט וועגען...

— וועגען? — האָט זי אונטערגעכאַפּט — וועגען מיר?...

דזשעממא האָט פּלוצלונג אריינגעוואָרפען די קאַרשען, וואָס זי האָט געהאַלטען, צוריק אין קאָרב.

— האָט זי מיט אייך גערעדט? — האָט זי א פרעג גע־טהאָן פון איהר זייט.

— זי האָט מיר דערצעהלט, אז איהר... אז איהר האָט זיך פּלוצלונג ענטשלאָסען אָפּצוזאָגען...

דזשעממא האָט ווידער דעם קאָפּ ארונטערגעלאָזט. ער איז אין גאַנצען פערשוואונדען אונטער דער ברייטער הוט. גאָר־נישט האָט זיך ארויסגעזעהן פון אונטער דער הוט, חוץ איהר האַלז, וואָס איז געווען אזא צאַרט און בייגיג, ווי דער שטענגעל פון א גרויסען בלום.

— פון וואָס אָפּזאָגען זיך? — האָט זי שטיל ארויס־גערעדט.

— איך מיין... פון אייער... פון הערר — האָט ער גע־שטאַמעלט.

— איהר מיינט פון הערר קלובער'ן ?...

— יא.

דזשעממא האָט ניט ווילענדיג זיך א כאַפּ געטהאָן און צו־ריקגעקעהרט דעם קאָפּ... עטליכע קארשען האָבען זיך אוועק־געקייקעלט אויפ'ן וועג. דאַן זיינען זיי אויף א ווײלע אנשווי־גען געוואָרען.

— ווארום האָט זי עס אייך דערצעהלט ? — האָט ער דער־הערט איהר שטילען קול.

סאַנין האָט ווײדער מעהר ניט געזעהן ווי איהר צאַרטע האַלז. איהר בוזעם האָט זיך שנעל געהויבען ארויף און אראָפּ.

— ווארום ? — האָט ער זיך אָפּגערופען — ווייל פאַר די קורצע צייט האָבען מיר זיך בעפריינדעט און זי מיינט, אז איך וועל אייך קענען געבען א ריכטיגען ראַטה.

דזשעממא'ס הענד האָבען זיך לאַנגזאַם אראָפּגעגליטשט אויף איהרע קניע און איהרע פינגער האָבען גענומען צופּען די פאַלד פון איהר קלייד.

— און וואָס פאַר א ראַטה ווילט איהר מיר געבען ? — האָט זי זיך אָפּגערופען נאָך א קורצען שווייגען.

סאַנין האָט בעמערקט ווי איהרע פינגער ציטערען. זי האָט אומיסטנע געשפּיעלט מיט די פאַלדען פון'ם קלייד, אום דעם דאָזיגען ציטערען צו פערבעהאַלטען.

— דזשעממא ! — האָט ער דאַן ארויסגערעדט — ווארום קוקט איהר ניט אויף מיר ?

און גלייך האָט זי פרעוואָרפען איהר הוט אויפ'ן נאַקען און אָנגעקוקט איהם מיט איהרע אויגען פון פערטרויען און דאַנק־בארקייט. זי האָט געדענקט, אז ער וועט איהר עפּעס זאָגען, אָבער דאָס אָנבליק פון איהר פּנים האָט איהם צומישט און פערבלענדעט. דער ווארימער גלאַנץ פון דער פערגעהענדער־זון איז געפאַלען אויף איהר יונג קעפּעל, אָבער דער אויסדרוק

פון איהר פּנים האָט נאָך קלערער און העלער געשטראַהלט פון דעם זונען-גלאַנץ אליין.

— איך וועל טהאָן, ווי איהר וועט מיר הייסען — האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ שוואַכען שמייכעל און אויפגעהויבען איהרע ברעמען ארויף: — וואָס הייסט איהר מיר טהאָן?

— וואָס איך הייס אייך טהאָן? — האָט ער איבערגערעדט — זעהט איהר, אייער מוטער מיינט, אז איהר ווילט ניט הערר קלובער'ן נור דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרגעסטערן ניט אויסגעוויזען גענוג מוטה...

— נור דערפאַר — האָט דזשעממאַ ארויסגערעדט, האָט זיך איינגעבויגען, אויפגעהויבען דעם קאָרב און איהם אַוועקגע- שטעלט נעבען זיך אויפ'ן באַנק.

— אין אַלגעמיין וועט עס ניט קלוג זיין פון אייער זייט אָפּצוזאָגען זיך פון איהם... דאָס איז אַזאַ וויכטיגער שריט, אז מען מוז איהם פריהער גוט ארומטראַכטען, איידער מען מאַכט איהם... אויסער דעם איז די לאַגע פון אייער געשעפט איצט...

— דאָס זיינען מיין מוטער'ס ווערטער! — האָט איהם דזשעממאַ אונטערבראָכען — איך דערקען זיי...אָבער וואָס איז אייער אייגענע מיינונג?

— מיין אייגענע מיינונג? — האָט ער איבערגעפרעגט.

סאַנין איז אנשוויגען געוואָרען. ער האָט געפיהלט, ווי אין האַלז וואָלט זיך ביי איהם עפּעס אַוועקגעשטעלט, אז ער האָט קוים געקענט אָטהעמען.

— איך דענק אויך — האָט ער דאַן ווייטער מיט אנשטרענ- גונג ארויסגערעדט.

דזשעממאַ איז אויפגעשפּרונגען.

— איהר דענקט אויך אזוי? איהר אויך!

— יאַ, דאָס הייסט — האָט ער געשטאַמעלט צומישט.

עס איז איהם אונמעגליך געווען נאָך אַ וואָרט צוצוגעבען.

— גוט! — האָט דזשעממא געזאָגט — ווען איהר הייסט מיר אַלס מיין פריינד צו ענדערען מיין בעשלוס... דאָס הייסט, איך זאָל הייראַטהען הערר קלובער'ן, דאַן... דאַן.... וועל איך מיר דאָס איבערלייגען....

און ניט וויסענדיג אַליין, וואָס זי טהוט, האָט זי די קאַר־שען פון טעלער גענומען וואַרפען צוריק אין קאָרב אריין.

— די מוטער פערלאַנגט, איך זאָל אייער ראַטה פאָלגען... ווארום ניט? אפשר וועל איך איהם טאַקי פאָלגען! — האָט זי ווידער געזאָגט מיט ביטערניש אין קול.

— אָבער, פריילין דזשעממא — האָט סאַנין זי אונטערגע־בראָכען צומישם.

זי האָט איהם אָבער ניט געלאָזט ריידען און מיט דער זעלבער ביטערניש אין קול האָט זי ווייטער גערעדט.

— איך וועל אייער ראַטה פאָלגען!

איהרע ברעמען האָבען זיך צוויפגעקאַרטשעט; זי איז בלייך געוואָרען און אויפגערעגט געביסען די אונטערשטע ליפ.

— איך מוז אייך פאָלגען... איך בין פערפליכטעט צו טהאָן אַלעס, וואָס איהר פערלאַנגט פון מיר... איהר האָט פיעל גע־טהאָן פאַר מיר... גוט, איך וועל זאָגען מיין מוטער... איך וועל עס מיר איבערלייגען... דאָ קומט זי טאַקי!

און ווירקליך: אין דיזער צייט האָט זיך בעוויזען פרוי לענאָרע אויפ'ן שוועל פון טהיר, וואָס האָט געפיהרט אין גאָר־טען. זי האָט ניט געקענט מעהר אויסהאַלטען אין הויז פון אונ־גערולד. ווי זי האָט אויסגערעכענט, האָט סאַנין שוין לאַנג מסתמא געהאַט איבערגערעדט מיט דזשעממאַ'ן, הגם אין דער אמת'ען איז סאַנין דאָ אין גאַנצען געווען זייט אַ קנאַפּע פער־טעל שטונדע...

— ניין, ניין, ניין! אום גאָטעס ווילען, זאָגט איר נאָך נישט! — האָט סאַנין זיך אַ כאַפּ געטהאָן כמעט צושראָקען — וואַרט נאָך אָפּ... איך וועל אייך זאָגען... איך וועל אייך שריי־

בען... ביז דעמאָלט גיט ניט קיין בעשטימטען ענטפער... ווארט נאָך אָפּ!...

ער האָט א דריק געטהאָן דזשעממא'ס האנד, איז אויפגע־שפּרונגען פון באנק, איז צו פרוי לענאָרע'ס גרויסער ערשטוי־נונג פערבייגעלאָפען זי, האָט נור די הוט פאר איהר ארונטער־גענומען און איז פערשוואונדען.

די אַלטע איז צוגעגאַנגען צו איהר טאָכטער.

— זאָג מיר, דזשעממא...

דזשעממא איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט זיך ארויפגעוואָרפען איהר מוטער אויפ'ן האלז.

— ליעבע מוטער, קענסטו נאָך א וויילע ווארטען, נאָך איין קליינינקע ווייל.... ביז מאָרגען? יא? און ווילסטו ביז מאָר־גען וועגען דעם קיין וואָרט ריידען?... אָה, מוטער!

און פּלוצלונג, גאַנץ אונערווארטעט פאר איהר אליין, האָט דזשעממא אויסגעבראָכען אין א שטראָם פון העלע טרעהרען. פרוי לענאָרע האָט זיך פערוואונדערט, נאָך מעהר פון דעם, וואָס דזשעממא'ס פּנים אָנשטאָט אונמוטהיג צו זיין האָט פאר־פרייד געשטראהלט.

— וואָס איז דיר, מיין קינד? — האָט זי געפרעגט — דו וויינסט דאָך קיינמאָל ניט און מיט אמאָל איצט...

גאָרנישט מאמע, גאָרנישט! ווארט נאָר נאָך איין קליינינ־קע ווייל. מיר מוזען ביידע געדולד האָבען. אָבער ביז מאָר־גען זאָלסטו גאָר ניט פרעגען, דו הערסט? און איצט לאָמיר די קארשען רייניגען... עס ווערט שוין באַלד נאכט.

— אָבער איצט ועסטו שוין זיין קליגער, מיין קינד?

— אָה, איך בין זעהר קלוג! — האָט דזשעממא אויסגע־שריען, און האָט פיעלדייטיג א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

דאן האָט זי צונויפגעבונדען די קארשען אין קליינע בינט־לאַך, וועלכע זי האָט הויך געהאלטען פאר איהר שטראהלענדע געזיכט. זי האָט איהרע טרעהרען ניט אָפּגעווישט: זיי זיי־נען פערטריקענט געוואָרען פון זיך אליין.

פינף און צוואנציגסטער קאפיטעל.

סאניו איז געקומען צולויפען אין זיין האטעל א פערספּעקטער. ער האט געפיהלט, אז נור דארט, אין דער איינזאמקייט מיט זיך אליין, וועט ער אימשטאנד זיין צו פערשטעהן, וואס מיט איהם אליין טהוט זיך. און טאקי אזוי, ווי נור ער איז אריין אין זיין צימער; ווי נור ער האט זיך ביים שרייב־טיש אוועקגעזעצט, מיט די ביידע עלענבויגענס אנגעשפּארט — האט ער אויסגעשריען מיט שמערץ און בייזקעניש אין קול:

— איך ליעב זי! איך ליעב זי משוגע!

און זיין גאנצע נשמה האט זיך אנגעצונדען, ווי א גליהענדיגע קויל, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון דעם אש, וועלכער איז א לאנגע צייט אויף איהר געלעגען.

אין א ווייל ארום האט ער שוין ניט געקענט פערשטעהן, ווי איז דאס איהם מעגליך געוועזען נעבען איהר, נעבען דזשעמא'ן, צו זיצען, צו ריידען מיט איהר און ניט פיהלען, אז ער פערגעטערט אפילו דעם זוים פון איהר קלייד און אז ער איז בערייט צו שטארבען פאר איהר. די לעצטע אונטעררעדונג אין'ם גארטען האט איהם דאס אלעס קלאר געמאכט.

פון איצט אן האט ער זיך זי שוין מעהר ניט פארגעשטעלט, ווען ער האט וועגען איהר געטראכט, מיט צושאטענע לאקען אין דעם מילדען שיין פון די שטערען, ווי ער האט זי זיך ביז איצט פארגעשטעלט.... פון איצט אן האט זי געשוועבט פאר איהם, ווי זי איז געזעסען אויפ'ן גארטען־באנק. מיט דער הוט פערוואָרפען אויפ'ן נאקען און מיט איהרע אויגען פול פערטרויען, אריינקוקענדיג טיעף אין זיינע...

און ווען זי האט איצט פאר איהם אזוי פערביינעשוועבט, האט ער דערפיהלט א ברענענדיגען ציטערן און א דורשט נאך ליעבע אין אלע זיינע אדערן.

ער האט זיך דערמאנט אן די פערוועלקטע בלום, וואס ער האט שוין צוויי טעג ביי זיך אין קעשענע ארומגעטראגען,

האָט זי אַרויסגענומען און זי אַזוי העפטיג צונעדריקט צו זיינע ליפּען, אַז דאָס פּנים זיינס האָט זיך פערקרימט ווי פון שמערצען.

איצט האָט ער שוין מעהר ניט געטראַכט, האָט זיך ניט מעגריבעלט מעהר און ניט געזאָרגט זיך וועגען דעם, וואָס עס וועט שפּעטער זיין. ער האָט זיך אין גאַנצען פון זיין פערגאַנגענ־הייט אָפּגעריסען און זיך מיט׳ן קאָפּ אריינגעוואָרפען אין זיין צוקונפט... פון דעם איינזאַמען, טרויעריגען ברעג פון זיין יוגענד האָט ער זיך איצט אריינגעוואָרפען אין דעם דאָזיגען העלען און שוימענדען שטראָם, אין וועלכען ער האָט זיך געטראָגען, ניט וויסענדיג אַליין וואוהין דער שטראָם וועט איהם פערטראָגען. דאָס איז איהם געוועזען אַלץ איינס. ער האָט ניט געטראַכט וועגען דעם, ניט געדענקט וועגען דעם. ער האָט נור וועגען איהר געטראַכט, וועגען דזשעממאַ׳ן, און נור וועגען דזשעממאַ׳ן!...

ער האָט געכאַפּט אַ ביינעלע פּאַפּיער און אָנגעשריעבען די פאָלגענדע ציילען:

„טהייערע דזשעממאַ!"

איהר ווייסט, וואָס איך האָב גענומען אויף זיך אייך צו ראַטהען; איהר ווייסט, וואָס אייער מוטער האָט פון מיר פער־לאַנגט; אָבער וואָס איהר ווייסט ניט און וואָס איך מוז אייך איצט זאָגען — דאָס איז, אַז איך ליעב אייך... איך ליעב אייך מיט דער גאַנצער לײדענשאַפט פון הארצען וואָס ליעבט צום ערשטען מאָל! דיעזעס פייער האָט גאַנץ פּלוצלונג אין מיר אויפגעפלאַמט, אָבער מיט אַזאַ גוואַלד, אַז קיינע ווערטער זייַ־נען ניט אומשטאַנד אויסצודריקען דאָס, וואָס איך פיהל!... ווען אייער מוטער איז צו מיר געקומען און מיך געבעטען, איך זאָל מיט אייך איבעררײדען, האָט נאָך דאַן דאָס פייער גע־גליהט אונטער דער אַש, זאָנסט וואָלט איך זיכער איהר גלייך ערקלערט, אַז איך קען ניט ערפילען איהר פערלאַנג. די ווער־טער, וואָס איך שרייב אייך איצט, זיינען די ווערטער פון אַ

עהרליכען מענשען. איהר מוזט וויסען, מיט וועמען איהר האָט צו טהאָן — צווישען אונז טאָר ניט זיין מיספערשטענדניס. איהר זעהט, אז איך בין ניט אימשטאַנד אייך צו געבען א ראטה... איך ליעב אייך, איך ליעב אייך, און דאָס איז דער איינציגער געדאַנק פון מיין קאָפּ, דאָס איינציגע געפיהל פון מיין הארצען!

דמיטרי סאַנין."

ער האָט צונויפגעלייגט און פער'חתמה'ט דעם בריעף און שוין געוואָלט א רוף טהאָן דעם קעלנער, אום דורך איהם אוועקשיקען דעם בריעף צו דזשעממא'ן.

אָבער ער האָט זיך מיישב געווען. עס טויג ניט מיט'ן קעלנער! סיידען דורך עמיל'ן. אָבער וואו זעהט מען איהם? געהן צו הערר קלובער'ן אין געשעפט איהם זוכען? פּאַסט אויך עפּעס ניט. אויסער דעם איז שוין געוועזן פינסטער; עס קען זיין, אז עמיל האָט שוין פערלאָזען דאָס געשעפט.

און טראַכטענדיג אזוי, האָט סאַנין אָנגעטהאָן זיין הוט און איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

אין דרויסען האָט ער זיך אומגעקוקט אהער און אהין, ערשט ער האָט פון ווייטען דערזעהן עמיל'ן.

דער יונגער ענטוזיאסט איז געלאָפען איבער'ן גאַס מיט א קליין פּעקעל אונטער'ן ארעם און מיט א בינטעל פּאַפּיער אין האנד.

סאַנין האָט זיך שטאַרק דערפרעהט און איהם א רוף געטהאָן.

יענער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן סאַנין'ען, איז ער גלייך צוגעלאָפען צו איהם.

סאַנין האָט איהם לאַנג ניט געלאָזט ריידען, דערלאַנגט איהם דעם בריעף און איהם גענומען ערקלערען, ווי אזוי ער זאָל דעם בריעף איבערגעבען דזשעממא'ן. עמיל האָט זיך צוגעהערט צו איהם אויפמערקזאַם.

— אז קיינער זאָל ניט זעהן? — האָט ער איבערגעפרעגט און אָנגעקוקט סאַנין'ען מיט אזא געהיימער מינע, אַקוראַט ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „איך פערשטעה אַלעס!"

— יאַ, ליעבער פריינד — האָט סאַנין געענטפערט און א פּאַטש געטהאָן איהם איבער'ן בעקעל — און ווען זי וועט דיך וועלען געבען אַן ענטפער, וועסטו דאָך מיר איהם ברענגען, ניט אמת? איך וועל וואַרטען אין דער היים.

— איהר קענט זיך שוין אויף דעם פערלאָזען! — האָט עמיל ארויסגעמורמעלט פרעהלאך, איז אוועקגעלאָפען, און לויפענדיג, האָט ער איהם נאָך אמאָל א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

סאַנין איז צוריק אריין אין הויז, און ניט אָנצינדענדיג קיין ליכט, האָט ער זיך אוועקגעלייגט אויף דער סאָפע, פערלייגט ביידע הענד הינטער'ן נאַקען און זיך איבערגעגעבען די געפיהלען פון ליעבע.

א ווײַלע שפּעטער האָט זיך די טיהר געעפענט, און עמיל האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

— איך האָב געבראַכט האָט ער ארויסגעשעפּצעט — אָט דאָ איז דער ענטפער!

און ער האָט א פּאָך געטהאָן מיט'ן קליינעם קאָנווערט איבער'ן קאָפּ.

סאַנין איז אויפגעשפּרונגען פון זאָפע, איז צוגעלאָפען צו איהם און ארויסגעריסען ביי איהם דעם בריעף פון די הענד.

ער האָט זיך ניט געקענט בעהערשען. די ליידענשאַפט האָט אין איהם צו שטאַרק געבושעוועט. ער האָט ניט געטראַכט וועגען בעהאַלטען זיינע געפיהלען אפילו פאַר דיזען אינגעל, פאַר איהר ברודער.

ער איז צוגעלאָפען צום פענסטער און ביי דעם שיין פון דער אנטקעגענדיגער לאַנטערנע האָט ער איבערגעלעזען די פאָלגענדע ווערטער:

„איך בעט אייך, איך בעשווער אייך, מאָרגען דעם גאַנצען טאָג ניט צו קומען, זיך גאָר אין גאַנצען ניט ווייזען ביי אונז.

דאָס איז זעהר נויטיג פאַר מיר, זעהר... און דאַן וועט אַלעס גוט ווערען... איך וויס, אז איהר וועט עס מיר ניט אָפּ־זאָגען, וויל...

דזשעממא".

סאַנין האָט איבערגעלעזען דעם בריעף צוויי מאָל. ווי שעהן און ווי ריהרענד איז געוועזען איהר האַנדשריפט! איין אויגענ־בליק איז ער געשטאַנען טיעף פערטהאַן אין זיך, דאַן האָט ער זיך א קעהר געטהאַן צו עמיל'ן, וועלכער, בכדי צו בעווייזען סאַ־נין'ען, וואָס פאַר אַן אַנשטענדיגער אינגעל ער איז, איז גע־שטאַנען מיט'ן פנים אומגעקעהרט צו דער וואַנד און מיט די נעגעל זיך געקראַצט.

— עמיל! — האָט סאַנין איהם הויך א רוף געטהאַן.

עמיל איז גלייך צוגעלאָפען צו איהם.

— וואָס ווילט איהר?

— הערט נור, מיין ליעבער פריינד...

— הערר דמיטרי — האָט דאָס אינגעל איהם אונטערבראָ־כען מיט א וויינענדיגען קול — וואום זאָגט איהר מיר ניט „דו"?

סאַנין האָט זיך צולאַכט.

— נו, גוט, איך וועל דיר זאָגען „דו". אַלזאָ, הער, מיין ליעבער פריינד, הער: וואָס דענקסטו מאָרגען צו טהאָן?

— וואָס איך דענק מאָרגען צו טהאָן? וואָרום? וואָס אַן ערך וואָלט איהר וועלען, איך זאָל מאָרגען טהאָן?

— ווען דו קענסט, קום מאָרגען פריה צו מיר, דאַן וועלען מיר נעהמען א שפּאַציר איבער פראַנקפורט... דו ווילסט?

— אויב איך וויל! וואָס קען זיין נאָך בעסער ווי צו שפּאַ־צירען מיט אייך? איך וועל געוויס קומען!

— און ווען מען וועט דיך ניט וועלען לאָזען געהן?

— מען וועט מיך שוין לאָזען!

— הער: אין דער־היים דאַרפסטו ניט זאָגען, אז דו געהסט צו מיר...

— וואָס דאַרף איך זיי דערצעהלען מעשות! איך געה אוועק פון דער־היים און קום צו אייך, און פאַרטיג! — האָט דער אינגעל מיט פרייד געענטפערט.

ער האָט זיך אוואַרף געטהאָן צו סאַנין'ען, מיט היץ איהם אַ קוש געטהאָן און איז ארויסגעלאָפען.

א לאַנגע צייט נאָכדעם איז סאַנין ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער הין און צוריק; ערשט גאַנץ שפּעט האָט ער זיך געלייגט שלאָפען.

זעקס און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

אויף מאָרגען, אַ זייגער אַכט אין דער פריה, איז עמיל גע־קומען צו סאַנין'ען, בעגלייט פון זייער הונד טאַרטאַגליא. אין דער היים האָט ער געזאָגט, אז ער געהט צו סאַנין'ען און פון סאַנין'ען וועט ער געהן צו קלובער'ן אין געשעפט.

וועהרענד סאַנין האָט זיך אָנגעטהאָן, האָט עמיל געפּרופט פערפיהרען אַ געשפּרעך מיט איהם וועגען דעם, וואָס דזשעממאַ לאָזט אָפּ דעם שידוך. אָבער סאַנין האָט איהם געענטפערט נור מיט אַ שטרענגען שווייגען, און עמיל, אום צו בעווייזען, אז ער פערשטעהט גאַנץ גוט, ווארום סאַנין'ען איז ניט אנגענעהם צו ריידען וועגען דעם, האָט זיך אין מיטען דערינגען אונטערבראָ־כען, מאַכענדיג אַ געהיימניספּולע און זאָגאר אַ שטרענגע מינע.

נאָך פריהשטיק זיינען דיביידע פריינד אוועק צופוס נאָך הוזען, אַ קליין דערפעל, וואָס ליגט ניט ווייט פון פראַנקפורט און וועלכעס איז ארומגערינגעלט פון וועלדער. די גאַנצע קייט פון די הויכע טונים־בערג זעהט מען פון דאָרט ארויס, אקוראַט ווי זיי וואָלטען געשטאַנען מיט דער האַנד צו דערלאַנגען פון דאָרט... דאָס וועטער איז געוועזען זעהר שעהן. די זון האָט גע־גלאַנצט און געוואַרעמט, האָט אָבער ניט געברענט; אַ פרישער ווינטעל האָט מיט אַ הוזשען געשעפּצעט צווישען די גראָזען און

בלומען און די שאָטענס פון די וואָלקענס, וואָס האָבען זיך אי־בער'ן הימעל געטראָגען, האָבען געציטערט און זיך געגליטשט אין די פאָרמע פון קליינע, רונדע פלעקען איבער די ערד.

די יונגע ליוט האָבען אַ היבשע ווײלע ארומגעשפּאַציערט אין וואלד; דאַן האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דאָרף־שענק, האָבען געגעסען דאָרט דינער און זיינען נאָכדעם אוועק קלעטערען אויף די הויכע בערג. ארויפגעקראָכען אויף די בערג, האָבען זיי פון דאָרט בעוואונדערט די שעהנע אויסזיכטען, האָ־בען געוואָרפען פון דאָרט שטיינער ארונטער און האָבען פרעה־לאַך געפּאַטשט אין די הענד, בעת זיי האָבען געזעהן, ווי דיזע שטיינער האָבען געשפּרונגען און געדרעהט זיך, פאַלענדיג ארונ־טער, ביז אַ קרעפּטיגע שטימע פון אַ מאַן פון אונטער'ן באַרג האָט זיי גענומען זידלען. דאַן האָבען זיי זיך אויסגעצויגען אויפ'ן טרוקענעם, געלבליך־וויאָלעטען מאָך און זיינען אזוי גע־לעגען אַ היבשע ווײלע. נאָכדעם האָבען זיי ביער געטרונקען אין אַן אַנדער שענק פון דאָרף, האָבען זיך געיאָגט איינער נאָכ'ן אַנדערען, געבאָרעט זיך, האָבען געשריען און געזונגען און האָבען אַנגעקוואָלען פון דער עכאָ, וואָס האָט אָפּגעהילכט ארום זיי, האָ־בען געבראָכען די צווייגען פון די בוימער, האָבען בעציערט זיי־ערע היטלען מיט בלומען און האָבען זאָגאַר געטאַנצט.

טאַרטאַגליא האָט אויך אנטהייל גענומען אין אַלע זייערע פערגניגענס. ער האָט נאַטירליך קיין שטיינער ניט געוואָרפען, אָבער ער איז ארומגעפלויגען ווי אַ פערריקטער, האָט פרעהלאַך געבילט, בעת זיי האָבען געזונגען, און געוויזען אַלע זיינע קונצען.

די יונגע ליוט האָבען נאָך לאַנג פערבראַכט. סאַני האָט גענומען אויספרעגען עמיל'ן וועגען זיין פאָטער, וועגען זיין מו־טער און אַנדערע פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטען, דערביי האָט ער זיך געהיט צו דערמאָנען דזשעממאַ'ס נאָמען, הגם ער האָט ווע־גען איהר געטראַכט. אייגענטליך האָט ער געטראַכט ניט אזוי פיעל וועגען איהר אַליין, ווי וועגען דעם מאָרגעדיגען, געהיימ־ניספולען טאָג, וואָס האָט צו איהם געווינקט מיט אזוי פיעל

פרייד און גליק. ער האָט געפיהלט, אזוי ווי פאר זיינע אויגען וואָלט געשוועבט א דינער, זעהר דינער שלייער און הינטער דעם דאָזיגען שלייער וואָלט ארויסגעקוקט א יונג, אונבעוועגליך גע־זיכט מיט א פריינדליכען שמייכעל אויף די ליפּען און מיט שטרענג ארונטערגעלאָזטע אויגען. דיעזעס געזיכט איז ניט גע־ווען דזשעממאַ׳ס, נור פון דעם גליק אליין!... און זעה: ענדליך אין זיין שטונדע אויך געקומען... דער שלייער איז אויפגעהויי־בען, די ליפּען עפענען זיך, די אויגען קוקען איהם אָן — זיין גע־טין האָט איהם דערזעהן און בעגיסט איהם מיט ליכט, וואָס איז העלער פון דער זון, מיט פרייד און גליקזעליגקייט, וואָס האָט ניט קיין ענד!...

ער דערמאָנט זיך אָן דעם מאָרגעדיגען טאָג, און זיין נשמה ווערט פערשטאַרט פון פּיין און בייינקעניש.

אָבער דיעזע בייינקעניש און דיעזען פּיין איז איהם ניט גע־ווען א האָאר שווער. זיי האָבען איהם בעגלייט אויף שריט און טריט, זיי האָבען אָבער איהם ניט געשטערט. זיי האָבען איהם ניט געשטערט אריינצוגעהן מיט עמיל׳ן אין א דריטען שענק, וואו זיי האָבען ווידער איבערגעביסען. נון פון צייט צו צייט האָט דורכגעציטערט אין זיין מוח, ווי א בליץ, א געדאַנק: ווען אימיצער וואָלט געוואוסט ווענען וואָס איך טראכט!

ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין שטאָדט.

— מען וועט מיך געווייס זידלען — האָט עמיל זיך אָפּגע־רופען, בעת ער האָט זיך געזעגענט מיט סאַנין׳ען — אָבער וואָס אַרט עס מיך! איך האָב היינט זעהר גוט פערבראַכט און איך בין צופריעדען!

ווען סאַנין איז געקומען צו זיך אין האָטעל, האָט ער דאָרט געפונען א בריעף פון דזשעממאַ׳ן.

זי האָט איהם געשריעבען, אז זי וויל איהם זעהן מאָרגען אום זיעבען אוהר אין דער פריה אין דעם און דעם שטאָדטישען גאָרטען.

דאָס האַרץ האָט זיך אין זיין ברוסט א צאַפּעל געטהאָן. גרויסער גאָט! דיזער אונערהערטער, איינציגער, אונמעגלי־כער און דאָך בעשטימט־קומענדער טאָג — וואָס וועט ער איהם ברענגען?

זיינע אויגען האָבען פערשלונגען דזשעממאַ'ס בריעף. דער לאַנגער שעהנער צוק פון דעם ערשטען בוכשטאַב פון איהר נאָ־מען, האָט איהם דערמאָנט אָן איהרע שעהנע פינגער, אָן איהר האַנד... עס איז איהם איינגעפאַלען, אז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געקושט איהר האַנד.

— מען מעג זאָגען, וואָס מען וויל — האָט ער געטראַכט — די איטאַליענערקעס זיינען זעהר ציכטיג און ריין, איבערהויפּט דזשעממאַ!... זי איז א קעניגין... א געטין... די שעהנקייט און ריינקייט אַליין!...

אין יענער נאַכט איז וויינינגסטענס איין גליקליכער מענש געווען אין פראַנקפורט... ער האָט געשלאָפען, אָבער ער האָט געקענט זאָגען מיט די ווערטער פון דעם דיכטער:

„איך שלאָף, דאָך עס וואַכט מיין האַרץ.“

און אין דער אמת'ען: זיין האַרץ האָט זיך בעוועגט שטיל, ווי דאָס וויגען זיך פון א שמעטערלינג, וועלכער אָנגעהאַנגען אָן א בעטויטער בלום, באָדט זיך אין דער זומער־זון...

זיעבען און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

אויף מאָרגען האָט זיך סאַנין אויפגעכאַפּט פינף אוהר אין דער פריה. אַרום זעקס איז ער שוין געווען אָנגעטהאָן און האַלב זיעבען האָט ער שוין אַרומגעשפּאַציערט אין דעם שטאָדטישען גאָרטען, וואו דזשעממא האָט איהם בעשטעלט צו זיין.

דער פריהמאָרגען איז געווען א שטילער, א וואַרימער און א סאַרער. צייטענווייז האָט זיך געדאַכט סאַנין'ען, אז אָט־אָט

טהוט א גאָס א רעגען ; אָבער זיין אויסגעשטעלטע האנד האָט קיין רעגען ניט געפיהלט, נור אויף די ארבעל האָט ער בעמערקט שפּורען פון קליינינקע, ווי דראָבנינקע טראָפּענס, און באלד זיי־נען די דאָזיגע טראָפּענס אויף פערשוואונדען. קיין ווינד איז אקוראט ווי קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. יעדער קלאַנג האָט אָפּגעהילכט ארום, אקוראט ווי צושיטענדיג זיך ; ווייט־ווייט האָט זיך געשלענגעלט און געדונקעלט א ווייסע פּארע ; אין לופט האָט געשמעקט מיט רעזערע און בליטהען פון ווייסע אקאציען.

אויף די נאסען האָט מען די קראָמען נאָך ניט געעפענט ; נור מענשען האָבען זיך גענומען ווייזען. צייטענווייז האָט זיך דערהערט דאָס רוישען פון א לעדיגע קארעטע. אין גאָרטען זיינען נאָך ניט געווען קיין שפּאציערגעהער. דער גערטנער האָט זיך רוהיג געראמט מיט א רידעל דעם ווייסען וועג און א מאָגע־רע אלטינקע אין א שווארצען געוועגטענעם פּלאַשץ האָט געהונ־קען איבער אן אלעע.

און דערזעהן די דאָזיגע עלענדע אלטינקע, האָט סאנין׳ען א זעץ געטהאָן אין הארצען און ער האָט די אויגען ניט געקענט אָפּרייסען פון איהר און געקוקט, געקוקט נאָך איהר, ביז זי איז פערשוואונדען ווייט, ווייט א דונקעלע פּינטעלע...

זיעבען ! האָט אָבגעהילכט דער זיינער אויף דער הויכער שיבילניצע.

סאנין האָט זיך אָבגעשטעלט. שוין־זשע וועט זי ניט קו־מען ? ער האָט א ציטער געטהאָן מיט׳ן גאנצען קערפּער. אָבער באלד האָט ער דערהערט הינטער זיך לייכטע טרים, און ער האָט ווידער א ציטער געטהאָן : זי !

דזשעממא איז געגאנגען הינטער איהם איבער׳ן וועג. זי האָט געטראָגען אויף זיך א גרויען מאנטעל און א קליינע, דונ־קעלע הוט. זי האָט א קוק געטהאָן אויף סאנין׳ען, אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ אויף דער אנדער זייט און, צוגעקומען נאָהענט צו איהם, איז זי פערביינעגאנגען.

— דזשעממא! — האָט ער זי שטיל א רוף געטהאָן.

זי האָט לייכט א מאַך געטהאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער איז אוועק נאָך איהר.

ער האָט שנעל געאָטהעמט און די פיס האָבען זיך געבראָכען אונטער איהם.

דזשעממא איז פערבייגעגאַנגען אַן אַלטאַנקע, האָט זיך פער־קירעוועט רעכטס און, צוקומענדיג צו א דונקעלען פּלאַץ, וואו עס האָבען געוואַקסען הויכע סירענעס, האָט זי זיך דאָרט אָני־דערגעזעצט אויף א באַנק.

דער פּלאַץ איז געוועזען א פערוואָרפענער און א פערבאָר־געגנער.

סאַנין האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר.

עס איז אוועק א מינוט — און ניט ער און ניט זי האָבען א וואָרט ארויסגערעדט. זי האָט אפילו ניט געקוקט אויף איהם, און ער האָט אויך געקוקט ניט איהר אין פּנים, נור אויף איהרע צונויפגעלייגטע הענד, אין וועלכע זי האָט געהאַלטען א רעגען־שירם.

וואָס האָבען זיי געקענט רײדען? וואָס האָבען זיי געקענט זאָגען אזוינס, וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דעם דאָזיגען שטאַרקען גליק, אז זיי זיצען איצט באַנאַנד, אויג אויף אויג, אונ־געשטערט פון קיינעם, אזוי נאָהענט איינער נעבען אַנדערען און אזוי פריה?...

— איהר... זיים אויף מיר ניט בייז? — האָט אויפ'ן סוף סאַנין ארויסגערעדט.

עס איז געוועזען זעהר נאַריש פון איהם צו שטעלען איהר אָט די פראַגע, ער האָט עס אליין געפיהלט... אָבער לכל הפּחות דאָס שווייגען איז געבראָכען.

— איך? בייז אויף אייך? — האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן — פאַר וואָס? ניין!

— און איהר האָט צוטרויען צו מיר? — האָט ער ווייטער געפרעגט — איהר גלויבט מיר?

— וואָס איהר האָט דאָרט געשריבען?

— יא.

דזשעמא האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און גאָר נישט געענטפערט. דער רעגן־שירם האָט זיך ארויסגעגליטשט פון איהרע הענד. זי האָט איהם שנעל אונטערגעכאַפּט, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט ארונטערצופאַלען צו דער ערד.

— אָך, גלויבט מיר. גלויבט דאָס וואָס איך האָב אייך געשריעבען — האָט סאניין פּלוצלונג אויסגעשריען מיט היץ — אויב עס איז פאראַן אויף דער וועלט אמת, דער הייליגער, עהרליכער אמת, איז דאָס דער, אז איך ליעב אייך, דזשעממא, איך ליעב אייך משוגע!

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם פון דער זייט און האָט שיער וויעדער ניט ארויסגעלאָזט דעם רעגען־שירם פון איהרע הענד.

— גלויבט מיר, גלויבט מיר! — האָט ער ווייטער גערעדט, האָט זי געבעטען, די הענד צו איהר אויסגעשטרעקט און ניט געוואגט זי אָנצוריהרען.

— דזשעממא, זאָגט, וואָס ווילט איהר זאָל איך אזוינס טהאָן, אום צו איבערצייגען אייך אין מיין ליעבע?

זי האָט וויעדער אַ קוק געטהאָן אויף איהם.

— זאָגט נור, הערר דמיטרי — האָט זי אויפ'ן סוף ארויסגערעדט — פאַרגעסטערן, ווען איהר זייט געקומען מיך איינרעדען, איך זאָל... האָט איהר נאָך דאַן גאָר נישט געפיהלט צו מיר?...

— איך האָב יא געפיהלט — האָט סאניין אונטערגעכאַפּט — איך האָב אָבער קלאָר ניט געוואוסט, וואָס איך פיהל. איך האָב זיך אין אייך פערליעבט גלייך דעם ערשטען מאָמענט, בעת איך האָב אייך דערזעהן. אָבער פערשטעהן. וואָס איהר זייט פאַר מיר, האָב איך ערשט גענומען גאָר ניט לאַנג! אויסער דעם, זייט איהר געוועזן אַ כלה פון אַ פרעמדען... וואָס אנבעלאַנגט

אייער מוטער׳ס ביטע, האָב איך זי אייך, דאכט זיך, איבערגע־
געבען אזוי, אז איהר האָט זיך געקענט אָנשטויסען...

עס האָבען זיך דערהערט שווערע טריט, און א דיקער מאַן מיט א רייזע־טאַש איבער׳ן אקסעל איז ארויסגעטראָטען פון אהינטער די בוימער, קענטיג אַן אויסלענדער, און האָט אָהן צע־רעמאָניעס א ווײַלע בעטראכט דאָס פּאָארעל אויפ׳ן באנק, האָט הויך א הוסט געטהאָן און איז אוועק ווייטער.

— אייער מוטער — האָט סאַנין ווידער אָנגעהויבען, באַלד ווי דער מאַן איז פערשוואונדען: — אייער מוטער האָט מיר גע־זאָגט, אז אייער אָפּזאָגען זיך פון אייער חתן וועט ארויסרופען א סקאַנדאַל (דזשעממא האָט זיך דערביי אָנגעבלאָזען). אין איך האָב געהאַלטען פאר מיין פּפליכט צו פערהיטען אייך פון א סקאַנדאַל...

— הערר דמיטרי! — האָט דזשעממא זיך אָפּגערופען און א פיהר געטהאָן מיט א האַנד איבער די האָאר. — איך בעט אייך, דרעמאָנט מיר ניט מיין חתן... איך וועל קיינמאָל ניט זיין הערר קלובער׳ס פרוי. איך האָב איהם שוין ענטזאָגט...

— ענטזאָגט? ווען?

— נעכטען.

— איהם אַליין?

— יא. איהם אַליין. ער איז נעכטען ביי אונז געוועזן.

— דזשעממא! הייסט, איהר... איהר ליעבט מיך?

זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהם.

— ווען אַנדערש... וואָלט איך דען געקומען אהער? — האָט זי ארויסגעשעפּצעט און ביידע הענד איהרע האָבען זיך איינגע־דריקט אין באַנק.

סאַנין האָט א כאַפּ געטהאָן איהרע הענד, האָט זיי צוגע־דריקט צו זיינע אויגען און צו זיינע ליפּען... אָט ווען דער שלייער האָט זיך אויפגעהויבען, וואָס האָט נעכטען פאר איהם געשוועבט! אָט איז עס, דאָס גליק, דער פּנים, וואָס איז ליב־טיגער פון אַלע זונען!

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דרייסט אין פרעהלאך אריינגעקוקט דזשעמאַ'ן אין די אויגען. זי האָט איהם אויך אָנגעקוקט מיט האלב געעפענטע אויגען, פערשלייערט פון פריידענס־טרעהרען און איהר געזיכט האָט בעת דעם אזוי גליק־ליך געלאַכט.

ער האָט זי געוואָלט צו זיין ברוסט צוציהען, זי האָט אָבער אָפּגעקעהרט פון איהם איהר לאַכענדיג געזיכט און א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— כאָפּ ניט, דו האָסט צייט! — האָט, דאכט זיך, גערעדט דער דאָזיגער שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

— אה, דזשעממא! — האָט סאַנין אויסגעשריען — מיר האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט נע'חלום'ט פון אזא גליק, אז דו וועסט מיך אמאָל ליעב האָבען. און בעת ער האָט ארויסגערעדט דעם „דו", האָט זיין גאַנץ הארץ געפלאַטערט און געציטערט, ווי די סטרונע פון א הארפע, און זיינע ליפען האָבען גליקליך גע־שמייכעלט.

— איך האָב עס אליין אויך ניט ערווארטעט — האָט דזשעממא שטיל געענטפערט.

— ווי האָב איך געקענט דענקען — האָט סאַנין ווייטער גערעדט — ווי האָב איך געקענט דענקען, ווען איך בין געקומען נאָך פראַנקפורט, אז איך וועל דאָ טרעפען דאָס גליק פון מיין גאַנצען לעבען?

— פון דיין גאַנצען לעבען? איז דאָס אמת? — האָט דזשעממא געפרעגט.

— פון מיין גאַנצען לעבען ביז מיין לעצטען אטהעם־צוג — האָט סאַנין געענטפערט מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג.

פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט ניט ווייט פון זיך דאָס שאַ־רען פון דעם גערטנער'ס שאָפעל.

— קום איצט אהיים — האָט דזשעממא ארויסגעשעפּצעט — מיר וועלען צוזאַמען געהן, ווילסטו?

ווען זי וואָלט איהם אין דיעזער מינוט געזאָגט: „וואַרף זיך אריין אין ים, ווילסטו?" וואָלט ער זי אויך געפאָלגט.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען צוזאמען פון גאָרטען און זיינען אוועק אהיים איבער די זייטיגע גאַסען.

אכט און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

און געהענדיג נעבען איהר, האָט סאַניע פון איהר די אויגען נים געקענט אָפּרייסען. ער איז געווען בלייך, זי — רויט פון אויפרעגונג.

דאָס, וואָס איז צווישען זיי נים לאַנג פאָרגעקומען, איז גע־ווען אזוי נייע, אזוי מעכטיג און אזוי וואונדערבאַר. זייער גאַנ־צעס לעבען איז פּלוצלונג פערענדערט געוואָרען, מיט א פריהלינג־זון בעגאָסען געוואָרען...

זיי האָבען געליעבט צום ערשטען מאָל און זייביידע האָבען מיט זייער גאנצע נשמה געפיהלט דעם זיסען און העלען צויבער פון דער ליעבע.

די ערשטע ליעבע איז ווי א רעוואָלוציאָן, וואָס צורייסט און צושטערט דעם איינפאָרמיגען שטראָם פון לעבען; די יוגענד איז ארויף אויף די באַריקאַדען; הויך פלאַטערט איהר שטראַה־לענדיגע פאָהן און וואָס די צוקונפט מעג ברענגען — טוידט אָדער נייעס לעבען — אלעס און אלעמען בעגריסט זי מיט ליעבע און בעגייסטערונג.

פּלוצלונג האָבען זיי דערזעהען פון ווייטען פאַנטאַלעאָן'ען, וועלכער האָט זיך שנעל אריינגעכאַפּט אין א זייטיגער גאַס.

— זעה נור, אונזער אַלטער פריינד — האָט סאַניע אויס־געשריען.

— יאָ, דאָס איז פאַנטאַלעאָן! — האָט דזשעממא זיך אָפּ־

גערופען — מסתמא איז ער מיר נאָכגעגאַנגען. ער היט מיך איצט אויף שריט און טריט. ער מוז זיך אָנשטויסען....

דאַן האָט סאַניִן זי געבעטען, זי זאָל איהם דערצעהלען, ווי אַזוי זי האָט נעכטען אָפּגעזאָגט איהר חתן.

און זי האָט איהם גלייך אָנגעהויבען דערצעהלען, כאַפּענדיג און עטוואָס צומישט, אונטערברעכענדיג זיך אָפּט מיט אַ שטילען זיפץ און נאָך אָפטער קוקענדיג אויף סאַניִן'ען מיט שטראַהלענדיגע אויגען.

— ער איז געקומען — האָט זי דערצעהלט — מיט גאַנצע פּרעטענזיעס אויף דיר, אַז דיין אָננעהמען זיך פאַר מיר, וואַרפט אַ שאָטען אויף זיין עהרע און אויף מיין גוטען נאָמען... דו, אַ פרעמדער, האָסט ניט געהאַט קיין רעכט אָנצונעהמען זיך פאַר זיין כלה. די מאַמע האָט איהם גערעכט געגעבען. דאַן בין איך אַרויסגעטראָטען און איהם קורץ ערקלערט, אַז ער דאַרף ניט ריידען וועגען זיין עהרע און זיין כלה, ווייל איך בין ניט מעהר זיין כלה און וועל זיין פרוי קיינמאָל ניט זיין. דאַן בין איך אַריינגעלאָפען אין מיין צימער, געכאַפּט זיין רינג, וואָס ער האָט מיר אַמאָל געשענקט, און האָב איהם צוריקגעגעבען. די מאַמע האָט זיך דערשראָקען און גענומען וויינען. ער האָט זיך שרעקליך באַליידיגט, האָט אָבער גאָר נישט געזאָגט און איז אַוועק.

— נו, און איצט וויים שוין דיין מאַמע, וואָרום דו האָסט יענעם ענטזאָגט? — האָט סאַניִן זיך אָפּגערופען.

— זי ווייסט, אַז איך קען יענעם ניט אָנזעהן.

— און אַז דו ליעבסט מיך?

— דאָס וויים זי נאָך ניט, דאָס האָב איך איהר נאָך ניט געזאָגט. איך האָב קיין רעכט ניט געהאַט, ביז איך האָב מיט דיר ניט גערעדט.

— דזשעממאַ! — האָט ער אויסגעשריען — איך האָף, אַז וועניגסטענס איצט וועסטו איהר אַלעס דערצעהלען. איך וויל, זי זאָל אַלעס וויסען!

דזשעממא האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגען.

— וואָס שרייסטו אזוי?

— איך וועל איצט געהן זעהן אליין דיין מוטער.

— צו־וואָס?

— איך וויל, זי זאָל וויסען, אז איך בין איהר צוקינפטיגער איידעם! — האָט ער אויסגעשריען מיט היץ.

און ווען דזשעממא האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער זיינע, פול מיט ליעבע און פייער, האָט זי א ציטער געטהאָן, אקוראט ווי דאָס דאָזיגע פלוצלינגע מעכטיגע געפיהל פון גליק וואָלט זי אשטאַרקען שטויס געטהאָן.

אָבער פלוצלונג איז זי שטעהן געבליבען, ווי אַן איינגעגראָ־בענע. אויפ'ן עק גאַס עטליכע טריט פון איהר האָט זי דערזע־העז הערר קלובער'ן. ער איז געוועזן אויסגעפוצט אין א נייעם ראָק און הוט און האָט געשיינט, ווי אַן אויסגעבאָדטער פודעל. דערזעהן זי, האָט הערר קלובער א ציה געטהאָן מיט דער נאָז און איז מיט פינקלענדיגע אויגען צוגעגאַנגען צו זיי.

סאַנין איז געבליבען שטעהן צומישט. אָבער ווען ער האָט דערזעהן יענעם'ס רויטען פנים, איז סאַנין אויפגערעגט גע־וואָרען און האָט א טראָט געטהאָן יענעם אנטקעגען.

דזשעממא האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר א האנד, גענומען איהם אונטער'ן אָרעם און האָט פעסט א קוק געטהאָן איהר פריי־ערדיגען חתן גלייך אין די אויגען.

יענער האָט א בלישצע געטהאָן מיט זיינע און האָט זיך צו־ויפגעקאָרטשעט. דאַן האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט:

— די אַלטע ענדע פון דעם ליעד!

און, אויסגלייכענדיג זיך ווידער אין זיין גאַנצען וואוקס, איז ער אוועק.

— וואָס האָט געזאָגט דער דומקאָפּ? — האָט סאַנין אויס־געשריען און געוואָלט זיך ווידער א וואָרף טהאָן נאָך קלובער'ן.

אָבער דזשעממא האָט איהם ווידער אָפּגעהאַלטען.

אין א ווײלע ארום זײנען זײ צוגעגאנגען צו דער קאָנ־דיטערײ.

— דמיטרי ! — האָט זיך דאָן דזשעממאַ אָבגערופען מיט אויפרעגונג אין קול — מיר זײנען נאָך ניט אין הויז, מיר האָבען נאָך ניט געזעהן די מאַמען... איהר האָט נאָך צײט ארומצו־טראַכטען, אײדער איהר האָט געטהאָן דעם שריט... איהר קענט נאָך זײן פרײ, דמיטרי !

אלס ענטפער האָט סאַנין צוגעדריקט איהר האנד צו זײן ברוסט און האָט זי א ציה געטהאָן נאָך זיך אין הויז ארײן.

— מאַמע — האָט געזאָגט דזשעממאַ, ארײנקומענדיג מיט סאַנין׳ען אין דעם צימער, וואו פרוי לענאָרע איז געזעסען — מאַמע, איך האָב געבראַכט דעם ריכטיגען !

נײן און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

ווען דזשעממאַ וואָלט געזאָגט, אז זי האָט געבראַכט מיט זיך די כאָלעריע אָדער דעם מלאך המות אליין, וואָלט פרוי לע־נאָרע זיך אזוי ניט דערשראָקען. זי איז א װײלע געשטאַנען מיט גרויסע, אויסגעגלאָצטע אויגען, פול שרעק און פערצווייפ־לונג, געקוקט אויף דזשעממאַ׳ן, אויף סאַנין׳ען און ניט אומ־שטאַנדע געװען א וואָרט אויסצורײדען. דאָן האָט זי זיך אװעק־געזעצט אין א ווינקעלע מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד און זיך צויאָ־מערט אויפ׳ן קול, ווי איבער א טויטען...

דזשעממאַ איז פריהער אזוי צומישט געוואָרען פון איהר מאַמע׳ס יאָמער, אז זי איז אפילו צו איהר ניט צוגעגאנגען און איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, ווי א סטאַטוע ; און סאַנין האָט זיך גאָר אין גאַנצען פערלאָרען, האָט זיך שיער אליין נים צו־וויינט. א גאַנצע שעה האָט דער דאָזיגער יאָמער גע־דויערט, א גאַנצע לאַנגע שעה. פּאַנטאַלעאָן האָט צוגעשפּאַרט

די טהיר פון קאנדיטעריי, מורא־האבענדיג א פרעמדער זאל ניט אריינגעהן. דער אלטער איז אויך צומישט געווען, און אין הארצען ניט צופריעדען געווען, וואס דזשעממא האט זיך אזוי גע־איילט צו פערליעבען אין סאנין'ען און דאך איז ער בערייט גע־ווען צו שטעלען זיך אויף זייער זייט: אזוי טיעף האט ער גע־האסט הערר קלובער'ן! עמיל האט זיך געפרעהט, וואס סאנין ווערט דזשעממא'ס חתן און אין הארצען האט ער זיך בעטראכט מיט שטאלץ אלס זייער שדכן. ער האט פאר קיין פאל ניט גע־קענט פערשטעהן, ווארום זיין מוטער איז מיט דעם ניט צו־פריעדען און ביי איהם איז געבליבען, אז די קליגסטע פרוי איז דאך א נאר!

ערגער פון אלעמען איז געווען סאנין'ען. ווי נור ער פלעגט צוגעהן צו פרוי לענארע, אזוי גלייך פלעגט זי זיך אפּוועהרען פון איהם מיט ביידע הענד און אומזיסט האט ער עטליכע מאל אויסגעשריען: „איך בעט ביי אייך די האנד פון אייער טאכ־טער", זי האט איהם ניט געוואלט הערען.

מעהר פון אלעם האט פרוי לענארע'ן פערדראסען, וואס זי איז אזוי בלינד געווען, וואס זי האט פריהער ניט אכטונג געגע־בען אויף איהר טאכטער.

— ווען מיין זעליגער מאן וואלט געלעבט — האט זי געיא־מערט אויפ'ן קול — וואלט עס ניט געקענט פּאסירען.

— מיין גאט! — האט סאנין געטראכט — וואס איז דאס? דאס איז דאך ענדליך אזוי דום, אזוי נאריש!

און ניט ער האט געקענט א קוק טהאן אויף דזשעממא'ן און ניט דזשעממא אויף איהם.

זי האט זיך בענוגענט מיט דעם, וואס זי האט געגלעט און געלאסצעט איהר מוטער און זיך געבעטען ביי איהר מיט טרעה־רען זיך זאל זיך בערוהיגען.

אויפ'ן סוף האט זיך פרוי לענארע בערוהיגט, אויפגעהערט צו וויינען, האט ערלויבט דזשעממא'ן ארויסצופיהרען זי פון'ם ווינקעל, וואוהין זי איז פריהער פערקראכען פון פערצווייפלונג,

אוועקזועצען זי אויף א קרעסלא נעבען פענסטער און דערלאנגען איהר א גלאז ארענדזש־וואסער. סאנין׳ען האט זי אויך ער־לויבט ניט חלילה, צו איהר צוגעהן... אה, ניין! — נור פערבלייבען אין צימער (פריהער האט זי אלץ געשריען, ער זאל אוועק־געהן). זי האט זאגאר איהם ערלויבט צו ריידען אויך און האט איהם ניט איבערגעשלאגען.

סאנין האט גלייך זיך בענוצט מיט דעם „שטילשטאנד" און מיט היץ גענומען ריידען וועגען זיינע געפיהלען און זיינע אב־זיכטען צו דזשעממא׳ן. זיינע געפיהלען זיינען געווען די אויפ־ריכטינסטע, זיינע אבזיכטען די ריינסטע, ווי ביי אלמאוויווי אין דעם בארבער פון סעווילא. אמת טאקע — האט ער געערעדט — ער איז אן אויסלענדער, זיי קענען איהם וועניג, זיי ווייסען ניט, וואס פאר א פערהעלטנים ער האט; ער איז אבער פערטיג צו בריינגען בעווייזע, אז ער איז אן אנשטענדיגער מאן און איז ניט ארעם. ער האפט, אז דזשעממא וועט מיט איהם גליקליך זיין און ער וועט אלעס טהאן, אום צו פערלייכטערען איהר צו־שיידען זיך מיט איהר פאמיליע.

דער געדאנק וועגען צושיידען זיך, דאס ווארט „צושיידען" אליין האט שיער וויעדער אלעס ניט פערדארבען. פרוי לע־נארע איז פערטרייסעלט געווארען, אז זי האט דערהערט אט דעם דאזיגען ווארט. סאנין האט זיך אבער גלייך פערכאפט און גע־נומען זי איינריידען, אז דזשעממא וועט זיך צושיידען נור אויף א קורצער צייט יזון אפשר וועט מען קענען אויסקומען אהן דעם אויך.

סאנין׳ס בערעדזאמקייט האט געווירקט. פרוי לענארע האט גענומען קוקען אויף איהם, אפילו נאך אלץ מיט א פארוואורף, אבער דאך ווייכער, ניט אזוי בייז ווי פריהער; נאכהער האט זי איהם שוין ערלויבט צו איהר צוגעהן אויך און שפעטער א ווייל — אפילו זיך זעצען נעבען איהר. (דזשעממא איז געזע־סען נעבען איהר פון דער צווייטער זייט); דאן האט זי גענומען איהם ג..בען פארווירפע נור מיט די אויגען, נור מיט ווערטער,

וואָס דאָס האָט בעוויזען, אַז איהר האַרץ איז ווייכער געוואָרען. דאַן האָט זי זיך שטיל צו־וויינט, אָבער מיט גאָר אַנדערע טרעה־רען... דאַן האָט זי טרויעריג א שמייכעל געטהאָן און האָט אויסגעדריקט איהר בעדויערען, וואָס איהר מאַן לעבט ניט אָן שוין אויך אין אַנאַנדער זינן, ווי פריהער. און נאָך אין א ווײַלע אַרום זיינען שוין ביידע פערברעכער, אי דזשעממא, אי סאַנין, געשטאַנען פאַר איהר אויף די קניע און זי האָט געלייגט איהרע הענד דאָ אויף דזשעממא'ס קאָפּ און דאָ אויף סאַנין'ס קאָפּ... און נאָכדעם, נאָכדעם... האָבען זיך די ביידע גליקליכע פער־ליעבטע געוואָרפען צו איהר און האָבען זי געקושט און געדריקט. און עמיל איז אויך אריינגעלאָפען אין צימער מיט א שטראַהלענ־דען פּנים און האָט זיי געהאָלפען קושען די אַלטע...

פאַנטעלעאָן האָט אריינגעקוקט אין צימער, האָט א שמיי־כעל געטהאָן און זיך אָנגעבלאָזען אין איין צייט, דאַן איז ער אַוועק און אויפגעמאַכט די טהיר פון דער קאָנדיטעריי...

איצט האָט ער שוין מעהר ניט מורא געהאַט, טאָמער וועט ווער אריינקומען...

דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

שפּעטער א ווײַלע האָט פרוי לענאָרע גענומען ריידען מיט סאַנין'ען וועגען פּראַקטישע זאַכען.

— דזשעממא'ס פריהערדיגער חתן — האָט זי אָנגעהויבען — האָט איצט אַן איינקונפט פון אַכט טויזענד גולדען א יאָהר און וואָס ווייטער וועט זיך זיין איינקונפט אַלץ מעהר פערגרעסערען, איך וואָלט געוואָלט וויסען, וואָס פאַר אַן איינקונפט איהר האָט.

— מיין איינקונפט איז א סך קלענער — האָט סאַנין גע־ענטפערט — איך האָב ניט קיין גרויסען גוט אין טוליער גו־בערניע, וואָס אַז מען זאָל איהם ריכטיג פיהרען, דאַרף אריינ־

טראָגען פון 5 ביז 6 טויזענד רובעל א יאָהר... יא, דערצו נאָך, ווען איך זאָל פערנעהמען א רעגיערונגס־שטעלע, וועל איך פער־דיענען נאָך א צוויי טויזענד...

— א רעגיערונגס שטעלע אין רוסלאנד? — האָט פרוי לענאָרע אויסגעשריען — הייסט עס, אז איך וועל פאָרט מוזען זיך צושיידען מיט דזשעממאַ'ן!

— איך וועל קריגען א שטעלע אין דיפּלאָמאטישען דע־פּארטמענט — האָט סאנין זיך פערכאַפּט — איך האָב מאנכע פערבינדונגען אין די רעגיערונגס־קרייזען... דאַן וועל איך קע־נען דיענען אין אויסלאנד... אָדער איך קען נאָך א בעסערע זאַך טהאָן: פערקויפען דעם גוט און דאָס געלד ארייגלייגען פּעם אין א געשעפט, צום ביישפּיל, אין פערבעסערען אייער קאָנ־דיטעריי.

סאנין האָט געפיהלט, אז ער רעדט נארישקייטען, נור א קוק געטהאָן אויף דזשעממאַ'ן, איז ער בערייט געווען ניט נור צו ריידען, נאָר אפילו צו טהאָן אויך די גרעסטע נארישקייט, אבי זי גליקליך צו מאכען.

— הערר קלובער האָט מיר אויך געוואָלט געבען געלד אויף צו פערבעסערען מיין קאָנדיטעריי — האָט בעמערקט פרוי לענאָרע.

דזשעממא האָט ניט געקענט פערטראָגען דיעזען פּראקטי־שען געשפּרעך.

— מאַמאַ! אום גאָטעס ווילען, מאַמאַ! — האָט זי אויס־געשריען אויף איטאַליעניש.

— ווענען אזוינע זאכען רעדט מען פריהער! — האָט פרוי לענאָרע געענטפערט אויך אויף איטאַליעניש.

זי האָט זיך דאַן ווידער געווענדעט צו סאנין'ען און אָנ־געהויבען איהם אויספרעגען, אויב דער רוסישער געזעץ ערלויבט חתונה צו האָבען מיט קאַטוילישע פרויען. און ווען פרוי לע־נאָרע האָט זיך דערוואוסט, אז דזשעממא, ווערענדיג די פרוי פון

א רוסישען עדעלמאַן, וועט דאַדורך ווערען אַן עדעלפרוי, איז זי זעהר צופריעדען געוועזן.

אזוי האָט זיך דער פּראַקטישער געשפּרעך פּערצווייגען ביז מיטאָג עסען.

נאָכ'ן מיטאָג איז פרוי לענאָרע געוואָרען זעהר ווייך און גוט און האָט גענומען לויבען דזשעממאַ'ס שעהנקייט.

— זי איז ביי מיר אַ קעניגין — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטאָלצער מינע — וואָס רייד איך? אַזוינע שעהנע קעניגינס זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

— אמת! — האָט סאַנין אויסגעשריען בעגייסטערט — נאָך אַ צווייטע דזשעממאַ איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ!

— דערפאַר הייסט זי דאָך דזשעממאַ! (אויף איטאַליע־ניש הייסט דזשעממאַ אַ דימענט).

דזשעממאַ האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן קושען איהר מאַמען... ערשט איצט האָט זי פריי אָפּגעכאַפּט דעם אָטהעם, איצט, ווען איהר מוטער האָט אויפגעהערט צו ריידען וועגען פּראַקטישע זאַכען...

סאַנין'ען איז אויך זעהר פרעהלאָך געוואָרען אויפ'ן האַר־צען און ער האָט זיך געפיהלט, ווי אַ גליקליכער אינגעל.

דאַן האָט דזשעממאַ איהם געבעטען, ער זאָל מיט איהר אַרויסגעהן אין גאָרטען. דאָרט האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט נע־בען דעם זעלבען באַנק, וואו זי האָט מיט אַ פּאָר טעג פריהער געקליבען קאַרשען.

— דמיטרי — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט — זיי ניט בייז אויף מיר; אָבער איך וועל דיר נאָך אַמאָל דערמאָנען, אַז דו דאַרפסט זיך ניט רעכענען אַ פערבונדענער...

ער האָט זי ניט געלאָזט ענדיגען.

דזשעממאַ האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ.

— און וועגען דעם וואָס די מאַמע האָט בעמערקט — דו געדענקסט? וועגען אונזערע פערשיעדענע גלויבענס... איז אָט!... זי האָט אַרונטערגעכאַפּט פון האַלז אַ צלמ'ל, וואָס איז גע־

האנגען אויף א דינעם שנירעל, און האט איהם דערלאנגט.

— ווען איך בין דיינע, איז דיין גלויבען — מיין גלויבען !...

ביי סאנין'ען זיינען די אויגען געוועז פייכט, בעת ער איז אריין מיט איהר צוריק אין הויז.

איין און דרייסיגסטער קאפיטעל.

אויף מארגען האט זיך סאנין אויפגעכאפט זעהר פריה. ער האט א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפען. דער געדאנק וועגען פערקויפען זיין גוט און ווי אזוי איהם בעסער צו פערקויפען, האט איהם רוהען ניט געלאזט. אין קאפ האבען זיך ביי איהם געדרעהט פערשיעדענע פלענער, נור צוא בעשטימטען פלאן האט ער אלץ ניט געקענט קומען. ער איז ארויס פון הויז, אום אפצופרישען זיך. צו דזשעממא'ן האט ער געוואלט קומען ניט אנדערש ווי מיט א פארטיגען פלאן.

פלוצלונג האט ער פאר זיך דערזעהען א געשטאלט, וואס איז איהם אויסגעקומען זעהר בעקאנט.

א שווערער מאן מיט דיקע פיס, אנגעטהאן גאנץ אנשטענדיג, איז געגאנגען פאר איהם, קאטשענדיג זיך און אונטערהינקענדיג אין גאנג.

וואו ער האט געזעהען אט דעם דאזיגען נאקען, פערוואקסען מיט העלע הערלאך, אט דעם דאזיגען קאפ, וועלכען מען האט ארויפגעזעצט, דאכט זיך, גלייך אויף די פלייצעס, אט דעם דאזיגען ווייכען און פעטען רוקען און די דאזיגע פולע אויפגעבלאזענע הענד ? שוין־זשע איז עס פאלאזאוו, זיין אלטער חבר פון פענסיאן, וועלכען ער האט שוין ניט געזעהען העכער פינף יאהר ? !...

סאנין האט איבערגעיאגט דעם מאן און זיך אומגעקוקט...

דער ברייטער געלבליכער פנים, די קלייניצקע, חזיר'שע אויגע־לאַך מיט ווייסע ברעמען און אויגען־לעדלאַך, די קורצע ברייטע נאָז, די גרויסע, דיקע ליפען, ווי צונויפגעלייגטע, די רונדע מאַר־דע אָהן האָאר — און דער אויסדרוק פון דעם גאַנצען פנים, אַ זויערער, פוילער און ניט פריינדליכער — יאָ, אמת: דאָס איז ער, טאַקע איפּאָליט פּאַלאַזאָוו!

— פּאַלאַזאָוו! איפּאָליט סידאראוויטש! דאָס ביזטו? — האָט ער אויסגעשריען.

דער מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אויפגעהויבען זיינע חזיר'שע אויגעלאַך, האָט אַ ווײַלע געוואַרט און אויפ'ן סוף צו־נומען זיינע פערקלייטע ליפען, האָט ער ארויסגערעדט מיט אַ הייזעריגליכען קוויטש:

— דמיטרי סאַנין?

— ער אַליין! — האָט סאַנין אויסגעשריען און אַ דריק גע־טהאָן איינע פון זיינע הענד אין זעמישענע האַנדשוה — ווי לאַנג ביזטו דאָ? פון וואַנען קומסטו? און וואו שטעהסטו איין?

— איך בין נעכטען געקומען פון וויסבאַדען האָט פּאַלאַזאָוו געענטפערט לאַנגזאַם — איך בין געקומען איינקויפען זאַכען פאַר מיין פרוי. היינט פאָהר איך אָפּ צוריק קיין וויסבאַדען.

— אַה, יאָ! דו ביזט דאָך פערהייראַטעט — און, מען זאָגט, אַז דיין ווייב איז אַ גרויסע שעהנהייט!

פּאַלאַזאָוו האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און געענטפערט:

— יאָ, אַזוי זאָגט מען.

סאַנין האָט זיך צולאַכט.

— ווי איך זעה, ביזטו נאָך דער זעלבער פלעגמאַטיק, ווי אין פּאַנסיאָן.

— צו וואָס זאָל איך זיך ענדערען?

—און נאָך זאָגט מען — האָט סאַנין ווידער אָנגעהויבען

— אַז דיין ווייב איז זעהר רייך.

— דאָס זאָגט מען אויך — האָט יענער געענטפערט אין דעם זעלבען גלייכגילטיגען טאָן.

— און דו אליין ווייסט ניט וועגען דעם ?

— איך, ברודער, דמיטרי... פּאוולאָוויטש, דאַכט זיך, הא ?... איך מיש זיך ניט אין מיין ווייב'ס געשעפט.

— מישט זיך ניט ? אין קיין געשעפט ?

פאלאזעוו האָט ווידער א פיהר געטהאָן מיט זיינע חזיר'שע אויגעלאך און געענטפערט :

— אין קיין געשעפט, ברודעריל... זי האָט זיך איהרס און איך... נו, יא, איך האָב זיך מיינס.

— וואוהין געהסטו איצט ? — האָט סאַנין געפרעגט.

— איצט געה איך נאָך ערגעץ ניט ; איך שטעה אויפ'ן גאַס און רייד מיט דיר און אז איך וועל פארטיג ווערען מיט דיר, וועל איך געהן אין מיין האָטעל און וועל עסען פריהשטיק.

— ווילסטו מיך נעהמען מיט זיך ?

— וואָס מיינסטו ? צום פריהשטיק ?

— יא.

— מיט פערגניגען. ביינאַנד איז פרעהליכער צו עסען.

— דו האָסט דאָך ניט ליעב צו רעדען א סך.

— איך גלויב נים.

— נו, טאָ קום !

און פאלאזאָוו האָט זיך א ריהר געטהאָן פון אָרט, סאַנין נאָך איהם, וואונדערענדיג זיך אין זיינע געדאַנקען, ווי אזוי אזא נפש האָט געקענט חתונה האָבען מיט א שעהנער און רייכער פרוי....

און דאַן איז איהם מיט אמאָל איינגעפאַלען א געדאַנק, טאָמער זאָל ער גאָר פאַרשלאָגען פאלאזאָוו'ן צו קויפען זיין גוט.

— אפשר וועט ער טאַקע קויפען ? — האָט ער געטראַכט. איך וועל איהם פּרובירען פאַרשלאָגען....

פאלאזאָוו האָט געבראַכט סאַנין'ען אין איינעם פון די רייכסטע האָטעלען פון פראַנקפורט, אין וועלכען ער האָט פערנומען דעם בעסטען צימער. די טישען און שטוהלען זיינען פערוואָרפען געוועזען מיט אלערליי פעקלעך און קעסטעלעך.

— דאָס אַלעס, ברודער'ל, האָב איך איינגעקויפט פאַר מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ — האָט פּאַלאַזאָוו געזאָגט.

— ווער איז דאָס מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ? — האָט סאַנין געפרעגט.

— זי אַליין, מיין ווייב! — האָט פּאַלאַזאָוו געענטפערט.

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ קרעסלאַ און אַרויסגע־קרעכצט:

— אַי, ווי הייס!

דאַן האָט ער פאַנאַנדערגעבונדען דעם האַלזטוך און אָנגע־קלונגען. דער הויפּט־קעלנער איז ערשיענען, האָט פּאַלאַזאָוו ביי איהם בעשטעלט אַ ריכטיגען גרונטאָווען פריהשטיק און האָט נאָך צוגעלייגט:

— און צו איינס זאָל די קאַרעטע שוין זיין פאַרטיג! איהר הערט? פּונקט צו איינס!

דער הויפּט קעלנער האָט זיך ניעדריג פערניינגט פאַר איהם און איז אַרויס.

פּאַלאַזאָוו האָט צושפּילעט די וועסט. נאָך דעם נאָך, ווי ער האָט געקנייטשט מיט די ברעמען, גפּעאָכט זיך און געקאָכט זיך און געאָיקעט און געקאָרטשעט מיט דער נאָז, האָט מען גע־קענט זעהן, אַז ריידען וועט ביי איהם זיין אַ גאַנצע לאַסט און אַז ער האָט מורא, טאָמער וועט איהם סאַנין צווינגען אַ ריהר צו טהאָן מיט דער צונג.

סאַנין האָט עס פערשטאַנען און איז דערפאַר איהם ניט גע־פאַלען צו לאַסט מיט איבריגע פראַגען. ער האָט זיך בענוגענט נור מיט די נויטיגסטע פראַגען, אויף וועלכע יענער האָט איהם געענטפערט פויל, מיט אַ האַלבען מויל. פון יענעמס פוילע ענט־פערס האָט ער זיך דערוואוסט, אַז יענער האָט צוויי יאָהר גע־דיענט אין דער אַרמיי, מיט דריי יאָהר צוריק חתונה געהאַט און איז שוין דעם צווייטען יאָהר אין אויסלאַנד מיט זיין פרוי, וועל־כע קורירט זיך פון עפּעס אין וויסבאַדען און דענקט אין גיכען צו פאָהרען קיין פּאַריז...

סאַנין האָט יענעם אויך עטוואָס דערצעהלט וועגען זיין לע־בען און וועגען זיינע פּלענער; דאַן איז ער צוגעקומען צום הויפּט־פּונקט, דאָס הייסט, ער האָט פערפיהרט אַ שמועס וועגען זיין גוט.

פּאַלאַזאָוו האָט זיך צוגעהערט און געשווינגען; ציימענווייז נור פלעגט ער וואַרפען אַ בליק אויף די טהיר, דורך וועלכע עס האָט געדאַרפט קומען דער פריהשטיק.

אויפ'ן סוף האָט מען דעם פריהשטיק אריינגעטראָגען.

דער הויפּט קעלנער, בעגלייט פון צוויי אונטער־קעלנער, האָבען אריינגעטראָגען אַ פולען טאַץ מיט שפּייז.

— דיין גוט איז דאָך אין טולער גובערניע, ניין? — האָט פּאַלאַזאָוו ארויסגערעדט, זעצענדיג זיך ביים טיש און אריינרו־קענדיג אַ סאַלפעטקע הינטער'ן קאָלנער פון העמד.

— יא, אין טולער.

— איך ווייס.

— דו קענסט דאָך מיין אַלעקסעיעווסקע — האָט סאַנין גע־פרעגט און זיך אויך געזעצט צום טיש.

— איך קען יא.

פּאַלאַזאָוו האָט זיך אָנגעשטאָפּט אַ פולען מויל מיט פיינ־קוכען און פאַרטגעזעצט:

— ביי מאַריא ניקאָלאַיעוונא'ן, ביי מיין ווייב, איז דאָרט פאַראַן אַ גוט אין שכנות... קעלנער, עפענט דאָס פלאַש! גוטע ערד דיינע, איך ווייס.... פאַר וואָס ווילסטו פערקויפען?

איך דאַרף נויטיג געלד, ברודער'ל... איך וואָלט פערקויפען ביליג. אָט אז דו ווילסט קויפ...

פּאַלאַזאָוו האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וויין, האָט זיך אָפּ־געווישט מיט דער סאַלפעטקע און האָט ווייטער גענומען קייען, לאַנגזאַם און געשמאַק.

— יא־א! — האָט ער אויפ'ן סוף ארויסגערעדט — איך קויף ניט קיין גיטער: ניטאָ קיין געלד. דערלאַנג מיר די פּו־טער! סיידען מיין ווייב וועט קויפען. דו טהו אַ רייד מיט

איהר. ווען דו וועסט ניט פערלאַנגען אַ סך, וועט זי קויפען... אָבער זיינען דאָס די דייטשען עזלען — די פיש קען מען דאָך אין מויל ניט נעהמען! דאַכט זיך, אַזאַ פּשוט'ע זאַך, ווי פיש קאָכען? און ריידען נאָך „פּאַטערלאַנד"־שמאַטערלאַנד! קעל־נער, נעהמט צו פון טיש אָט די שווייניריי!

שוין־זשע האָט דיין ווייב אַליין צו זאָגען וועגען די ווירטה־שאַפט? — האָט סאַנין געפרעגט.

— יאַ, אַליין. אָט די קאָטלעטען זיינען גוט. איך רעקאָ־מענדיר דיר. איך האָב דיר געזאָגט, דמיטרי פּאַוולאָוויטש, אַז אין מיין ווייב'ס געשעפט מיש איך זיך ניט...

— הם... טאָ ווי אַזוי קען איך דיין ווייב זעהן, איפּאָליט סידאָראָוויטש?

— גאַנץ איינפאַך, דמיטרי פּאַוולאָוויטש. פאָהר אַריבער אין וויסבאַדען. פון דאַנען ניט ווייט. קעלנער, צו איז ניטאָ ביי אייך ענגלישער זענעפט? ניטאָ? עזלען! דו פערליער נור ניט קיין צייט, ווארום אין צוויי טעג אַרום פאָהרען מיר אַוועק קיין פּאַריז. טרינק אַ גלעזעל ווייך, שמעקט גאַנץ גוט, ניט זויער.

פּאָלאָזאָוו'ס פּנים איז געוואָרען לעבעדיגער, האָט זיך צר־רויטעלט, ווי געוועהנליך, בעת ער פלעגט עסען און טרינקען.

— כ'כלעבען, איך ווייס ניט, וואָס מען טהוט? — האָט סאַנין אַרויסגעמורמעלט.

— וואָס האָט זיך דיר מיט אַמאָל פערוואָלט צו פערקויפען דיין גוט?

— איך דאַרף האָבען זעהר נויטהיג געלד.

— פיעל געלד?

— פיעל... ווי זאָל איך דיר זאָגען? מיר האָט זיך פער־וואָלט חתונה האָבען.

פּאָלאָזאָוו האָט אַוועקגעשטעלט צוריק אויפ'ן טיש דאָס גלעזעלע ווייך, וואָס ער האָט שוין געהאַלטען צוגעטראָגען צום מויל.

— חתונה האָבען ! — האָט ער ארויסגערעדט מיט א הייזע־ריגען און פערוואונדערטען קול און האָט צונויפגעלייגט זיינעביידע פוקסע הענד אויפ׳ן בויך — אזוי גאָר ?

— יא.

— די כלה איז מסתמא אין רוסלאַנד ?

— ניין, ניט אין רוסלאַנד.

— וואו דען ?

— דאָ, אין פראנקפורט.

— און ווער איז זי ?

— א דייטשקע, דאָס הייסט, אַן איטאַליענערין, א היגע איינוואָהנערין..

— האָט זי עפּעס געלד ?

— קיינע.

— הייסט ער, א ברענענדיגע ליעבע ?

— ווי קאָמיש דו ביזט ! נו, יא, איך ליעב זי שטארק !

— און דערפאר דארפסטו דאָס געלד ?

— נו, יא, יא, יא ! — האָט סאנין געענטפערט אי שמייכ־לענדיג, אי נערוועז.

פּאַלאזאָוו האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזעל ווײן, אויסגע־שווענקט זיך דעם מויל און אויסגעוואשען די הענד, אָפּגעווישט זיך מיט דער סאלפעטקע, האָט ארויסגענומען א סיגאַר און פער־רויכערט. סאנין האָט געקוקט אויף איהם און געשוויגען.

— עס איז דאָ איין מיטעל — האָט פּאַלאזאָוו דאַן ארויס־גערעדט, אָפּוואַרפענדיג אהינטער דעם קאָפּ און ארויסלאָזענדיג דינע רינגלאַך רויך פון מויל — פאָהר אריבער צו מיין ווייב. אז זי וועט וועלען, וועסטו זיין א געהאָלפענער !

— אָבער ווען קען איך זעהן דיין פרוי ? דו זאָגסט דאָך, אז אין צוויי טעג ארום פאָהרט איהר אוועק ?

פּאַלאזאָוו האָט פערמאכט די אויגען.

— ווייסטו וואָס — האָט ער פּלוצלונג געזאָגט, דרעהענדיג דעם סיגאַר צווישען די ליפּען — געה אהיים, מאך זיך גרייט צו־

דער רייזע און קום אהער. אום איינס פאָהר איך אָפּ פון דאַ־נען; די קאַרעטע איז ביי מיר א גראמע, וועל איך דיך מיטנעה־מען. אזוי איז דאָס בעסטע. און איצט וועל איך נאָך כאַפּען א דרעמעל. איך, ברודער׳ל, אז איך עס אָפּ, מוז איך זיך צוליי־גען אָפּרוהען. די נאַטור פאָדערט עס פון מיר און איך גיב איהר נאָך. נו, איצט בעט איך דיר, דו זאָלסט מיר ניט שטערן!

סאַנין האָט א טראַכט געטהאָן, א קלעהר געטהאָן און האָט פּלוצלונג אויפגעהויבען דעם קאָפּ:

— גוט, איך פאָהר מיט דיר! א דאַנק. איך האָף אָבער, אז דיין ווייב וועט אויף דיר ניט בייז זיין...

אָבער פּאָלאָזאָוו האָט שוין געדרעמעלט, האָט ארויסגעמול־מעלט: שטער ניט! האָט א וואָרף געטהאָן מיט די פיס און איז אנשלאָפען געוואָרען, ווי א בייבי...

סאַנין האָט נאָך א מאָל געוואָרפען א בליק אויף זיין שווע־רען קערפּער, זיין קאָפּ, זיין האַלז, אויף זיין הויך־פּעררייסענע מאָרדע, וואָס איז רונד געווען ווי אַן עפּעל, און ארויסגעגאַנגען פון האָטעל, איז ער מיט שנעלע טריט אַוועק צו זיין כלה אהיים. ער האָט געוואָלט איהר זאָגען, אז ער פאָהרט אַוועק און וועגען וואָס.

צוויי און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

ער האָט דזשעמאַן געטראָפען אין דער קאָנדיטעריי צוזא־מען מיט איהר מוטער. פרוי לענאָרע, מיט׳ן רוקען איינגעבוי־גען, האָט אויסגעמאָסטען מיט אַן ארשין דעם צווישען פון די פענסטער. דערזעהן סאַנין׳ען, האָט זי זיך אויסגעגלייכט און האָט איהם פרעהליך אויפגענומען.

— זייט נעכטען טראַכט איך אַלץ — האָט זי אָנגעהויבען

— ווי אזוי פערבעסערען אונזער קאנדיטעריי... אט דא, דענק איך, וועל איך אוועקשטעלען צוויי שאפעס מיט שפיע־געלנע טירען. איצט, ווייסט איהר, זיינען זיי אין מאדע. און שפעטער נאך...

— גוט, גוט — האט זי איבערגעשלאגען סאנין — מען וועט אלעס דארפען מאכען... אבער איצט קומט אהער, איך דארף אייך עפעס דערצעהלען...

ער האט גענומעןביידען, אי פרוי לענארע, אי דזשעממא'ן, אונטער די הענד און זיי אריינגעפיהרט אין צווייטען צימער. פרוי לענארע האט זיך דערשראקען און ארויסגעלאזט די מאס פון איהרע הענד. דזשעממא האט זיך אפריהער אויך דערשראָ־קען, אבער, איינגעקוקט זיך גוט אין סאנין'ען, האט זי זיך גלייך בערוהיגט. זיין פנים, וועלכער איז א ביסעלע געווען צוטראָ־גען, האט אויסגעדריקט לעבהאפטיגקייט און ענטשלאסענהייט.

ער האט געבעטעןביידע פרויען זיך זעצען, און אליין האט ער זיך אוועקגעשטעלט געגען זיי און, מאכענדיג מיט ביידע הענד און קודלענדיג זיינע האר, האט ער זיי אלעס דערצעהלט: זיין בעגעגניש מיט פאלאזאָוו'ן, זיין אבזיכט צו פאהרען קיין וויסבאדען, די מעגליכקייט צו פערקויפען זיין גוט.

— שטעלט זיך נור פאר אזא גליק — האט ער אויסגע־שריען — עס קען נאך גאנץ מעגליך זיין, אז איך זאל גאר אין גאנצען נים דארפען פאהרען קיין רוסלאנד! און אונזער חתונה קען אויך זיין פריהער, ווי מיר האבען גערעכענט?

— ווען דארפט איהר פאהרען? — האט דזשעממא גע־פרעגט.

— היינט, אין א שטונדע ארום; מיין פריינד האט בע־שטעלט א גרויסע, גראמע קארעטע און ער נעהמט מיך מיט.

— איהר וועט אונז שרייבען?

— גלייך! ווי נור איך וועל איבעררעדען מיט זיין פרוי, אזוי וועל איך אייך גלייך לאזען וויסען!

— די דאַמע, זאָגט איהר, איז זעהר אַ רייכע? — האָט געפרעגט די פּראַקטישע פרוי, לענאָרע.

— זעהר! איהר פאָטער איז געווען אַ מיליאָנער און האָט איהר אלץ איבערגעלאָזט.

— איהר אליין? אוי־אוי! — האָט זיך געוואונדערט פרוי לענאָרע — אָבער זעהט, ביליג זאָלט איהר ניט פערקויפען אייער גוט! זייט קלוג און אויסגערעכענט! איילט זיך ניט! איך וויס גאַנץ גוט, אז איהר וואָלט שוין וועלען זיין דזשעממאַ'ס מאַן... אָבער איילען דאַרפט איהר זיך ניט! געדענקט, וואָס טהייערער איהר וועט נעהמען פאַר אייער גוט, אלץ מעהר וועט פערבלייבען פאַר אייך ביידען און אייערע קינדערלעך.

דזשעממאַ האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און סאַנין האָט וויע־דער גענומען מאַכען מיט ביידע הענד און שרייען:

— אין מיין פּאָזיכטיגקייט קענט איהר שוין זיין זיכער, פרוי לענאָרע! אַראָבדינגען פון פּרייז וועל איך ניט לאָזען. איך וועל איהר זאָגען אַ פּרייז; וועט זי געבען — איז גוט; ניין — דאַרף מען ניט!

— איהר קענט זי... יענע דאַמע? — האָט דזשעממאַ גע־פרעגט.

— איך האָב זי קיין מאָל אויף מיין לעבען ניט געזעהען.

— און ווען וועט איהר זיין צוריק?

— אויב פון דעם וועט זיך גאַר נישט אויסלאָזען, וועל איך זיין צוריק איבערמאָרגען. אויב עס וועט יאַ געהן אויף אַ גאַנג, וועל איך דאַרט מוזען פערברענגען אַ פּאָר טעג מעהר. יעדענפאַלס, קיין איבעריגע מינוט וועל איך זיך דאָרט ניט פערזאמען. איך לאָז דאָך דאָ איבער מיין נשמה! אָבער — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן — איך האָב זיך מיט אייך פער־רעדט און איידער איך פאָהר אָפּ מוז איך נאָך זיין ביי מיר אין האָטעל... נו, ווינשט מיר גליק, פרוי לענאָרע! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך וועל זיך צוריקקעהרען אַ פרעהליכער... נו, אַדיע, מיינע ליעבע, מיינע טייערע!...

ער האָט ארומגענומען און א קוש געטהאָן פרוי לענאָרע'ן און דזשעממא'ן האָט ער געבעטען, זי זאָל מיט איהם אריינגעהן אין איהר צימער אויף א ווײלע, ווייל ער וויל איהר עפּעס דער־צעהלען זעהר וויכטיגעס...

סאַנין איז נאָך קיין מאָל ניט געוועזען אין דזשעממא'ס צי־מער. דער גאַנצער בישוף פון ליעבע, איהר גאַנץ פייער, א־איהר בעגייסטערונג, אי איהר זיסער שרעק — דאָס אַלעס האָט מיט איין מאָל אויפגעוועקט אין איהם, אין זיין נשמה זיך אריינגעריסען, ווי נור ער האָט איבערטראָטען דעם שוועל פון איהר צימער.

ער האָט זיך אומגעקוקט מיט שטראַהלענדיגע אויגען, האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו די פיס פון דער רייצענדער מיידעל און צוגעדריקט זיך מיט'ן פּנים צו איהר טאַליע...

— דו ביזט מיינער, יא? — האָט זי ארויסגעשעפּצעט — דו וועסט זיך באַלד צוריקקעהרען?

— איך בין דיינער... איך וועל זיך צוריקקעהרען — האָט ער געזאָגט, אָטהעמענדיג הייס.

— איך וועל וואַרטען אויף דיר, מיין ליעבער!...

עטליכע מינוט שפּעטער איז סאַנין שוין געלאָפען איבער'ן גאַס צו זיך אין האָטעל. ער האָט ניט בעמערקט, ווי הינטער איהם איז פון דער קאָנדיטעריי ארויסגעלאָפען פּאַנטעלעאָן, צו־פּאַטעלט אין גאַנצען, און האָט איהם גערופען און געשאָקעלט אין דער הויך מיט א האַנד, אקוראט ווי ער וואָלט סאַנין'ען פאַר וואָס עס איז געטראַשעט.

* * *

פּונקט א פערטעל צו איינס איז סאַנין געקומען צו פּאָלא־זאָוו'ען אין האָטעל.

דאָרט איז שוין געשטאַנען א קאַרעטע, געשפּאַנט מיט פיער פערד.

דערזעהען סאַנין'ען, האָט פּאָלאָזאָוו נור ארויסגעמור־מעלט: „הא, פּאַהרסט טאַקע?“ און אָנגעטהאָן די הוט, דעם

רייזע־מאַנטעל און די קאַלאָשען, האָט ער נאָך אַריינגעשטעקט שטיקלעך וואַטע אין די אויערען איז אַרוים אויפ'ן גאַניק.

די קעלנערס האָבען אַרויסגעטראָגען אַלע זיינע פּעקלאַך און זיי צוליינט אין קאַרעטע, ווי ער האָט געהייסען. האָבען דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געדאַרפט זיצען, אַרומגעלייגט מיט זיידענע קישעלעך, רייזע־טאַשען ,קעסטלאַך, האָבען ביי די פיס אַוועקגעשטעלט דאָס קערבעל מיט עסענוואַרג און האָבען צוגע־בונדען דעם טשעמאָדאַן צו די קאָזלעס.

פּאַלאַזאָוו האָט זיי יעדען געגעבען אויף טהעע, און אונ־טערגעהאַלטען פון איינעם פון די קעלנערס, איז ער, קרעכצענ־דיג ,אַריינגעקראָכען אין קאַרעטע, האָט זיך אַזוי פעסט אַריינ־געדריקט אויף זיין זיץ, האָט פערדרייכערט אַ סיגאַר און דאַן ערשט האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט אַ פינגער צו סאַנין'ען, ער זאָל אויך אַריינקריכען. סאַנין האָט זיך געזעצט נעבען איהם.

פּאַלאַזאָוו האָט געהייסען פאָהרען. די רעדער האָבען זיך אַ ריהר געטהאָן, די טהיר פון די קאַרעטע האָט אַ קלאַפּ געטהאָן און די פערד האָבען זיך אַוועקגעטראָגען.

דריי און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

אויפ'ן וועג האָט זיך סאַנין אַ קעהר געטהאָן צו פּאַלאַזאָוו'ן:

— זאָג מיר נאָר, איפּאָליט סידאָראָוויטש, וואָס פאַר אַ מענש איז דיין ווייב? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָט זי? איך דאַרף דאָך אַלעס וויסען, ווען איך וויל מיט איהר מאַכען גע־שעפט.

— אַ מענש ווי אַלע — האָט פּאַלאַזאָוו פויל געענטפערט — קיין פינגער דאַרפסטו איהר ניט אַריינלייגען אין מויל; זי

האָט עס ניט ליעב. די הויפּטזאַך רייד מיט איהר וואָס מערד און וואָס אינטערעסאַנטער, פערשטעהסטו מיך....

— וואָס הייסט אינטערעסאַנטער?

— דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אז דו ביזט פערליעבט, אז דו ווילסט חתונה האָבען; נו, אָט, בעשרייב איהר דיין ליעבע און זאָ ווייטער, און זאָ ווייטער...

סאַנין האָט א ווײַלע געשוויגען. דאַן האָט ער זיך ווידער אָפּגערופען:

— די ווייב האָט דיך געשיקט נאָך די אַלע זאַכען קיין פראַנקפורט?

פּאָלאָזאָוו האָט איצט געהאַט א פולע מויל מיט אפּעלסין, האָט ער ניט געקענט ענטפערען און האָט אַמאָך געטהאָן מיט'ן קאָפּ: יא.

— וואָס זיינען עס פאַר זאַכען, וואָס דו האָסט געקויפט?

פּאָלאָזאָוו האָט א מאָך געטהאָן צו איהם מיט א האַנד, ער זאָל שווייגען, ביז ער וועט זיין מויל בעפרייען פון דעם אפּעל־סין און, דאַן אז ער איז מיט'ן אפּעלסין פאַרטיג געוואָרען, האָט ער געענטפערט:

— צאַצקעס.

— וואָס הייסט צאַצקעס? דו האָסט דען קינדער?

פּאָלאָזאָוו האָט זיך אזש אָפּגערוקט פון סאַנין'ען.

— וואָס פאַלט דיר איין? פון וואַנען קומען צו מיר קינ־דער? דאָס זיינען ווייבערשע מאַכאַראַיקעס, פאַר פוצען זיך.

— דו פערשטעהסט דען אין דעם?

— איך פערשטעה.

— דו האָסט דאָך אָבער מיר געזאָגט, אז דו מישט זיך ניט אין דיין ווייב'ס געשעפטען?

— עס זיינען דאָ אַנדערע געשעפטען, וואו איך מיש זיך יא, אויס... לאַנגווייליגקייט... אויסער דעם פערלאָזט זיך מיין פרוי אויף מיין געשמאַק. און איך קען זיך דינגען אויך.

פאלאזאָוו האָט גענומען ריידען לאַנגזאַמער; ער איז שוין מיעד געוואָרען.

— דיין ווייב איז זעהר רייך?

— רייך איז זי רייך, אָבער נור פאר זיך.

— דיר אליין פעהלט, דאכט זיך, אויך נישט?...

— דערפאר בין איך דאָך איהר מאַן!... און איך בין א נויטיגער מענש פאר איהר אויך! דער ריכטיגער פאר איהר!...

פאלאזאָוו האָט זיך אָפּגעווישט דעם שוויים און א קוק געטהאָן אויף סאנין'ען אזוי, אַקוראט ווי ער וואָלט זיך ביי איהם געבעטען:

— לאָז, ברודער'ל, מיך צורוה; דו זעהסט דאָך, אז עס איז מיר שווער א וואָרט אויסצוריידען!"

סאנין האָט איהם צורוה געלאָזט און זיך אין גאַנצען אָפּגעגעבען זיינע געדאַנקען.

דער האָטעל, נעבען וועלכען די קארעטע האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט אויסגעזעהען ווי א פּאלאסט. די גלעקלאַך האָבען גלייך גענומען קלינגען; עס האָט זיך אויפגעהויבען א געפילדער און א געלאָף; אויסגעפראנטעוועטע מענער אין שוואַרצע רעק האָבען זיך בעוויזען ביים הויפט־אריינגאַנג; דער שווייצאַר אין א גאָלדענער ליווערע איז צוגעלאָפען צו דער קארעטע און האָט מיט אַן אימפּעט געעפענט איהר טהיר.

ווי א גרויסער שרה איז פאלאזאָוו ארויס פון דער קארעטע און איז אוועק איבער די טרעפּ, וואָס זיינען אויסגעלייגט געוועזען מיט ווייכע קאָווערען. א מאַן איז צו איהם צוגעלאָפען, אויך אָן אויסגעפוצטער מעשה פראנט, זיין קאָמערדיענער. פאלאזאָוו האָט איהם בעמערקט, אז ווייטער וועט ער איהם אַלע מאָל נעהמען מיט זיך, ווייל נעכטען האָט מען איהם, פאלאזאָוו'ען, א גאַנצע נאכט אין האָטעל אין פראנקפורט איבערגעלאָזען אָהן וואָרימע וואסער. דער קאָמערדיענער האָט געמאַכט א צושראָקענע מינע און, איינגעבויגט זיך. האָט ער פון איהם ארונטערגענומען די קאַלאָשען.

— מאריא ניקאָלאַיעוונא איז צו־הויז? — האָט געפרעגט פּאַלאַזאָוו.

— צו־הויז, ציעהען זיך אָן. זיי עסען היינט דינער ביי דער גרעפין לאַסונסקאַיאַ.

אָה! ביי דער!... ווארט! דאָרט אין קארעטע זיינען די זאַכען, נעהם ארויס אַלעס און טראָג אריין. און דו, דמיטרי פּאַוולאָוויטש — האָט פּאַלאַזאָוו זיך א קעהר געטהאָן צו סאַ־ניןְ׳ען — דו נעהם זיך דאָ אַ צימער און אין א דריי פערטעל שטונדע ארום קום צו מיר. מיר וועלען צוזאַמען עסען דינער.

פּאַלאַזאָוו איז אוועק צו זיך, און סאַנין האָט געבעטען מען זאָל איהם געבען א צימער, אָבער ניט זעהר קיין טהייערען.

דאָרט האָט ער געבראַכט זיין טואַלעט אין אָרדנונג אין שפּעטער א ווייל איז ער אוועק אין דעם גרויסען אַפּאַרטמענט, וואָס זיין דורכלויכט „פּירסט פאָן פּאַלאַזאָוו" האָט פערנומען.

ער האָט געטראָפען דעם „פּירסט" זיצענדיג אין א רייכער, פּלושענער קרעסלא אין מיטען פון א פּראַכטפאָלען סאַלאָן.

דער „פּירסט" האָט שוין געהאַט גענומען א וואַנע און אָנ־געטהאָן אויף זיך א רייכען אַטלעסענעם שלאַפראָק און אויפ׳ן קאָפּ א רויטע יאַרמולקע.

סאַנין איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט עטליכע מינוט איהם בעטראַכט מיט גרויסער נייגעריגקייט. פּאַלאַזאָוו איז גע־זעסען פערגליווערט, ווי א געטשקע, האָט זאָגאַר דעם פּנים צו איהם ניט אַ קעהר געטהאָן, זאָגאַר מיט אן אויג ניט א וואונק געטהאָן, קיין פּיפּס זאָגאַר ניט ארויסגעלאָזט. דאָס בילד איז ווירקליך געוועזען גרויסאַרטיג!

קלייבענדיג פון איהם נחת אזוי א פּאָאַר מינוט, האָט סאַ־נין שוין געוואָלט אָנהויבען צו ריידען, די הייליגע שטילקייט אונטערברעכען, נור פּלוצלונג האָט זיך א זייטיגע טהיר גע־עפענט, און אויפ׳ן שוועל פון סאַלאָן האָט זיך בעוויזען א שעהנע יונגע דאַמע אין א ווייסע, זיידענע קלייד מיט שווארצע שפּי־

צען, מיט בריליאנטען אויף די הענד און האלז — מאריא ני־קאלאיעוונא אליין. איהרע דיקע, העל־דונקעלע האאר זיינען געפאלען פון ביידע זייטען קאפ אין פערפלאכטענע שווערע צעפ.

פיער און דרייסיגסטער קאפיטעל.

— אך, ענטשולדיגט! — האט זי ארויסגערעדט מיט א האלב צומישטען און האלב אפלאכענדיגען שמייכעל, אנכאפענ־דיג מיט א האנד דעם ברעג פון א צאפ און איינעסענדיג זיך אין סאנין'ס פנים מיט איהרע גרויסע, סארע און ליכטיגע אוי־גען — איך האב גאר ניט געדענקט, אז איהר זייט שוין גע־קומען.

— סאנין, דמיטרי פאוולאוויטש, א פריינד זייט מיין קינד־הייט — האט פאלאזאוו ארויסגערעדט, ניט א קעהר טהוענדיג זיך צו איהר און ניט אויפהויבענדיג זיך פון ארט, נור טייט־לענדיג אויף סאנין'ען מיט זיין פינגער.

— יא, איך ווייס... דו האסט שוין מיר געזאגט... עס פרעהט מיך אייך צו קענען... איך האב געוואלט דיך עפעס בעטען, איפאליט סידאראוויטש. די קאמערמעדכען מיינע איז עפעס היינט מיט ליימענע פינגער...

— דו ווילסט איך זאל דיר די האאר ברענגען אין ארד־נונג? — האט ער זיך פויל א קעהר געטהאן צו איהר.

— יא, יא, זיי אזוי גוט. ענטשולדיגט — האט מאריא ניקאלאיעוונא זיך וויעדער א קעהר געטהאן צו סאנין'ען מיט א רייצענדען שמייכעל, האט א מאך געטהאן צו איהם מיט'ן קאפ און פלינק א קעהר געטהאן זיך, איז זי פערשוואונדען הינטער'ן טהיר, איבערלאזענדיג הינטער זיך דעם מאמענטאנעם איינ־דרוק פון א רייצענדער האלז, וואונדערשעהנע אקסלען און זעהר א רייצענדע טאליע.

פּאַלאַזאָוו האָט זיך אויפגעהויבען און, טרעטענדיג שווער, איז ער אריין אין די זעלבע טהיר.

ביי סאַנין׳ען איז אויף א רגע ניט געוועזען קיין ספק, אז זי האָט גוט געוואוסט, אז ער איז דאָ ביים „פירסט“ אין סאַלאָן, און אז איהר גאנצער אריינקומען און ריידען, און זאָגען איז געוועזען ניט מעהר, ווי אַן אָנשטעל, אום צו ווייזען איהרע שעהנע האָאַר. ער האָט זיך זאָגאַר דערפרעהט אין הארצען מיט דעם דאָזיגען אָנשטעל איהרען, זועהענדיג אין דעם א סימן, אז אויב זי וויל זיך אויספּיינען פאר איהם, ווערט זי זיך ניט ווערען דינ־גען מכוח דעם פרייז אויך...

קיין אנדער געדאַנק איז אין זיין קאָפּ ניט געוועזען: ער איז אין גאנצען פול געוועזען מיט דזשעממאַ׳ן און די אנדערע פרויען האָבען איהם ניט אינטערעסירט אַלס פרויען.

און וואָלט ער איצט ניט געוועזען אזוי פול מיט דזשעממאַ׳ן, וואָלט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונא אויף איהם א גאַנץ אנדער איינ־דרוק געמאַכט. זי איז געוועזען א מערקווירדיגע פּערזענליכקייט. מען קען ניט זאָגען, אז זי איז געוועזען בעזונדערס שעהן, נור יע־דער איינער וואָלט בעצויבערט געוואָרען פון דעם כישוף פון איהר מעכטיגען בליהענדיגען פרויען־קערפּער.. און ניט ווילענ־דיג וואָלט יעדער זיך אָפּגעשטעלט קוקען אויף איהר...

אין צעהן מינוט שפּעטער איז מאַריאַ ניקאָלאַיעוונא וויע־דער ערשיענען, בעגלייט פון איהר „פירסט“. זי איז צוגעגאַנ־גען צו סאַנין׳ען, און דער גאַנג איז ביי איהר אויך געוועזען אזעל־כער, פון וועלכען א סך מענער וואָלטען משוגע געוואָרען. איי־נער, וואָס האָט זי גוט געקענט, האָט זיך א מאָל אויסגעדריקט וועגען איהר: „ווען די דאָזיגע פרוי געהט צו דיר, ווייזט זיך דיר אויס, אז זי טראָגט מיט זיך דאָס גאנצע גליק פון׳ם לעבען פאר דיר“... אַלזאָ, איז זי צוגעאַנגען צו סאַנין׳ען און, דער־לאַנגענדיג איהם די האַנד, האָט זי אויסגערעדט מיט א פריינד־ליכען און איינגעהאַלטענעם קול:

— איהר וועט אויפוואַרטען אויף מיר, ניט אמת? איך וועל באַלד זיין צוריק.

סאַנין האָט זיך מיט רעספּעקט פערנייגט פאַר איהר און מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז פערשוואונדען הינטער דעם פאָרהאַנג פון דער ארויסגאַנג־טיהר, און, אוועקגעהענדיג, האָט זי זיך וויע־דער אומגעקוקט, און ווידער א שמייכעל געטהאָן, און איבער־געלאָזט ווידער הינטער זיך דעם פריהערדיגען איינדרוק פון איהר מעכטיגער, געזונדער שעהנקייט.

ווען זי האָט געשמייכעלט, האָבען אויף יעדער באַק איהרער מיטגעשמייכעלט דריי חן־גריבעלאַך, און איהרע אויגען האָבען נאָך מעהר געשמייכעלט ווי איהרע ליפּען, ווי איהרע פולע, ראָזענרויטע, זאַפטיגע ליפּען.

פּאָלאָזאָוו איז מיט שווערע טריט צוגעגאַנגען צו א קרעסלאָ און זיך ארונטערגעלאָזט אויף איהר. ער איז געבליבען זיצען אַזוי שטום ווי פריהער; אָבער א מאָדנער איראָנישער שמייכעל האָט זיך געשפּיעלט אויף זיינע דיקע, פערוועלקטע און צוקאָר־טשיטע באַקען.

ער האָט שוין אויסגעזעהען גאַנץ אַלט, הגם ער איז עלטער געוועזען פון סאַנין'ען בלויז מיט דריי יאָהר.

דער דינער, וואָס מען האָט צום טיש דערלאַנגט, איז גע־ווען א גאַנץ היבשער, אָבער סאַנין'ען איז ער גאָר אין האַלז נים ניקראָכען.

פּאָלאָזאָוו האָט געגעסען לאַנגזאַם, מיט געפיהל, פער־שטענדניס און אונטערזיפצענדיג, ווי א זאַטער פערד. ער האָט זיך איבערגעבויגט מיט גרויס חשק איבער זיין טעלער און גע־מאָהלען מיט זיינע ליפּען. ווען ער האָט געטרונקען, האָט ער אַפריהער געשווינקט דעם מויל מיט וויין און דאַן ערשט האָט ער איהם מיט געשמאַק געשלונגען. נאַכדעם, אַז ער האָט אויסגעטרונקען א זעהר הייסע טאַסע קאַפע, האָט ער זיך געגור־מען קלאָגען פאַר'ן קעלנער אין א וויינענדיגען קול, אַז לעצטען

מאָל האָט ער איהם דערלאַנגט קאַפע וואָס איז קאַלט געווען ווי אייז.

און געזאָגט עס, האָט ער ארויסגענומען א סיגאַר, פערריכערט און אָפּגעוואָרפען דעם קאָפּ אויף'ן ווענטעל פון קרעסלאָ און גלייך גענומען דרימלען.

סאַנין האָט זיך דערפרעט מיט דעם ,האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבען, גענומען געהן איבער'ן ווייכען טעפּיך הין און צוריק, טראַכטענדיג וועגען זיין דזשעממאַ'ן און זיין צוקינפטיגען לעבען מיט איהר.

אין אָנדערהאַלבען שטונדען ארום, אָן ערך, האָט זיך פּאַלאַזאָוו אויפגעכאַפּט. ער האָט אויסגעטרונקען א גלאָז סאָדע וואסער מיט אייז און אויפגעגעסען אן אכט געשוואָלענע לעפעל מיט איינגעמאַכץ, וואָס דער קאָמערדיענער האָט איהם דערלאַנגט. אָהן דעם איינגעמאַכץ — האָט ער געזאָגט — קען ער גאָר ניט לעבען. דאָן האָט ער אָנגעקוקט סאַנין'ען מיט זיינע פערשוואָלענע אויגלאָך און ביי איהם געפרעגט, אויב ער וויל מיט איהם שפּיעלען א פּאַרטיע „שאַפּסקאָפּ“. סאַנין האָט זיך גערן אָן דעם אָנגעכאַפּט, אבי די לאַנגווייליגקייט צו פערטרייבען. זיי האָבען זיך געזעצט שפּיעלען.

ביי דיזער אושולדיגער בעשעפטיגונג האָט זיי געטראָפען מאַריא ניקאָלאַיעוונא, ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער נרעפין לאַסינסקאַיא. זי האָט זיך הויך צולאַכט, בעת זי האָט זיי דערזעהען ביי די קאַרטען.

סאַנין איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, בעת ער האָט זי דערזעהן ; זי האָט אָבער צו איהם פרעהלאַך א געשריי געטהאָן :
— זיצט, זיצט און שפּיעלט ווייטער ! איך וועל זיך נור איבערטהאָן און וועל באַלד זיין צוריק.

דאָן איז זי ווידער פערשוואונדען, רוישענדיג מיט'ן קלייד און ארונטערציהענדיג אין גאַנג איהרע האַנדשוה.

אין אַ ווײלע ארום איז זי אַריין צוריק. זי האָט געטראָגען אַ רייכען קלייד מיט אַ ברייטער לילאַ־בלויער בלוזע מיט

ברייטע אָפּענע ארבעל, די מאַליע איז ביי איהר אונטערגעהוי־בען געוועזן מיט א געשטריקטען גארטעל. זי האָט זיך געזעצט נעבען איהר מאַן, אָפּגעוואַרט ביז ער איז פארטיג געוואָרען מיט זיין קאָן און דאַן זיך געווענדעט צו איהם: — אזוי, גראָבינקער, איצט זאָל זיין גענוג!

ביי דעם וואָרט „גראָבינקע" האָט סאַנין זי אָנגעקוקט פער־וואונדערט און זי האָט איהם געענטפערט מיט אזא פריינדלי־כען שמייכעל, אז אלע איהרע חן־גריבעלאך האָבען גענומען שמייכלען אויף איהרע באַקען.

— איצט זאָל זיין גענוג — האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו איהר מאַן — איך זעה, אז דו ביזט שלעפעריג. טהו א קוש מיר די האנד און געה. מיר וועלען דאָ א ווייל פּלוידערן מיט דיין פריינד. איאָ, הערר סאַנין!

— שלעפעריג בין איך ניט — האָט פּאַלאַזאָוו ארויסגע־ברומט, אויפהויבענדיג זיך שווער פון זיין אָרט: — אָבער אוועקגעהן און א קוש טהאָן דיין האנד — דאָס קען איך.

זי האָט צו איהם אויסגעשטרעקט די האנד, האָט געשמיי־כעלט בעת דעם און געקוקט אויף סאַנין'ען.

פּאַלאַזאָוו האָט איהם אויך אָנגעקוקט און איז אוועק, ניט זאָגענדיג איהם קיין גוטע נאַכט.

געבליעבען אליין מיט סאַנין'ען, האָט מאַריא ניקאָלאַיעווי־נא זיך א כאַפּ געטהאָן, ארויפגעלייגט איהרע ביידע נאַקעטע עלענבויגענס אויף'ן טיש און ארויסגערעדט שנעל:

— נו, דערצעהלט, דערצעהלט: איז עס אמת, אז איהר קלייבט זיך חתונה האָבען?

און געזאָגט עס, האָט זי עטוואָס איינגעבויגט איהר קאָפּ אויף א זייט און אריינגעקוקט סאַנין'ען פעסט און טיעף אין די אויגען.

פינף און דרייסיגסטער קאפיטעל.

פרוי פאלאזאוו'ס אונגעצוואונגענע און פרייע האלטונג וואלטען סאנין'ען זיכער צומישט, ווען ער וואלט אין דעם ניט געזעהען קיין גוטען סימן פאר זיך.

— מיר וועלען פרובען נאכגעבען די קאפריזען פון דיעזער רייכער דאמע — האט ער א טראכט געטהאן — טאמער וועל איך איהר דאדורך קענען פערקויפען מיין גוט אויף בעסערע בע־דינגונגען, און ער האט געענטפערט:

— יא, איך קלייב זיך חתונה צו האבען.

— מיט וועמען? מיט אן אויסלענדערין?

— יא.

— וואו האט איהר זיך מיט איהר בעקענט? אין פראנק־פורט?

— יא, אין פראנקפורט.

— און וואס איז זי פאר א דאמע, אויב איך מעג פרעגען?

— געוויס מעגט איהר פרעגען — זי איז א טאכטער פון א קאנדיטער.

מאריא ניקאלאיעוונא האט איהם אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען.

— אבער דאס איז שעהן! — האט זי ארויסגערעדט לאנג־זאם — וואונדערשעהן! און איך האב שוין געמיינט, אז אזוינע ראמאנטישע נאטורען זיינען שוין מעהר אויף דער וועלט ניטא. א קאנדיטער'ס א טאכטער, אינטערעסאנט!

— ווי איך זעה, וואונדערט עס אייך — האט סאנין זיך אפגערופען מיט ווירדע — ערשטענס, האב איך ניט די פאר־אורטהיילע...

— ערשטענס — האט איהם מאריא ניקאלאיעוונא איבער־געשלאגען — האב איך אויך ניט קיין פאראורטהיילע. איך בין אליין א טאכטער פון א פויער. זייט איהר איצט צופריעדען? עס פרעהט און וואונדערט מיך נור, וואס איך זעה א מענשען,

וועלכער האָט ניט מורא צו ליעבען. איהר ליעבט דאָך, ניט אמת?

— יא.

— זי איז געווים זעהר שעהן?

דיעזע פראגע האָט א ביסעלע סאַנין'ען צומישט. ער האָט אָבער ניט געקענט אויסמיידען ניט צו ענטפערען.

— איהר ווייסט דאָך, מאריא ניקאָלאיעווגא, אז אין יעדען פערליעבטען'ס אויגען איז דאָס געזיכט פון זיין געליעבטע שעהן. אָבער מיין כלה איז ווירקליך שעהן.

— ווירקליך? און פון וואָס פאר א סטיל איז איהר שערנ־קייט — פון דעם איטאַליעגישען, צי פון דעם אנטיקען־סטיל?

— יא, זי האָט זעהר רעגעלמעסיגע געזיכטסציגע.

— האָט איהר ניט ביי זיך איהר בילד?

— ניין.

— ווי איז איהר נאָמען?

— דזשעממא.

— און אייער נאָמען?

— דמיטרי.

— און אייער פאָטער'ס נאָמען?

— פּאַוולאָוויטש.

— ווייסט איהר וואָס, דמיטרי פּאַוולאָוויטש — האָט זי דאַן געזאָגט נאָך אַלץ אין א געלאַסענעם טאָן — איהר געפעהלט מיר. איהר מוזט זיין זעהר א גוטער מענש. גיט מיר די האנד. מיר וועלען זיין פריינד.

זי האָט פעסט א דריק געטהאָן זיין האנד צווישען איהרע שעהנע, ווייסע קרעפטיגע פינגער. איהר האנד איז געוועזען ניט פיעל קלענער פון זיינער, אָבער פיעל ווארימער, בייגיגער, ווייכער און אזוי צו זאָגען לעבעדיגער.

— ווייסט איהר, וואָס מיר פעלט איין? — האָט זי פּלוצ־לונג געזאָגט.

— וואָס?

— וועט איהר ניט בייז ווערען? ניין? איהר זאָגט, אז זי איז אייער כלה? איז עס אָבער אונבעדינגט נויטיג?...

סאַנין האָט אַ קנייטש געטהאָן מיט'ן שטערן.

איך פערשטעהע אייך ניט, מאַריא ניקאָלאַיעווונא.

מאַריא ניקאָלאַיעווונא האָט זיך שטיל צולאַכט, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ טרייסעל געטהאָן מיט די האָאר אַזוי, אז זיי זיינען צופאַלען איבער איהרע באַקען.

— ווירקליך, איהר זייט רייצענד — האָט זי ארויסגערעדט שטיל און צוטראַגען — אַן אמת'ער ריטער! און איצט ווייס איך שוין, אז די אידעאַליסטען זיינען נאָך ניט אויסגעשטאָרבען!

מאַריא ניקאָלאַיעווונא האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט איהם רוסיש, ניט די הויכע אויסגעוועהלטע רוסישע שפּראַך, אויף וועלכער מען רעדט אין די אריסטאָקראַטישע רוסישע הייזער, נור דעם פּשוט'ען רוסיש, אויף וועלכען עס רעדט דאָס איינפאַכע רוסישע פאָלק.

— איהר האָט געוויס אייער ערציהונג געקראָגען צו הויז אין אַ גאָטספאָרכטיגער און פּאַטריאַרכאַלישער פאַמיליע? פון וועלכער גובערניע קומט איהר?

— פון טולער גובערניע.

— אָה, דאַן זיינען מיר דאָך לאַנדסלייט. מיין פאָטער

— איהר ווייסט דאָך, ווער מיין פאָטער איז געווען?

— יא, איך ווייס.

— ער איז אויך געבאָרען אין טולא... אָבער גענוג... מיר וועלען איצט ריידען וועגען געשעפטען...

— וואָס מיינט איהר וועגען געשעפטען? — האָט סאַנין געפרעגט.

מאַריא ניקאָלאַיעווונא האָט האַלב צוגעמאַכט די אויגען.

— אָבער איהר זייט דאָך עפּעס וועגען וואָס געקומען?

ווען זי האָט האַלב צוגעמאַכט די אויגען, האָבען זיי אָנגענומען אַ פריינדליכען און צוגלייך אַ שפּאָטישען אויסדרוק; אָבער ווען זי האָט זיי געעפענט, דאַן האָט אין זיי געבלישצעט

א קלאָהרער, פאסט קאַלטער גלאַנץ פון בייזעס און דראָהענדעס. וואָס איהר אויגען האָבען צוגעגעבען א בעזונדערען חן, זיינען געווען די ברעמען איהרע.

— איהר ווילט דאָך, איך זאָל ביי אייך קויפען אייער גוט? איהר דאַרפט דאָך געלד פאר אייער האָכציים, ניט אזוי?

— יאָ.

— וויפיעל דאַרפט איהר?

— פאר די ערשטע בעדערפנישען וועלען דערווייליע זיין גע־נוג איינינע טויזענד פראנק. אייער מאַן קען מיין גוט. איהר קענט זיך מיט איהם וועגען דעם מיישב זיין. איך וועל פער־קויפען פאר ביליג.

מאַריא ניקאָלאַיעווגא האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— ערשטענס — האָט זי זיך אָפּגערופען לאַנגזאם און א קלאָפּ געטהאָן מיט די פינגער סאַנין'ען איבער'ן ארעם: — ערשטענס, האָב איך ניט די געוואָהנהייט צו מיישב זיין זיך מיט מיין מאַן וועגען וואָס ניט איז... און, צווייטענס, וואָ־רום זאָגט איהר עפּעס, אז איהר ווילט אייער גוט פערקויפען פאר ביליג? איך וויל זיך ניט בענוצען מיט דעם, וואָס איהר זייט אזוי פערליעבט... דאָס טהו איך קיינמאָל ניט. עס פאַ־סירט אמאָל, אז איך בין שלעכט צו ועמען, אָבער ניט אין אזוינע זאכען...

סאַנין האָט ניט געוואוסט, צו זי רעדט מיט איהם ערנסט, צו זי מאכט שפּאס פון איהם. אָבער איינס האָט ער פערשטאַ־נען, אז זי איז א בחור'טע און מען מוז האַלטען מיט איהר אויערען און אויגען אָפען.

דער דיענער האָט אריינגעטראָגען א טאַץ מיט טהעע און צובייסען, האָט איהם אויפ'ן טיש אוועקגעשטעלט און איז גליי־ך ארויס פון צימער.

זי האָט אָנגעגאָסען א גלאָז טהעע פאר סאַנין'ען.

— איהר האָט דאָך נישט דאַגעגען? — האָט זי זיך אָפּגע־רופען, אריינוואַרפענדיג מיט די פינגער צוקער אין זיין גלאָז.

— פערקעהרט, פון אזעלכע שעהנע הענד. —

ער האָט דעם זאַץ ניט געענדיגט און גענומען טרינקען זיין טהעע. זי האָט איהם אָנגעקוקט שארף און אויפמערקזאם.

— ווען איך זאָג, אז איך וועל מיין גוט פערקויפען פאר ביליג, איז עס נור דערפאר, ווייל איהר געפינט זיך אין אויסלאַנד און...

ער האָט זיך פערפּלאָנטערט אין זיינע אייגענע רייד, איז צומישט געוואָרען, וועהרענד מאַריא ניקאָלאַיעווונא האָט זיך לאַנגזאם אויף איהר שטוהל אָפּגעוואָרפען, פערלייגט די ארעמס אויף דער ברוסט און האָט איהם ווייטער בעטראַכט מיט אויפמערקזאמע שאַרפע בליקען. אויפ'ן סוף איז ער אנשוויגען געוואָרען.

— רעדט, רעדט ווייטער — האָט זי געזאָגט אקוראט ווי זי וואָלט איהם וועלען אויסהעלפען — איך הער אַלעס, וואָס איהר זאָגט. רעדט ווייטער.

סאַנין האָט פאר איהר אָנגעהויבען צו בעשרייבען זיין גוט און אין דער זעלבער צייט איז מאַריא ניקאָלאַיעווונא געזעסען אבגעוואָרפען, מיט די אויגען איינגעגעסען זיך אין זיין פּנים, און איהרע ליפּען האָבען זיך שטיל בעוועגט, אָבער אָהן א שמייכעל; זי האָט זיי געביסען.

סאַנין איז ווידער צומישט געוואָרען פון איהרע אויגען און איז ווידער אנשוויגען געוואָרען.

— דמיטרי פּאַוולאָוויטש — האָט זיך דאן מאַריא ניקאָלאַיעוונא אָפּגערופען און א ווייל נאָכגעדאַכט — דמיטרי פּאַוולאָוויטש — האָט זי איבערגערעדט — איהר ווייסט וואָס, איך בין איבערצייגט, אז איך וועל האנדלען ביי זיי א מציאה, ווען איך וועל ביי אייך קויפען אייער גוט... איהר מוזט מיר אָבער געבען צוויי טעג צייט אויף צו בעדענקען זיך.... איהר זייט דאָך אימשטאנדע צו זיין צושיידט מיט אייער כלה צוויי טעג, נייז? לענגער וועל איך אייך ניט אָבהאַלטען געגען אייער ווילען, איך גיעב אייך מיין עהרענוואָרט אויף דעם. אָבער ווען איהר ווילט

גלייך האָבען א פינף—זעקס טויזענד פראנק, קען איך אייך די סומע מיט פערגניגען געבען; מיר וועלען זיך שפּעטער אָפּ־רעכענען.

סאַנין האָט זיך אויפגעהויבען.

— איך בין אייך זעהר דאנקבאר, מאריא ניקאָלאַיעווגא, פאַר אייער ליעבענסווירדיגע ברייטוויליגקייט צו לייהען געלד מיר, אַן אונבעקאַנטען מענשען, איך וועל אָבער בעסער ווארטען צוויי טעג, ביז איהר וועט בעשליסען וועגען מיין גוט...

— יא, אזוי איז בעסער, דמיטרי פּאַוולאָוויטש. איז עס אָבער אייך שווער, זעהר שווער? זאָגט מיר די וואהרהייט? — זעהר שווער?

— איך ליעב מיין כלה, מאריא ניקאָלאַיעווגא, און עס איז נאַטירליך, מיר איז ניט לייכט צו זיין ניט נעבען איהר.

— אַה, איהר זייט א מוסטערהאפטער חתן! — האָט מאריא ניקאָלאַיעווגא זיך אָבגערופען און א זיפץ געטהאָן — איך פער־שפּרעך אייך אָבער, ניט צו מוטשען אייך מעהר. איהר געהט שוין?

— עס איז שוין שפּעט — האָט סאַנין געענטפערט.

— און איהר ווילט זיך אויסרוהען נאָך דער רייזע און דער פּאַרטיע שאַפּסקאָפּ מיט מיין מאַן. זאָגט מיר נור, זייט איהר שטאַרק בעפריינדעט מיט מיין מאַן?

— מיר זיינען געגאַנגען אין דעם זעלבען פּאַנסיאָן.

— און דאמאָלס איז ער אויך געווען אזא?

— וואָס מיינט איהר?

מאריא ניקאָלאַיעווגא האָט זיך צולאַכט, אזוי שטאַרק צו־לאַכט, אז איהר גאַנצער פּנים איז רויט געוואָרען; זי האָט צו־געטראָגען א טיכעל צום מויל, איז אויפגעשטאַנען פון איהר שטוהל, איז צוגעגאַנגען וואַנקענדיג צו סאַנין'ען, אַקוראַט ווי זי וואָלט מיעד געווען, און האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

ער האָט זיך פערבויגט און האָט זיך געלאָזט געהן צום ארויסגאַנג.

— קומט מאָרגען פריה, איהר הערט ? — האָט זי איהם נאָכגעשריען.

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן, ווי זי האָט זיך ווידער א וואָרף געטהאָן אויף א קרעסלא, און האָט פערקאַשערט הויך די ברייטע ארבעל, כמעט ביז די פּלייצעס, און איהרע נאַקעטע ארעמס האָבען כשופ'דיג א גלאַנץ געטהאָן פאר זיינע אויגען, און ער איז צומישט געוואָרען.

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָט אין סאַנין'ס צימער געברענט דער לאָמפּ. ער איז געזעסען ביים טיש און געשריעבען א בריעף צו דזשעממאַ'ן. ער האָט איהר אַלעס דערצעהלט, בעשריעבען איהר פּאַלאַזאָוו'ען און זיין פרוי, און נאָך מעהר האָט ער בעשריעבען זיינע אייגענע געפיהלען און געענדיגט דעם בריעף מיט די ווערטער: „אין דריי טעג אַרום זעהען מיר זיך ווידער!"..."

אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט ער אוועקגעטראָגען דעם בריעף אין פּאָסט־אָפּיס און איז דאַן אוועק שפּאַציערען אין דעם גאָרטען פון קור־הויז, וואו מוזיק האָט געשפּיעלט. ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען דעם פּלאַץ, וואו דער אָרקעסטער איז געזעסען, און האָט אויסגעהערט א פּאָטפּאָרי אוים ראָבערט דעם טייפעל, האָט אויסגעטרונקען א טאַשע קאַפע, האָט זיך דאַן אויסגעזוכט א זייטיגע אַלעע און זיך אוועקגעזעצט דאָרט אויף א באַנק.

א הענטעל פון א רעגען־שירם האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף זיין פּלייצע און מיט א היבשען קלאַפּ. ער האָט א ציטער געטהאָן און זיך אומגעקוקט.

פאר איהם איז געשטאַנען מאַריא ניקאָלאַיעווגא אין א לייכטען גרוי־גרינעם קלייד, אין א ווייסער טולענער הוט און שוועדישע האַנדשוה. זי איז געווען פריש און ראָזיג, ווי א זומער־מאָרגען.

— גוט מאָרגען — האָט זי געזאָגט — איך האָב היינט געשיקט נאָך אייך, אָבער איהר זייט שוין געווען אוועקגעגאַנגען.

איך האָב נאָר וואָס אויסגעטרונקען מיין צווייטע גלאָז. איהר ווייסט דאָך, אַז מען צווינגט מיך דאָ צו טרינקען מינעראַל־וואסער, נאָט וויים ווארום, אַקוראַט ווי איך וואָלט געווען נאָך ניט גענוג געזונד און איצט מוז איך נאָך אַ גאַנצע שטונדע לאַנג שפּאַציערען. ווילט איהר מיך בעגלייטען? שפּעטער וועלען מיר צוזאַמען קאַפּע טרינקען.

— איך האָב שוין קאַפּע געטרונקען — האָט סאַנין געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון אָרט — אָבער מיט פערגניגען וועל איך אייך בעגלייטען.

— גוט, טאָ גיט מיר אייער אָרעם... האָט נור ניט מורא, אייער געליעבטע איז דאָך דאָ ניטאָ, זי וועט אונז ניט זעהן געאָרעמט.

סאַנין האָט געענטפערט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל. יעדעס מאָל, ווען מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט דערמאָנט דזשעמאַ'ן, האָט ער זיך געפיהלט אונאַנגענעהם. דאָך האָט ער זיך פערנייגט פאַר איהר און אויסגעשטעלט זיין אָרעם. מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט אריינגעלייגט איהר אָרעם אין זיינעם און זיך פעסט צוגעדריקט צו איהם.

— מיר וועלען געהן אויף דעם וועג — האָט זי זיך אָפּגערופען, און אוועקגעלייגט איהר אָפענעם שירם אויפ'ן אַקסעל — איך בין אין דעם פּאַרק, ווי צו־הויז; איך וועל אייך ווייזען די שעהנסטע פּלעצער. און ווייסט איהר וואָס? מיר וועלען וועגען דעם פערקויף פון אייער גוט איצט ניט ריידען. דאָס וועלען מיר אָפּלייגען אויף שפּעטער. איצט וועלען מיר ריידען וועגען זיך... אום מיר זאָלען וויסען, מיט וועמען מיר האָבען ביידע צו טהאָן. דערצעהלט איהר אָפּריהער און שפּעטער איך.

— אָבער, מאַריא ניקאָלאַיעוונא, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט איהר....

— האַלט! האַלט! — האָט זי איהם אונטערבראָכען — איהר האָט מיך ניט ריכטיג פערשטאַנען... איך וויל ניט מיט אייך קאָקעטירען.

מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ האָט דערביי א דריק געטהאָן מיט די אקסלען און פּאַרטגעזעצט מיט לייכטער איראָניע אין קול:

— ער האָט אַ כלה אזוי שעהן, ווי א גריכישע סטאַטוע און איך וועל מיט איהם גאָר קאָקעטירען! אָבער איהר האָט סחורה צו פערקויפען און איך וויל וויסען ניט נור וואָס פאר א סחורה איך קויף, נור פון וועמען איך קויף אויך. אזוי האָט זיך מיין פאָטער אויך אויפגעפיהרט... אַלזאָ, פאַנגט אָן... אָבער ניט פון אייער קינדהייט, נור... נור פון דער צייט, זינט איהר זייט אין אויסלאַנד, וואו זייט איהר געוועזן?

— איך בין געוועזן אין איטאַליען — האָט ער געענטפערט.

— איך זעה, איהר האָט א בעזונדערע ליעבע פאר אלעס, וואָס איז איטאַליעניש... מערקווירדיג, וואָס איהר האָט דאָרט ניט געפונען די אויסגעוועהלטע פון אייער הארצען. ליעבט איהר די קונסט? די מאַלעריי?

— איך ליעב די קונסט און אַלעס, וואָס איז שעהן.

—און די מוזיק?

— די מוזיק אויך.

— און איך האָב ניט ליעב די מוזיק האָט זי געזאָגט — איך האָב נור ליעב די רוסישע ליעדער און אויך נור דאַן, ווען זיי ווערען געזונגען אויפ'ן דאָרף פריהלינג־צייט און ווען מען טאַנצט צו דעם. די פּויערים אין די רויטע העמדער, אויף די פעלדער די יונגע גראָז, דער רויך, וואָס טראָגט זיך פון די הייזער — דאָס איז שעהן! אָבער וועגען מיר ריידען מיר ניט. נו, רעדט וועגען זיך, דערצעהלט!

מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ האָט געוואָרפען אויף סאַנין'ען פער־גנב'עטע בליקען, געהענדיג פעסט צוגעדריקט צו זיין ארעם. זי איז געוועזן הויך, פון דעם זעלבען וואוקס וואָס ער.

ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען — אפריהער ניט ווילענ־דיג, אָבער באַלד האָט ער זיך היינגעריסען און האָט זאָגאר גע־נומען שוואַצען.

מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ האָט זיך צוגעהערט צו איהם זעהר

אויפמערקזאם און האט איהם ניט אונטערבראָכען. עס האט זיך אויסגעדאַכט, אז זי איז זעהר אויפריכטיג מיט איהם. אין דער אמת'ען אָבער איז זי ווי א קאַץ נעבען איהם געטראָטען און האט געפּרובט אויף איהם איהר שטיל־ברענענדיגע, פערפיהרער־שע מאַכט.

זיי האָבען געשפּאצירט ארום א שטונדע, ניט איינמאָל אָפּשטעלענדיג זיך, נור געהענדיג אונטערבראָכען ווייטער און ווייטער דורך די לאַנגע אַלעען פון'ם פּאַרק, דאָ ארויפשטייגענ־דיג אויף א בערגעלע און די אויסזיכט בעוואונדערענדיג, און דא ארונטערגעהענדיג אין א טיעפען טהאָל צווישען געדיכטע בוי־מער — און די גאַנצע צייט ארם אין ארם.

פון צייט צו צייט האט זיך סאַנין געערגערט, וואָס מיט זיין דזשעממאַ איז ער נאָך קיינמאָל אזוי לאַנג ניט געגאַנגען שפּאַ־צירען... ער האט געפיהלט, אז די פרעמדע פרוי האט איהם מיט געוואַלד אין איהרע הענד ארייגענומען...

— זייט איהר ניט מיעד? — האט ער ביי איהר עטליכע מאָל געפרעגט.

— איך בין קיינמאָל ניט מיעד — האט זי יעדעס מאָל גע־ענטפערט.

דאָ און דאָרט האָבען זיי אָנגעטראָפען שפּאַציערגעהער, און יעדער האט געגריסט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ'ן מיט רעספּעקט און אנדערע זאָגאַר מיט אונטערוואָרפענע מינעס.

מיט איינעם אַן עלעגאַנט־געקליידעטען ברונעט האט זי זיך בעזאָנדערס געגריסט.

— ווער איז דאָס? — האט סאַנין געפרעגט.

— א פראַנצויזעל... ער געהט מיר אויך נאָך, ווי פיעל אַנ־דערע... אָבער עס איז שוין צייט, מיר זאָלען געהן טרינקען קאַפע. קומט צו מיר, איהר זייט געווים הונגעריג. מיין ליעבער מאַנעלע האט שוין אויך געמוזט זיינע אויגעלאַך עפענען...

— מיין ליעבער מאַנעלע!... זיינע אויגעלאַך עפענען... וואָס איז עס פאַר א פרוי....

מאריא ניקאלאיעוונא האט רעכט געהאט. ווען זי און סאנין זיינען געקומען צוריק אין האטעל, איז איהר „ליעבע־מאנעלע“, אדער דער „גראבינקער“, שוין געזעסען אין זיין רוי־טען היטעלע ביים טיש און געווארט אויפ'ן פריהשטיק.

— איך ווארט שוין אזוי לאנג אויף דיר — האט ער ארוים־געוואָרטשעט מיט א זויערער מינע אויפ'ן פנים: — איך האב שוין געוואלט אהן דיר טרינקען קאפע.

— נו, נו, עס מאכט נישט! — האט זי איהם אונטער־בראָכען פרעהליך — דו האסט זיך א ביסעל געערגערט? נישקשה, דאס וועט דיר נישט פערשאדען, אניט וועסטו דאך גאר אין גאנצען דערפרארען ווערען! שנעל, קלינג אן, מיר ווע־לען קאפע טרינקען, דעם בעסטען קאפע אין פארצעלייענע טא־סען און אויף א שנעע־ווייסען טישטוך.

זי האט ארונטערגענומען די הוט, ארונטערגעצויגען די האנד־שוה און גענומען פאטשען אין די הענד.

פאלאזאוו האט זי אנגעקוקט מיט א פערקרימטען פנים.

— אזוי פריה און דו טאנצסט שוין ארום מושגע'נערהייט!

— האט ער וויעדער א וואָרטשע געטהאן.

— איז עס דיין געשעפט, היפאליט סידאריטש? קלינג נאר אן! זעצט זעך, דמיטרי פאוולאוויטש און איהר וועט טרינקען קאפע צום צווייטען מאל. אה, ווי אמוזאנט עס איז צו קאמאנדעווען! עס איז גאר קיין גרעסערער פערגעניגען אויף דער וועלט ניטא.

— ווען מען פאלגט דיך נור! — האט דער „גראבינקער“ א ברום געטהאן.

— ריכטיג, ווען מען פאלגט מיך נור! דאס איז דאך טאקע, וואס אמוזירט מיך. בעזאנדערס ווען דו פאלגסט מיך, ניט אמת, גראבינקער! אה, דא איז דער קאפע!

אויף א גרויסען טאץ, וואס דער קעלנער האט אויפ'ן טיש אוועקגעשטעלט, איז געלעגען א טהעאטער־אפישע. מאריא ני־קאלאיעוונא האט גלייך א כאפ געטהאן די אפישע.

— אַ דראַמאַ! — האָט זי אויסגעשריען מיט פערדרוס — אַ דייטשע דראַמאַ! נו, עס איז פּאָרט בעסער ווי אַ דייטשע קאָמעדיע. בעשמעלט פּאַר מיר אַ לאָזשע — האָט זי זיך געווענדעט צום קעלנער.

דער קעלנער האָט זיך פערנייגט און איז ארויס פון צימער.

— דמיטרי פּאַוולאָוויטש, איהר וועט געהן מיט מיר אין טהעאַטער? — האָט זי זיך דאַן אַ קעהר געטהאָן צו סאַנין׳ען — די דייטשע ביהנע איז שוידערהאַפט. אָבער איהר וועט דאָך געהן? יאַ? אַה, ווי ליעבענסווירדיג איהר זייט! און דו, גראַבינקער, וועסט דאָך ניט געהן, האַ?

— ווי דו ווילסט — האָט פּאָלאָזאָוו ארויסגעמורמעלט אין דעם קאַפּע אריין.

— ווייסטו וואָס? בלייב צו הויז — האָט זי זיך ווידער אַ קעהר געטהאָן צו איהר מאַן — וואָס טויג דיר צו געהן אין טהעאַטער? דו שלאָפסט דאָך דאָרט איין! דו וועסט בעסער מיר דאָ אָנשרייבען אַ בריעף צום פערוואַלטער וועגען מיהל... שרייב איהם, אַז איך וויל ניט, אַז איך וויל ניט, אַז איך וויל ניט! אָט האָסטו פּאַר דעם גאַנצען אַבענד ארבייט!....

— גוט — האָט פּאָלאָזאָוו געענטפערט.

— אָט אַזוי, דו ביזט אַ וואוילינקער גראָבינקער! און איצט, מיינע העררען, אַזוי ווי מיר האָבען שוין וועגען פערוואַלטער אויך גערעדט, וועלען מיר פון אונזער הויפּט־געשעפט רייי־דען. איך מיין וועגען אונזער גוט, דמיטרי פּאַוולאָוויטש. איך האָב אייך פערשפּראָכען צו ריידען וועגען דעם נאָך פריהשטיק און איך האַלט אימער מיין וואָרט — ניט אמת, היפּאָליט סי־דאַראָוויטש?

פּאָלאָזאָוו האָט זיך אָפּגעווישט דעם פּנים מיט דער גאַנ־צער האַנד און דאַן ארויסגערעדט:

— וואָס אמת איז אמת: דו בעטריגסט קיין מאָל ניט אַ מענשען!

— קיין מאָל ניט! — האָט זי אונטערגעכאַפּט פרעהלאך —

איך וועל קיין מאָל ניט בעטריגען קיין מענשען! און איצט, דמיטרי פּאוולאָוויטש, דערצעהלט!

זיעבען און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

סאנין האָט צום צווייטען מאָל גענומען דערצעהלען וועגען זיין גוט און האָט זיך בעת דעם געפיהלט, ווי א פערקלאָגטער פאר א שארפזיניגען ריכטער.

— דאָס איז דאָך עפּעס א מין פערהער — האָט ער מיט פערדרוס א טראַכט געטהאָן, און האָט דערצעהלט ווייטער, און זי, מאריא ניקאָלאיעוונא, איז געזעסען, געקוקט אויף איהם און געשמייכעלט, אקוראט ווי די גאנצע געשיכטע וואָלט א שפּאַס געוועזן.

אויפ'ן סוף האָט מאריא ניקאָלאיעוונא איהם אונטער־בראָכען:

— איך קען איצט אייער גוט אזוי ווי איהר אליין. און וואָס איז אייער פּרייז?

סאנין האָט געזאָגט.

מאריא ניקאָלאיעוונא האָט פערגלאָצט די אויגען און פער־טראַכט זיך.

— גוט, דער פּרייז איז ניט קיין הויכער, מיר וועלען דורכ־קומען. אָבער איך האָב מיט אייך אָפּגערעדט צו געבען אייך אַן ענטפער אין פערלויף פון צוויי טעג, הייסט עס, אז איך האָב נאָך איין טאָג. מאָרגען וועט איהר פון מיר קריגען א בע־שטימטען ענטפער. און איצט גענוג וועגען געשעפט! וואָס וועט איהר איצט טהאָן? וועט איהר געהן שפּיעלען רולעט?

— איך שפּיעל קיין מאָל ניט אזוינע גיימס — האָט סאנין זיך אָפּגערופען.

— ווירקליך ניט? אָבער איהר זייט א מוסטער פון א מענ־

שען! אויב אַזוי, ערוואַרט איך אייך דריי אוהר צום דינער! און פאַרנאַכט געהען מיר אין טהעאַטער.

זי האָט איהם דערלאַנגט די האַנד.

— אויף וויעדערזעהען!

און אַלע איהרע חן־גריבעלעך האָבען צו איהם געשמייכעלט.

סאַנין האָט זיך פערנייגט און גענומען געהן צום טהיר. אַ פרעהליכער געלעכטער האָט זיך דערהערט, און אין דעם שפּיע־געל, פאַרביי וועלכען ער איז אין דיזען מאָמענט פערבייגעגאַנ־גען, האָט ער דערזעהן אַזאַ בילד: מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט איהר מאַן דאָס רויטע היטעלע איבער די אויגען אַרונטערגע־צויגען און יענער האָט זיך געוועהרט געגען איהר מיט ביידע הענד.

אַכט און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

אַה, ווי טיעף און לייכט האָט סאַנין וויעדער אויפגעאָט־העמט, ווען ער איז וויעדער אַריין צו זיך אין צימער! ער האָט זיך געמוזט אויסרוהען, דעם אָטהעם אָפּכאַפּען פון די אַלע נייע בעקאַנטשאַפטען, בעגעגענישען, פון דעם דאָזיגען בעטויי־בענדען רויך, וואָס האָט איהם דעם קאָפּ און האַרץ פערטשאַ־דעט — פון דיזער אונערוואַרטעטער נאָהענטער פריינדשאַפט מיט אַ פרוי, וועלכע איז איהם אין גאַנצען פרעמד געווען! און ווען האָט עס אַלעס פּאַסירט? אין פיער און צוואַנציג שטונדען אַרום ווי ער האָט זיך צושיידט מיט זיין ליעבער דזשעממאַ׳ן, מיט זיין ליעבער כלה! אין זיין האַרצען האָט ער טויזענד מאָל געבעטען מחילה ביי דזשעממאַ׳ן, הגם ער האָט קלאָר ניט גע־וואוסט וואַרום; טויזענד מאָל האָט ער געקושט דעם קליי־נעם צלמ׳ל, וואָס זי האָט איהם געשענקט. ווען ער וואָלט ניט געהאָפט, אַז ער וועט מאָרגען מיט יענער פאַרטיג ווערען וועגען זיין געשעפט, וואָלט ער גלייך אַנטלאָפען צוריק צו זיין

דזשעממאַ'ן. ער מוז אָבער דאָ פערבלייבען און צו דינער געהן צו יענער און אין טהעאַטער געהן מיט יענער, ביז ער וועט פאַרטיג ווערען. דאַן אָבער, דאַן... וועט ער גלייך אַנטלויפען צו זיין געליעבטער.

וואָס סאַנין'ען האָט אַם מעהרסטען געשראָקען איז געווען דאָס: ער האָט, דאַכט זיך, אַזוי געליעבט זיין כלה; ער האָט, דאַכט זיך, ניט אויפגעהערט צו דענקען וועגען זיין צוקינפטינגען גליק מיט יענער, און דאָך — האָט דאָס בילד פון מאַריא ניקאָלאַיעוונא, פון דער פרעמדער פרוי, איהם פערפאָלגט, געטאַנצט פשוט פאַר זיינע אויגען, און ער האָט ניט געקענט פערטרייבען פון זיך אָט דעם דאָזיגען בילד, און דער קול פון דער פרעמדער פרוי האָט געהילכט אין זיינע אויערען, און עס האָט זיך איהם די גאַנצע צייט געדאַכט, אז ער פיהלט אויף זיך איהר דופטענדען אָטהעם, ווי דער פרישער אטהעם פון געלע ליליען. דיעזע דאַמע שפּיעלט זיך מיט איהם. זוכט איהם, הפנים, אין די הענד אַריינצונעהמען... צוליעב וואָס?... וואָס וויל זי? וואָס פערלאַנגט זי פון איהם? שוין־זשע איז עס ניט מעהר ווי א קאַפּריז פון א רייכער, כמעט אויסגעלאַסענע דאַמע? און איהר מאַן?! וואָס איז דאָס פאַר א נפש? וואָס פאַר א פערהעלטניסען האָט ער מיט איהר?

ער האָט זיך א כאַפּ געטהאָן: וועגען וואָס טראַכט ער? וואָס האַרט איהם, ווי יענע פערהאַלט זיך צו איהר מאַן? וואַרום קען ער ניט פערטרייבען פון זיך דאָס בילד פון דער דאָזיגער פרוי זאָגאַר דאַן אפילו, בעת ער דערמאָנט זיך אָן דעם ליכטיגען ריינעם וועזען פון דזשאַממאַ'ן?... ווי וואַגען זיך מישען די ריינע שטריכען פון זיין כלה'ס ליכטיגען פנים מיט די שטריכען פון אָט דער דאָזיגער?... און ניט נור זיי מישען זיך, נור זיי שמייכלען צו איהם פרעך, מיט חוצפּה. אָט די דאָזיגע סאַרע, רויבערשע אויגען, די דאָזיגע חן־גריבעלאַך אויף די באַקען; די דאָזיגע צעפּ ווי שלאַנגען — שוין־זשע קען ער עס אַלעס פון זיך ניט אַרונטערטרייסלען?

— נאַרישקייטען! נאַרישקייטען! — האָט ער געטראַכט!

— מאַרגען שוין וועט פון דעם אַלעם קיין שפּור ניט פערבלייבען... אָבער וועט זי איהם מאָרגען אָפּלאָזען?

— יאָ, זיכער — האָט ער זיך אַליין געענטפערט — זיכער!

דערוויילע איז געוואָרען דריי אוהר, ער האָט אָנגעטהאָן אַ שוואַרצען פראַק און איז אוועק צו מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ'ן.

* * *

ער האָט ביי איהר געטראָפען — אָה, אַזוי אונערוואַרטעט!

— דעם באַראָן פון דענהאָף'ן, דעם זעלביגען אָפיצער, מיט וועלכען ער האָט זיך דועלירט. ער איז צומישט געוואָרען און דאָך האָט ער יענעם געגריסט.

— איהר זייט בעקאַנט? — האָט מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ געפרעגט, בעמערקט, אַז סאַנין איז צומישט געוואָרען, ווען ער האָט יענעם דערזעהען.

— יאָ... איך האָב געהאַט די עהרע — האָט דענהאָף אַרויסגערעדט און צובויגענדיג זיך צו מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ'ן, האָט ער שטיל צוגעלייגט:

— דאָס איז דער זעלבער רוסישער, וועגען וועמען איך האָב אייך דערצעהלט.

— אונמעגליך! — האָט זי זיך אויך שטיל אָבגערופען, אַ סטראַשע געטהאָן איהם מיט אַ פינגער, און האָט זיך גלייך גענומען מיט איהם זעגענען.

דענהאָף האָט פערלאָזען איהר סאַלאָן.

מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ איז איצט געווען אויסגעפּוצט מיט שיק. זי האָט געטראָגען אַ זיידענע ראָזעווע קלייד און אין די אויערען גרויסע בריליאַנטען. זי איז געווען זעהר גוט אויפגעלייגט.

זי האָט אוועקגעזעצט סאַנין'ען נעבען זיך און האָט גענומען מיט איהםריידען וועגען פּאַריז, וואוהין זי האָט זיך געקליבען פאָהרען אין עטליכע טעג אַרום; וועגען דעם, אַז די דייטשען האָבען איהר שוין דערעסען; אַז זיי זיינען נאַריש, ווען זיי ווי־

לען ריידען חכמות און זיינען קלוג, ווען מען ערוואַרט פון זיי נאַרישקייטען. איז עס אמת — האָט זי פּלוצלונג אַ פרעג געטהאָן ביי איהם, איינעסענדיג זיך מיט איהרע פייערדיגע אויגען אין זיין פּנים: — איז עס אמת, אז מיט עטליכע טעג צוריק האָט איהר זיך דועלירט מיט יענעם אָפיצער פאַר אַ דאַמע?

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט פערוואונדערט.

— די גאַנצע ערד קלינגט מיט דעם, דמיטרי פּאַוולאָוויטש — האָט זי אויסגעשריען — אָבער, נור איך זעה, איז עס אייך אונאַנגענעהם. איך ווייס אָבער, אז איהר זייט גערעכט געווען, טויזענד מאָל גערעכט געווען און האָט געהאַנדעלט ווי אַ העלד. זאָגט נור, איז יענע דאַמע געווען אייער כלה? סאַנין האָט זיך אָנגעבלאָזען.

— נו, נו, איך וועל ניט ריידען — האָט זי זיך פערכאַפּט — איך זעה, אז דאָס איז אייך אונאַנגענעהם. ענטשולדיגט! איך וועל שוין מעהר וועגען דעם ניט ריידען! זייט ניט בייז!

פּאָלאָזאָוו איז ערשיענען פון אַ זייטיגער טיהר מיט אַ צייטונג אין די הענד.

— דו ביזט שוין דאָ? — האָט זי זיך געווענדעט צו איהר מאַן — וואָס איז, דער דינער איז פאַרטיג?

— דער דינער איז גלייך פאַרטיג, און דו טהו אַ קוק, וואָס אין צייטונג שטעהט... פירסט גראָמאָבאָי איז געשטאָרבען!

מאַריאַ ניקאָלאַיעווגאַ האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען ער פלעגט מיר יעדעס יאָהר — האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו סאַנין'ען — אויספּוצען אַלע מיינע צימערען מיט בלומען צו מיין געבורטסטאָג. אָבער צוליעב דעם אַליין איז ניט כדאַי געווען צו לעבען.

— די צייטונג בעשרייבט זיין לויה. דער גאַנצער הויף איז אויף זיין לויה געווען. און דאָ איז אַ געדיכט וועגען דעם פירסט קאַווריזשקין.

— זעהר שעהן טאַקי.

— ווילסט, איך וועל פאר דיר איבערלאזען?
— ניט נויטיג! — האט זי געענטפערט.
— דער פירכט רופט איהם אן אין זיין גערדיכט א מאן פון חכמה....

— וואס פאר א מאן פון חכמה איז ער געוועזן! — האט זי אויסגעשריען — ער איז געוועזן טאטיאנא עריעוונא'ס מאן און דאס אלעס!... קומט צום דינער! די לעבעדיגע דארפען דענקען וועגען לעבען! דמיטרי פאוולאוויטש, אייער האנד!

* * *

דער דינער איז געוועזן א גרויסארטיגער. מאריא ניקאלאיעוונא האט ביים עסען גערעדט זעהר פיעל, געלאכט און געוויצעלט זיך. זי האט געקענט זעהר גוט דערצעהלען. זי האט זיך ניט אבגעשטעלט פאר אויסדריקע, האט געזידעלט די גאנצע וועלט און אויסגעלאכט זיך פון אלעמען. סאנין האט זיך ניט איינמאל צולאכט פון איהרען א קלוגען ווערטעל, פון איהרען א בייסענדען וויטץ. איבערהויפט האבען פון איהר געקראגען די פערשיעדענע היפאקריטען. זי האט זיי פיינד געהאט, פיינד געהאט פראזען און פאלשקייט... זי האט געשטאלצירט מיט דעם, וואס זי איז א טאכטער פון א פשוט'ען פויער, האט זיך אליין אנגערופען פויערטע און פרעהלאך און אנשטעקענד געלאכט.

און פאלאזאוו האט געגעסען רוהיג, געטרונקען מיט גרויס ליעבשאפט און נור פון צייט צו צייט האט ער א בליק געטהאן דא אויף זיין פרוי און דא אויף סאנין'ען.

—— וואס פאר א חכם דו ביזט ביי מיר! — האט זי זיך פלוצלונג געווענדעט צו איהר מאן — אלע די זאכען, וואס דו האסט פאר מיר איינגעקויפט, זיינען פון דעם בעסטען סארט! דערפאר וואלט איך דיך אין שטערענד'ל א קוש געטהאן, איך וויים אבער, אז ביי דיר איז עס ניט אזוי טהייער, ווי א שטיקעלע גוטער ביעפסטייק... עס, עס, גראבינקער!

— איך עס! — האָט פּאַלאַזאָוו געענטפערט, צושניידענ־דיג מיט אַ מעסער אַ באַנאַנע.

מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פינגער איבער'ן טיש.

— נו, האַלטען מיר אונזער וועט? — האָט זי ווידער אַרויסגערעדט מיט אַ געהיימער מינע.

— איך האַלט.

— גוט. אבער, געדענק־זשע, דו וועסט פערשפּיעלען.

פּאַלאַזאָוו האָט אויסגעשטעלט זיין מאָרדע.

— איך מיין — האָט ער פויל אַרויסגערעדט — אַז דעם מאָל וועסטו פערשפּיעלען...

— וועגען וואָס האָט איהר זיך געוועט? קען איך וויסען?

— האָט סאַנין אַ פרעג געטהאָן.

— ניין, איצט טאָרט איהר נאָך ניט וויסען — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ געענטפערט, און זיך צולאַכט.

דער זייגער האָט געשלאָגען זיעבען. דער קעלנער איז אַריינגעקומען און געמעלדעט, אַז די קאַרעטע פאַר'ן טהעאַטער וואַרט. זיי אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער. פּאַלאַזאָוו האָט בעגלייט זיין ווייב ביז דער טיהר.

— געדענק־זשע, פערגעס ניט אָנצושרייבען אַ בריעף צום פערוואַלטער! — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ געזאָגט.

— איך וועל אָנשרייבען, זיי רוהיג, איך בין אַ פּינקטלי־כער מענש — האָט ער געענטפערט.

מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ און סאַנין האָבען זיך אַריינגעזעצט אין קאַרעטע און זיינען אַוועקגעפאָהרען אין טהעאַטער.

ניין און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

אין יענער צייט האָט דאָס טהעאַטער אין וויסבאַדען זעהר אָרעם אויסגעזעהען און די אַקטיאָרען, וואָס האָבען דאָרט גע־

שפּיעלט, זיינען געווען מיטעלמעסיגקייטען מיט גרויסע פּרע־טענזיעס.

הינטער דער לאָזשע, וועלכע „איהר עקסעלענץ פּירסטין פּאַלאַזאָווא“ האָט גענומען, האָט זיך געפונען א קליין צימערל מיט זאַפּעס אויסגעשטעלט. איידער זי איז אין לאָזשע אריין, האָט זי געבעטען סאַנין'ען ער זאָל דעם פּאָהראַנג א ביסעל ארונטערציהען, וואָס האָט אָפּגעטהיילט די לאָזשע פון'ם פּובליקום.

— איך וויל ניט, מען זאָל מיך זעהן! — האָט זי געזאָגט — אניט וועלען זיי אַלע אריינקומען צו מיר אין לאָזשע.

זי האָט איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך מיט'ן רוקען צום פּובליקום אַזוי, אז ער האָט זי פערשטעלט.

דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּיעלען אַן אָווערטורע פון פיגאַראָ'ס האָכצייט... דער פּאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען, און די פאָרשטעלונג האָט אָנגעפאַנגען.

די פּיעסע איז געווען איינע פון יענע „דראַמאַטישע ווערק“, וואָס האָבען קיין לעבען און קיין שפּראַך, פול מיט באָמבאַסטישע פראַזען, אויסגעטראַכט פון מענשען אָהן טאַלאַנט, פאַר א פּוב־ליקום, וואָס קלייבט ניט אויס... א פּיעסע, וועלכע מען האָט געקענט אָנרופען אַן אַזיאַטישע, ווי מען רופט אָן אַן אַזיאַטישע כאָלעריע, צום ביישפּיעל...

מאַריא ניקאָלאַיעווונא האָט גערולדיג אויסגעהערט די ערשטע העלפט פון דעם ערשטען אַקט; אָבער ווען דער ערשטער ליעבהאָבער דערוויסט זיך וועגען דעם פערראַטה פון זיין גע־ליעבטער; ווען ער האָט זיך גענומען קלאַפּען מיט ביידע פויס־טען אין ברוסט אריין און אָנגעהויבען צו וואָיען ווי א הונד — דאַן האָט מאַריא ניקאָלאַיעווונא שוין מעהר ניט געקענט אויס־האַלטען.

— דער ערגסטער פראַנצויזישער אקטיאָר אין דער קלענס־טער שטעדטעל שפּיעלט בעסער און נאַטירליכער, ווי די גרעסטע דייטשע בעריהמטהייט — האָט זי אויסגעשריען ענטריסטעט

און איז אוועק אין הינטערצימער: — קומט, זעצט זיך דאָ!
— האָט זי אַ רוף געטהאָן סאַנין'ען און אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער האנד נעבען זיך אויף דער זאָפע: — מיר וועלען בעסער אַ ביסעל פּלוידערן.

סאַנין האָט זי געפאָלגט.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט איהם אָנגעקוקט.

— איהר זייט וועיך, ווי זייד, זעה איך! — האָט זי זיך אָפּגערופען — אייער פרוי וועט ביי אייך האָבען אַ גוטע מערכה. דיעזע קוליסענרייסער — זי האָט אָנגעוויעזען מיט איהר פעכער אין די ריכטונג פון דער ביהנע — דערמאָנט מיך אָן מיין יוגענד. איך בין אויך אַ מאָל געווען פערליעבט אין מיין לעהרער, ווי יענע דאָרט אויף דער ביהנע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך פערליעבט, ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָהר... אָבער וועגען מיין לעהרער!... אַלזאָ, זיין נאָמען איז געווען מאָנסיאָר גאַסטאָן. איך מוז אייך זאָגען, אז ער איז געווען זעהר אַ שרעקליכער און שטרענגער מאַן — אַ שווייצער — און ער האָט געהאַט אַזאַ ענערגישען געזיכט! פערשווארצע קאָקענבאַרדען, אַ גריכישען פּראָפיל און ליפּען, ווי פון אייזען אויסגעשמידט! איך האָב פאַר איהם מורא געהאַט! ער איז דער איינציגער, פאַר וועמען איך האָב אַמאָל מורא געהאַט. ער איז געווען דער ער־ציהער פון מיין ברודער, וועלכער איז שפּעטער געשטאָרבען. אַ ציגיינערין האָט מיר אויך אַמאָל געזאָגט, אז איך וועל אַמאָל שטאַרבען מיט אַן אונגאַטירליכען טוידט. אָבער דאָס איז אַ נאַרישקייט. איך גלויב ניט אין דעם! אַלזאָ, דער לעהרער האָט געוואָהנט ביי אונז אין הויז, זיין צימער איז געווען פונקט איבער מיינעם. אָפט פלעג איך זיך אויפכאַפּען און הערען, ווי ער געהט דאָרט ביי זיך ארום אין צימער הין און צוריק. ער פלעגט זיך זעהר שפּעט לייגען שלאָפען, און הערעגדיג זיינע טריט איבער מיין קאָפּ, פלעג איך פיהלען, ווי דאָס הארץ וויל ארויס־שפּרינגען פון מיין ברוסט פאַר פערעהרונג. מיין פאָטער האָט קוים געקענט לעזען און שרייבען, אָבער ער האָט אונז אַ גוטע

ערציהונג געגעבען. ווייסט איהר, אז איך קען לעטיין אויך?

— איהר? לעטיין?

— יא, איך. מאַנסיאַר גאַסטאָן האָט עס מיך געלערנט. איהר מוזט אָבער ניט דענקען, אז איך בין זעהר א געלערנטע! אָך, דו ליעבער גאָט, ניין! איך בין גאָר ניט געלערנט און האָב קיין טאַלאַנט. איך קען קוים שרייבען. וואהרהאַפטיג! איך קען ניט הויך לעזען, איך קען ניט קלאַוויר שפּיעלען, איך קען ניט מאָהלען, איך קען ניט נייהען — גאָר נישט קען איך! אזוי איצט קענט איהר מיר שוין, איצט ווייסט איהר שוין, וואָס איך קען!

זי האָט צופיהרט ברייט איהרע אָרעמס.

— איך דערצעהל עס אייך דערפאַר — האָט זי גערעדט ווייטער — ערשטענס, בכדי איהר זאָלט ניט דאַרפען הערען יענעם נודניק — זי האָט דערביי א פיהר געטהאָן מיט'ן ארעם אין די ריכטונג, וואו די ביהנע געפינט זיך — און צווייטענס, ווייל איהר האָט מיר נעכטען אויף דערצעהלט וועגען זיך...

— איהר האָט מיך וועגען דעם געבעטען — האָט סאַנין זיך אָפּגערופען.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט איהם שנעל אָנגעקוקט.

— ווילט איהר דען ניט וויסען, וואָס פאַר א פרוי איך בין? — האָט זי א פרעג געטהאָן — איבריגענס, וואונדערט עס מיך גאָר ניט! — האָט זי צוגעלייגט און אָפּגעוואָרפען זיך אויף דער זאָפע — א מאַן, וואָס קלייבט זיך חתונה צו האָבען אין נאָך אוים ליעבע, און באַלד נאָך א דועל, — ווי קען זיך אזא איינער אינטערעסירען מיט אימיצען אנדערש, אויסער זיין אויסגעוועהלטע!

זי איז אנשוויגען געוואָרען און גענומען מיט איהרע מילך-ווייסע צייהן בייסען דאָס הענטעל פון פעבער.

און סאַנין האָט זיך דערפיהלט, אקוראַט ווי דער קאָפּ וואָלט ביי איהם ווידער גענומען דרייהען פון א טשאַד.

זי האָט גענומען רײדען שטילער, אין פערשטיקטע טענער,

און דאָס האָט איהם נאָך מעהר געערגערט און אונרוהיג גע־מאַכט.

— ווען וועט שוין צו דעם אַן ענדע נעהמען ? — האָט ער א טראכט געטהאָן.

אין דיזער מינוט האָט אימיצער אויף דער ביהנע א ניס געטהאָן. דער עולם האָט זיך צולאַכט.

דיעזעס לאַכען האָט נאָך מעהר צורייצט סאַנין'ען.

עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען ער אַליין האָט ניט גע־וואוסט, צו זאָל ער לאַכען, צו זאָל ער בייז זיין, צו איהם איז לאַנגווייליג, צו ער אמוזירט זיך. אה, ווען דזשעממא וואָלט איהם געזעהן !

* * *

— מאָדנע — האָט איהם איבערגעשלאָגען זיינע געדאַנקען מאַריא ניקאָלאַיעוונא — מאָדנע, עס קומט א מענש און דער־צעהלט אין דעם רוהיגסטען טאָן, אז ער קלייבט זיך חתונה האָ־בען און קיין מענש וועט אין א רוהיגען טאָן ניט דערצעהלען, אז ער נעהמט זיך אריינוואַרפען אין וואסער. און וואָס איז דאָ פאַר אַן אונטערשיעד ?... ווירקליך, עס איז זעהר מערקווירדיג !

סאַנין איז נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען.

— דער אונטערשיעד איז א גרויסער, מאַריא ניקאָלאַיעוו־נא ! מאַנכע מענשען האָבען ניט מורא אריינצוואַרפען זיך אין וואסער, ווען זיי קענען שווימען... און דאַן... ווירקליך מאַנכע חתונות זיינען...

ער האָט זיך אונטערבראָכען און געבומען בייסען די ליפּען.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט זיך א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פּע־כער אַן האַנד.

רעדט, רעדט, דמיטרי פּאַוולאָוויטש ! — האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן — איך וויים, וואָס איהר ווילט זאָגען... איהר ווילט זאָגען, אז מאַנכע חתונות, צום ביישפּיעל, ווי מיינע מיט פּאָלאָ־זאָוו'ען... דאָס האָט איהר געוואָלט זאָגען, איהר, וואָס קענט שווימען ?...

— אָבער ערלויבט, מאַריא ניקאָלאַיעוונא — האָט סאַנין געוואָלט עפּעס זאָגען.

— איז עס ניט אַזוי ? איז עס ניט אַזוי ? — האָט זי איבערגע'חזר'ט, צושטעהענדיג צו איהם : — קוקט מיר אריין אין געזיכט און זאָגט מיר, האָב איך ניט געטראָפען ?

סאַנין האָט ניט געוואוסט, וואו זיך אַהינצוטהאָן.

— נו, יא, איהר האָט רעכט, ווען איהר ווילט אונבעדינגט וויסען ? — האָט ער אויפ'ן סוף געענטפערט.

דאָס אָרקעסטער האָט גענומען שפּיעלען אַ וואָלצער, דער פאָרהאַנג האָט זיך ארונטערגעלאָזען און אויפגעהויבען. פון דער ביהנע האָט ווידער זיך גענומען הערען א יאָמער און א גוואַלד.

— און איצט — האָט מאַריא ניקאָלאַיעוונא ווידער אָנגעהויבען, ווענדענדיג זיך צו סאַנין'ען : — ווילט איהר וויסען, וואָס איך ליעב מעהר פון אַלעם ?

— די פרייהייט — האָט סאַנין אונטערגעכאַפּט.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט אריינגעלייגט איהר האַנד אין זיינע.

— יא, דמיטרי פּאוולאָוויטש — האָט זי ארויסגערעדט זעהר שארף — יא, די פרייהייט איבער אלעס און פאר אלעס ! און דענקט ניט, אז איך בעריי[illegible] זיך מיט דעם, אָבער דאָס איז אמת. אין מיין קינדהייט האָב איך פיעל געליטען פון די בילז'ער פון שקלאַפעריי, וואָס איך האָב געזעהן אַרום זיך. און דאַן האָט מאָסיע גאסטאָן מיר די אויגען אויף דעם געעפענט. איצט וועט איהר אפשר פערשטעהן, ווארום איך האָב חתונה געהאַט מיט פּאלאזאָוו'ען. מיט איהם פערהייראט, בין איך פריי, ווי די לופט, ווי דער ווינד... און דאָס האָב איך געוואוסט פאר דער האָכצייט. איך האָב געוואוסט, אז זייענדיג זיין פרוי, וועל איך זיין פריי ווי א קאָזאַק.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא איז אנשוויגען געוואָרען און אַ וואר[illegible]עטהאָן איהר פעכער אָן א זייט.

איך וועל אייך נאָך וואָס זאָגען: איך האַלט אויך פון נאָכצודענקען און נאָכצוטראַכטען, אויף דעם איז מיר געגעבען געוואָרען דער פערשטאַנד; אָבער די פּאָלגען פון מיינע האַנד־לונגען דענק איך ניט נאָך. דאָ אונטען וועט קיינער פון מיר ניט פאָדערן קיין רעכנונג און דאָרט — זי האָט אויפגעהויבען אַ פינגער צום הימעל — און דאָרט קענען זיי מיט מיר טהאָן, וואָס זיי ווילען! איהר הערט וואָס איך זאָג? אָדער עס איז אייך לאַנגווייליג מיט מיר?

סאַנין איז ביז איצט געזעסען מיט אַן ארונטערגעלאָזטען קאָפּ. ער האָט זיך אויפגעהויבען.

— דאָס לאַנגווייליגט מיר גאָר ניט, מאַריא ניקאָלאַיעוונא — האָט ער געענטפערט — און איך הער זיך צו צו־אייך מיט דעם גרעסטען אינטערעס. נור, איך וואָלט געוואָלט וויסען, וואָרום דערצעהלט איהר עס מיר אַלעס?

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט זיך צוגערוקט צו איהם נע־הענטער.

— זייט איהר אַזוי כיטרע אָדער אַזוי נאַאיוו?... — האָט זי שטיל ארויסגערעדט.

סאַנין האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ העכער.

— איך דערצעהל עס אייך אַלעס — האָט זי גערעדט ווייטער — ווייל איהר געפעהלט מיר זעהר. יאַ, יאַ, איהר דאַרפט זיך ניט וואונדערען, איך זאָג וואָס איך מיין און איך וויל, איהר זאָלט מיך קענען. דערפאַר האָב איך אייך אַהער געבראַכט און דערפאַר זיץ איך מיט אייך אויג אויף אויג, און דערפאַר בין איך מיט אייך אַזוי אָפענהערציג... יאַ, יאַ, אָפענהערציג. איך לייקען ניט, איך וויים גאַנץ גוט, אז איהר זייט פערליעבט אין אַן אַנדערע און אז איהר ווילט מיט איהר חתונה האָבען... איבער גענס, דאָס איז אייער זאַך!...

זי האָט זיך שטיל צולאַכט, האָט זיך פּלוצלונג אונטערבראָכען און איהרע אויגען האָבען גענומען קוקען עפּעס ווי פער־שעהמט און טרויעריג.

— אה, וואָס פאר א שלאנג, וואָס פאר א שלאנג! — האָט סאנין ביי זיך געטראכט — אָבער וואָס פאר א שעהנע שלאנג!

— דערלאנגט מיר מיינע אָפּערא־גלעזער — האָט מאריא ניקאָלאיעוונא פלוצלונג געזאָגט — איך וויל זעהן אויב די ערשטע ליעבהאָבערין איז ווירקליך אזוי העסליך, ווי זי קוקט אוים.

סאנין האָט איהר דערלאנגט די אָפּערא־גלעזער און בעת י האָט זיי פון זיין האנד גענומען, האָט זי, ווי ניט ווילענדיג, א דריק געטהאָן זיינע פינגער.

— קוקט ניט אזוי ערנסט, איך בעט אייך — האָט זי גע־זאָגט — איך האָב ניט ליעב אליין צו טראָגען קייטען. איך שמיעד דעם צווייטען אויך ניט אין קייטען. איך האָב ליעב די פרייהייט און אנערקען קיינע פפליכטען... און איצט רוקט זיך א ביסעלע אָפּ און מיר וועלען צוקוקען א ביסעל די פיעסע.

מאריא ניקאָלאיעוונא האָט אָנגעשטעלט איהרע אָפּערא־גלעזער אויף דער ביהנע און סאנין האָט אויך גענומען קוקען אהין.

און זיצענדיג נעבען איהר אין דער האלב דונקעלער לאָזשע און פיהלענדיג דעם ווארימען דופט פון איהר מעכטיגען קער־פער, האָט ער זיך פערטראכט וועגען דעם וואָס זי האָט איהם געזאָגט, איבערהויפט וועגען איהרע לעצטע ווערטער.

פיערציגסטער קאפיטעל.

די פאָרשטעלונג האָט געדויערט נאָך א שטונדע, אָבער מאריא ניקאָלאיעוונא און סאנין האָבען זיך באלד ווידער אָפּ־געקעהרט פון דער ביהנע. זיי האָבען ווידער גענומען ריידען, ווידער וועגען דעם פריהערדיגען ענין, איצט אָבער האָט סאנין מעהר גערעדט, ווי פריהער. ער האָט איהר געוואָלט אויפ־

ווייזען, ווי פאַלש עס זיינען איהרע „טהעאָריען" וועגען פרייע ליעבע. זי איז צופריעדען געווען מיט דעם, וואָס ער דעבאַטירט מיט איהר. ווען מען דעבאַטירט, מוז מען נאָכגעבען, אָדער עס איז דאַ אַ האָפנונג, אַז ער וועט איהר נאָכגעבען... דאָס אַליין, אַז ער האָט געפונען פאַר נויטיג צו דעבאַטירען מיט איהר, האָט איהר געוויזען, אַז סוף כל סוף וועט ער איהר נאָכגעבען, אין אַלעם נאָכגעבען. זי האָט זיך געשפּאַרט מיט איהם, האָט זיך עטליכע מאָל ערקלערט איינפערשטאַנדען מיט איהם, האָט געלאַכט, פערטראַכט זיך און ווידער גענומען ריידען... און דערוויל זיינען זייערע געזיכטער צוגעקומען אַלץ נעהענטער איין נעהענטער איינער צום אַנדערן און ער האָט שוין מעהר ניט אָפּגעקעהרט זיינע אויגען פון איהר, בעת זי האָט געקוקט אויף איהם... און עס האָט זיך געדאַכט, אַז איהרע אויגען שוועבען און בלאַנדזשען איבער זיין פּנים, בלאַנדזשען און קושען איהם.

און אויפ'ן סוף האָט זי איהם געבראַכט דערצו, אַז ער האָט זיך גענומען גריבלען וועגען ליעבע און פליכט, וועגען דער הייליגקייט פון ליעבע און הייראַטהען...

און זי האָט קיין איין רגע ניט פערלאָרען, האָט איהר נעץ ארום איהם געוועבט און געוועבט און איהם אין גאַנצען פערוועבט. אָרימער שעהנער יונגערמאַן !...

* * *

די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיגט. מאַריא ניקאָלאַיעווגא האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהר אַרויפלעגען די טוך אויף די פּלייצעס, און זי איז געבליבען זיצען, ביז ער האָט איהר אָנגענומען ביים אָרעם, איז אַרויסגעטראָטען אין קאָרידאָר און פלוצלונג האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: ניט ווייט פון טהיר איז געשטאַנען דענהאָף און הינטער זיין רוקען אַ צווייטער מאַן.

— ערלויבט מיר, גנעדיגע פרוי, איך זאָל הייסען אייער קאַרעטע צופאָהרען — האָט ער געזאָגט מיט שלעכט פערבאָרגענער אויפרעגונג אין קול.

— ניין, ניין, איך דאַנק אייך — האָט זי געזאָגט — מיין

דינער וועט עס שוין אַליין בעזאָרגען. בלייבט דאָ! — האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צום אָפּיציער מיט אַ בעפעהלענדען טאָן — האָט אָנגענומען סאַנין'ען ביים אָרעם און איז שנעל מיט איהם אַוועק.

— געהט צום טייפעל! — האָט דענהאָף אַ געשריי געטהאָן צום מאַן, וואָס איז געשטאַנען אהינטער איהם: — וואָס לויפט איהר מיר נאָך?

ער האָט געפיהלט, אַז צו אימיצען האָט ער דאָך געמוזט אויסלאָזען זיין כעס.

דער דיענער, וועלכער האָט זיי ערוואַרטעט ביי דער טהיר פון'ם טהעאַטער, האָט צוגערופען זייער קאַרעטע. מאַריאַ ני־קאָלאַיעווונאַ איז שנעל אַריינגעשפּרונגען אין קאַרעטע, סאַנין נאָך איהר. די טהיר האָט זיך מיט אַ רויש פערמאַכט הינטער זיי און זי, מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, האָט זיך הויך צולאַכט.

— פון וואָס לאַכט איהר? — האָט סאַנין געפרעגט.

— אָה, פאַרצייהט מיר — האָט זי געענטפערט — מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז דענהאָף קען נאָך אייך ווידער אַרויסרופען אויף אַ דועל פאַר מיר... דאָס וואָלט געווען זעהר שעהן!

— זייט איהר מיט איהם אַזוי אינטים בעפריינדעט? — האָט סאַנין געפרעגט.

— מיט איהם? אָט מיט דעם אינגעל? ער איז ניט מעהר ווי מיין לויף־אינגעל. זייט נור רוהיג.

— איך בין גאַנץ רוהיג — האָט ער געענטפערט.

מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט אַ זיפץ געטהאָן.

— יאַ, איך ווייס, אַז זיי זיינען רוהיג. אָבער הערט אויס: ווייסט איהר וואָס? איהר זייט אַזוי ליעבענסווירדיג. איהר מוזט מיר מיין לעצטע ביטע ערפילען. פאַרגעסט ניט, אַז אין דריי טעג אַרום פאָהר איך קיין פּאַריז און איהר קיין פראַנקפורט. ווער ווייסט, ווען מיר וועלען זיך אַמאָל ווידער זעהן!

— און וואָס איז אייער ביטע? — האָט סאַנין געפרעגט.
— איהר קענט דאָך געווים רייטען אויף א פערד?
— יא.

— גוט, טאָ הערט מיך אוים: מאָרגען רייטען מיר ארויס הינטער'ן שטאָדט. מיר וועלען האָבען אויסגעצייכענטע פערד. דאַן וועלען מיר זיך צוריקקעהרען, וועלען ענדיגען אונזער געשעפט און — זאָגען: „גוד באַי!"... וואָס קוקט איהר מיך אַן אזוי פערוואונדערט? זאָגט נאָר ניט, אז עס איז א קאַפּריז פון מיר, אז איך בין משוגע; זאָגט בעסער, אז איהר פאָהרט מיט מיר, נו, איך בעט אייך!

מאַריא ניקאָלאַיעווּנא האָט צוגערוקט איהר פּנים נעהענטער צו איהם. אין קאַרעטע איז געווען פינסטער, און איהרע אויגען האָבען געבלישצעט אין דער פינסטערניש, ווי ביי א קאַץ.

— גוט, איך פאָהר מיט אייך — האָט סאַנין געענטפערט מיט א זיפץ.

—איהר זיפצט נאָר? — האָט מאַריא ניקאָלאַיעוונא א לאַך געטהאָן — און דיעזער זיפץ בעדייטעט: ווער עס זאָגט אלף, מוז זאָגען בית... אָבער ניין, ניין, איהר זייט אזוי רייצענד, אזוי ליעבענסווירדיג... און מיין פערשפּרעכען וועגען געשעפט מאכען מיט אייך האַלט איך. איהר האָט אויף דעם מיין עהרענוואָרט און מיין האַנד נאָך אויך דערצו, מיין הוילע האַנד, די רעכטע, די געשעפט־האַנד. נעהמט זי און גלויבט איהר דרוק. וואָס פאַר א פרוי איך בין, ווייס איך ניט; אָבער איך בין אַן עהרליכער מענש און מען קען מיט מיר געשעפט מאכען.

ניט אָפּגעגעבענדיג קיין רעכענונג, וואָס ער טהוט, האָט סאַנין צוגעטראָגען איהר האַנד צו זיינע ליפּען. מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט זי זאַנפט צוריקגעצויגען, איז פּלוצלונג אנשוויגען געוואָרען און האָט מעהר ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט, ביז די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען אום ארויסצוגעהן... וואָס איז

געוועזן? צו האָט זיך עס איהם אויסגעוויזען, אָדער ער האָט טאַקע דערפיהלט א גליהענדען קוש אויף זיינע באַקען?....

— ביז מאָרגען — האָט מאַריא ניקאָלאַיעוונא ארויסגעשעפּ־צעט, צושיידענדיג זיך מיט איהם אין קאָרידאָר. זי האָט גע־האַלטען די אויגען ארונטערגעלאָזט:

— ביז מאָרגען!

אריינקומענדיג צו זיך אין צימער, האָט סאַנין דאָרט גע־טראָפען אויפ'ן טיש א בריעף פון דזשעממאַ'ן.

דעם ערשטען אויגענבליק איז ער צומישט און דערשראָ־קען געוואָרען, דאַן אָבער האָט ער זיך געפּרופט פרעהען, שמייכ־לען, זוכענדיג מיט זיין פרייד צו פערטרייבען דעם שרעק.

דער בריעף איז געווען נור עטליכע צייליען. זי האָט אויס־געדריקט די פרייד איבער דעם גינסטיגען אָנפאַנג פון געשעפט, האָט איהם געראַטהען צו האָבען געדולד און געענדיגט דעם בריעף מיט א גרוס פון אַלעמען צו איהם, וועלכען זי ערוואַרט מיט אונגעדולד און ליעבע.

סאַנין האָט געפונען, אז דער בריעף איז ניט גענוג וואַרעם געשריעבען, דאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט איהר צו ענט־פערען.

ער האָט גענומען פּאַפּיער און א פעדער אין האַנד און האָט עס באַלד ווידער אוועקגעוואָרפען.

— וואָס זאָל איך שרייבען? מאָרגען פאָהר איך דאָך אליין.... עס איז שוין צייט... שוין לאַנג צייט געווען!...

ער האָט זיך אוועקגעלייגט אין בעט און האָט זיך געסטאַ־רעט איינצושלאָפען. וואָלט ער זיך שלאָפען ניט אוועקגעלייגט, וואָלט ער געמוזט טראַכטען וועגען דזשעממאַ'ן. דאָס געוויסען האָט איהם געמוטשעט. ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט מיט דעם געדאַנק, אז מאָרגען וועט דאָך סיי־ווי־סיי נעהמען אן ענד, דאַן וועט ער שוין מעהר ניט זעהן די דאָזיגע פרוי, וועלכע זוכט איהם צו פערדרעהען דעם קאָפּ.

איין און פיערציגסטער קאַפּיטעל.

אזוי האָט סאַנין געטראַכט, ווען ער האָט זיך יענעם אָבענד אוועקגעלייגט שלאָפען. אָבער וואָס האָט ער אויף מאָרגען גע־טראַכט, ווען מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט אונגעדולדיג אָנגע־קלאַפּט מיט דער קאָרעלענער הענטעל פון איהר בייטש אין זיין טהיר; ווען ער האָט זי נאָכדעם דערזעהן אויפ'ן שוועל פון זיין צימער מיט דער שלעפּע פון איהר דונקעל־בלויען רייטקליי־ אויפ'ן ארים, מיט אַ קליין מענערש היטעלע אויף די פערפלאָכ־טענע אין דיקע צעפּ האָר, מיט אַ שלייער אריבער די פּליי־צעס, מיט אַן ארויספאָדערדיגען שמייכעל אויף די ליפּען. אין די אויגען, אויפ'ן גאַנצען פּנים, וואָס ער האָט דאַן געטראַכט — וועגען דעם שווייגט די געשיכטע.

— נו, איהר זייט שוין פערטיג? — האָט אָפּגעהילכט איהר פרעהליכער קול.

סאַנין האָט פערשפּילעט דעם ראָק און שווייגענדיג גענומען זיין הוט.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט אויף איהם געוואָרפען אַ שטראַהלענדען בליק, אַ מאַך געטהאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ און איז שנעל ארונטערגעלאָפען פון די טרעפּ, און ער האָט זיך געלאָזט לויפען נאָך איהר.

די פערד זיינען שוין געשטאַנען אָנגעגרייט נעבען טהיר. פערד זיינען געווען דריי. אַ גאָלד־ברוינע קליאַטשע מיט אַ טרוקענעם שפּיציגען קאָפּ, מיט שווארצע אויגען און מיט דינע פיס, עטוואָס אַ מאָגערע, אָבער אַ שנעלע און פול פייער — פאַר מאַריא ניקאָלאַיעוונא'ן; אַ שווערער, שטארקער, שוואַ־צער פערד — פאַר סאַנין'ען; דער דריטער פערד איז געווען פאַר'ן שטאַלקנעכט.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא איז לייכט ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן זאָטעל. די קליאַטשע האָט אָנגעהויבען צו טאַפּטשען און צו טאַנצען, האָט אויפגעהויבען דעם עק און זיך אויפגעשטעלט

אויף די פֿאַרדרשטע פּיס. אָבער מאַריא ניקאָלאַיעוונא איז גע־
ווען אין אויסגעצייכענטע רייטערין און זי האָט באַלד בעהערשט
די קליאַטשע.

זי האָט נאָך איצט געדאַרפֿט אַפּשיעד נעהמען פֿון פּאַלאַ־
זאָוו'ען, וועלכער האָט זיך בעוויזען אויפ'ן באַלקאָן אין זיין רוי־
טען היטעלע און אין א פֿונאַנדערגעשפּיעלטען שלאָף־ראָק און
געפּאַכט צו איהר פֿון דאָרט מיט א טיכעל, ניט שמייכלענדיג,
נאָר א ברוגז'דיגער.

סאַנין האָט זיך אויך געזעצט אויף זיין פֿערד.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט מיט איהר בייטש א מאַך גע־
טהאָן צו פּאַלאַזאָוו'ען, האָט דאַן א שמיץ געטהאָן די קליאַטשע;
יענע האָט זיך ווידער א טראָג געטהאָן מיט די פֿאַדערשטע פּיס,
אויפגעהויבען, דאַן האָט זי דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און איז
אַוועק מיט געמאָסטענע איינגעהאַלטענע טריט, ציטערענדיג מיט
אַלע גליעדער, בייסענדיג דעם צוים אין מויל און פֿאַרשקענדיג
העפטיג.

סאַנין איז געפֿאָהרען אהינטער און געקוקט אויף מאַריא
ניקאָלאַיעוונאַ'ן: זעלבסט־בעוואוסט, זיכער און רייצענד האָט
זיך איהר טאַליע געוויעגט, אַרומגעכאַפּט פֿון א קאָרסעט.

זי האָט א קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צו איהם און א רוף גע־
טהאָן איהם מיט די אויגען.

ער איז צוגעפֿאָהרען צו איהר.

— נו, זעהט איהר, ווי גוט דאָס איז! — האָט זי זיך אָפּ־
געררופען — איך זאָג איצט צום לעצטען מאָל, איידער מיר צו־
שיידען זיך: איהר זייט רייצענד און איהר וועט ניט חרטה
האָבען אויף דעם, וואָס איהר זייט מיט מיר היינט געפֿאָהרען...

און געזאָגט עס, האָט זי עטליכע מאָל א פּיהר געטהאָן מיט'ן
קאָפּ פֿון אויבען אַרונטער, אַקוראַט ווי מיט דעם האָט זי גע־
וואָלט בעפֿעסטיגען איהרע ווערטער און לאָזען איהם פֿיהלען
זייער בעדייטונג.

זי האָט אויסגעזעהען אַזוי גליקליך, אַז סאַנין האָט זיך

איינפאך פערוואונדערט. איהר פנים האט זאגאר אנגענומען יענעם אויסדרוק, וואס מיר זעהען ביי קינדער, ווען זיי זיינען זעהר און זעהר צופריעדען.

זיי זיינען געפאהרען ביז דעם נאהענטען טויער שטיל, דאן שנעל איבער׳ן שאסעע. דאס וועטער איז געווען זעהר שעהן, אן אמת׳ער זומער וועטער, דער ווינד האט זיי געבלאזען אנט־קעגען און האט געפליסטערט און געקיצעלט זיי אין די אויערען. זייביידע האבען זיך געפיהלט אזוי גוט און אזוי פרעהלאך. א געפיהל פון יוגענד און געזונדהייט, פון פרייען און אונבעגרענצ־טען לעבען האט אין זיי ביידען געוואקסען פון מינוט צו מינוט.

מאריא ניקאלאיעוונא האט ווידער איינגעהאלטען איהר פערד און געלאזט איהם ווידער טריט ביי טריט געהן. סאנ׳ן האט דאס זעלבע געטהאן.

— איהר זעהט — האט זי אנגעהויבען מיט א טיפען גליקליכען זיפץ — אזוי איז גוט צו לעבען, אט אזוי! לעבען און געניסען, און געניסען, און געניסען — ביז אהער!

זי האט א פיהר געטהאן מיט א האנד איבער איהר האלז, אום צו ווייזען איהם, ווי טיעף זי וויל געניסען.

— און ווי גוט מען פיהלט זיך דעמאלט! צום ביישפיעל, ווי גוט פיהל איך זיך אט איצט, אין דעם מאמענט! מיר דאכט זיך, איך וואלט די גאנצע וועלט אזוי ארומגענומען און גע־דריקט צו זיך, און געדריקט! דאס הייסט... ניין, ניט די גאנצע וועלט! דעם, צום ביישפיעל, וואלט איך ניט געקענט ארומ־נעהמען!...

זי האט אנגעוויעזען מיט איהר בייטש אויף אן אלטען ארעם־גקעליידעטען מאן, וואס האט זיך פון וויטען געשלעפט איבער׳ן שאסעע.

— אבער איהם וואלט איך אויך געוואלט גליקליך מאכען!

— האט זי זיך א כאפ געטהאן — העי! נעהמט דאס! — האט זי א געשריי געטהאן צום אלטען אויף דייטש און א ווארף גע־

טהאָן איהר געלד־בייטעל צו יענעמ'ס פּיס. דאָס געלד־בייטעל איז געפאַלען מיט אַ קלינגעריי אויפ'ן שאָסעע.

דער אַלטער מאַן האָט זי פערוואונדערט אָנגעקוקט און איז געבליבען שטעהן. מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט זיך הויך צו־לאַכט און איז אוועקגעפלויגען אויף איהר פערד ווייטער.

— איהר האָט, ווי עס שיינט, זעהר ליעב שנעל צו רייטען?

— האָט סאַנין געפרעגט, אָניאָגענדיג זי.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט פּלוצלונג ווידער אָפּגעשטעלט איהר קליאַטשע.

— איך האָב נור געוואָלט אַנטלויפען פון זיין דאַנק. ווער עס בעדאַנקט מיר, פערדאַרבט מיר דאָס פערגניגען. איך האָב עס ניט געטהאָן פון זיינטוועגען, נור פון מיינטוועגען, ווייל איך אַליין האָב פון דעם פערגעניגען. ווי קען ער אַלזאָ מיר דער־פאַר דאַנקען? איהר האָט מיך עפּעס געפרעגט — האָט זי זיך פּלוצלונג אונטערבראָכען — איך האָב עס ניט פערשטאַנען...

— איך פרעג... איך וואָלט וועלען וויסען, וואָרום זייט איהר היינט אַזוי פרעהלאַך?... — האָט סאַנין געפרעגט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט ברענענדיגע אויגען און מאָדנע אַ שמייכעל געטהאָן.

— ווייסט איהר וואָס? — האָט זיך פּלוצלונג מאַריא ני־קאָלאַיעוונא אָפּגערופען — דיעזער שטאַל־קנעכט, וואָס פאָהרט הינטער אונז און טראַכט זיך אודאי וועגען דעם, ווען וועלען מיר זיך אַהיים צוריקקעהרען, מאַכט מיר נערוועז. לאָמיר איהם גאָר אוועקשיקען.

זי האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט אַ נאָטיץ־ביכעל פון קעשענע.

— זאָל איך איהם אוועקשיקען מיט אַ בריעף אין שטאָדט אַריין? ניין, דאָס פּאַסט ניט. איך האָב אַן אַנדער פּלאַן! וואָס איז דאָרט פאַר אַ געביידע? אַ שענק?

— יאָ — האָט ער געענטפערט — דאַכט זיך, אַ שענק!

— אויסגעצייכענט! איך וועל איהם אוועקשיקען ביער טרינקען, ביז מיר וועלען זיך צוריקקעהרען.

— אָבער וואָס וועט ער דענקען ?

— וואָס גערט עס אונז אָן ! — האָט זי געענטפערט — אויסער דעם וועט ער גאָר נישט דענקען : ער וועט נור ביער טרינקען און וועט זיין צופריעדען. נו, סאַנין (דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט איהם אזוי גערופען), איצט א פאָהר געטהאָן אין גאַלאָפּ !...

ווען זיי זיינען צום שענק צוגעפאָהרען, האָט מאריא ניקאָלאיעוונא צוגערופען צו זיך דעם שטאַל־קנעכט און איהם געזאָגט, וואָס ער זאָל טהאָן. דער יונגער־מאַן, א געבאָרענער ענגלענדער, האָט שווייגענדיג צוגעלייגט זיין האנד צו זיין הימעל, איז ארונטערגעשפרונגען פון פערד און, אָנגענומען איהם באר'ן צוים, האָט ער איהם אוועקגעפיהרט נאָך זיך.

— אזוי, און איצט זיינען מיר פריי ווי די פייגעל ! — האָט מאריא ניקאָלאיעוונא אויסגעשריען — וואוהין זאָלען מיר איצט פאָהרען ? אין וואָס פאַר א זייט ? נאָך סוים, נאָך נאָרד, איסט אָדער וועסט ? זעהט איהר, מיר זיינען איצט ווי די אָדלערס—וואוהין מיר ווילען, אהין קענען מיר פליהען ! איהר זעהט דאָרט יענע שעהנע בערג און וועלדער ? אהין, אהין !

„אין די בערג, וואו די פרייהייט טראָגט !"

זי האָט זיך אראָפּגעקעהרט פון שאָססע און האָט א יאָג געטהאָן איהר קליאטשע איבער א שמאָלען וועג, וואָס האָט געפיהרט צום וואלד.

סאַנין האָט געיאָגט זיין פערד נאָך איהר.

צוויי און פיערציגסטער קאַפּיטעל.

דער וועג איז באלד געוואָרען שמאָלער און אויפ'ן סוף האָט ער זיך גאָר איבערגעריסען נעבען א ברייטער, טיעפער קאנאווע

סאַנין האָט געראטהען זי זאָל פאָהרען צוריק, אבער מאריא ניקאָלאיעוונא האָט געענטפערט :

— ניין! איך וויל ארויף אויף די בערג! מיר פליהען פאַראויס, פאַראויס, אזוי ווי די פייגעל!

און זי האָט אַ שמיץ געטהאָן איהר קליאטשע, וועלכע האָט מיט אַן אימפעט אריבערגעשפּרונגען די קאנאווע.

סאנין'ס פערד נאָך איהר.

הינטער דער קאנאווע האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאָנקע. אָנפאנגס איז די לאָנקע געווען טרוקען, באלד איז זי געוואָרען פייכט און אויף'ן סוף אין גאנצען זומפּיג. דאָס וואסער האָט געשפּריצט פון אונטער די פערד'ס פיס.

מאריא ניקאָלאיעוונא'ן איז עס שטארק געפעלען געוואָרען און זי האָט זיך פרעהלאך צולאכט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אויסגעשריען — ווידער אַ קאנאווע? — האָפּ!

די קליאטשע איז אריבערגעשפּרונגען, אָבער מאריא ניקאָלאיעוונא האָט איהר הוט פערלאָרען און איהרע לאָקען האָבען זיך געשאָטען איבער איהרע שולטערס. סאנין האָט געוואָלט ארונטערקריכען פון'ם פערד, אום איהר הוט אויפצוהויבען, אָבער מאריא ניקאָלאיעוונא האָט צו איהם אַ געשריי געטהאָן:

—לאָזט, איך וועל זי אליין אויפהויבען!

און געזאָגט עס, האָט זי זיך ארונטערגעבויגען פון איהר זאָטעל און מיט דער הענטעל פון דער בייטש האָט זי אויפגעהויבען די הוט.

זי האָט די הוט אויף'ן קאָפּ אָנגעטהאָן, האָט אָבער די האָאָר איבערגעלאָזט צושאָטען איבער די שולטערס; דאַן האָט זי העל און הילכיג אַ געשריי געטהאָן און איז אוועק ווייטער. סאנין האָט געריטען נעבען איהר זייט ביי זייט, האָט געשפּרונגען איבער קאנאוועס, גריבער און שטראָמען, געזונקען אין זומפּיגע ערטער, האָט זיך געהויבען אויפ'ן פערד ארויף און אראָפּ און דערביי האָט ער זיינע אויגען ניט געקענט אפּרייסען פון איהר פּנים.

און ווי מאָדנע איהר פּנים האָט איצט אויסגעזעהען;
אַלעס, דאַכט זיך, אויף איהם איז געווען ברייט און אָפען:
איהרע אויגען, איהרע ליפּען און נאָזלעכער, וועלכע האָבען גיער־
ריג די מאָרגען־לופט אין זיך אריינגעזויגט. זי האָט געקוקט
גלייך פאר זיך און עס האָט זיך געדאַכט, אַקוראַט ווי זי וואָלט
אַלעס, אַלעס, וואָס זי האָט געזעהן פאר זיך, געוואָלט בעהער־
שען, אונטערוואַרפען זיך — הימעל און ערד, זון און לופט.

— סאַנין! — האָט זי אויסגעשריען — איז עס ניט פּונקט
ווי אין בירגער'ס ווערק „לענאָרע"? נו דו ביזט דאָך ניט
טויט, ניט אמת?... דו ביזט דאָך ניט טויט? איך, איך לעב!...

איהר גאַנץ פייער, איהר גאַנצע דרייסטקייט און קראַפט
האָט זי איצט אין די דאָזיגע ווערטער ארויסגעברויזט. דאָס
איז שוין ניט געווען מעהר אַן אַמאַזאַנקע, אַ רייטערין, נור אַ
יונגער ווייבערשער צענטאַוור — האַלב חיה, האַלב גאָט —
לילית אַליין איז זי איצט געווען!

אויפ'ן סוף האָט מאַריא ניקאָלאַיעווּנאַ אָפּגעשטעלט איהר
קליאַטשע, וועלכע איז אין גאַנצען בעדעקט געווען מיט ווייסען
שוים. די קליאַטשע האָט געציטערט און געוואַנקט הינטער
איהר, וועהרענד סאַנין'ס שטאַרקער, אָבער שווערער פערד האָט
געצויגען לופט מיט די נאָזלעכער.

— נו, איז עס ניט שעהן? — האָט מאַריא ניקאָלאַיעווּנאַ
ארויסגעשעפּצעט וואַרעם און הינגעריסען.

— זעהר שעהן! — האָט סאַנין אויסגעשריען בעגייסטערט.
דאָס בלוט האָט אָנגעהויבען צו קאָכען אין סאַנין'ס
אָדערען.

— וואַרט נור, עס איז נאָך ניט צו ענד!

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו איהם.

— איך האָב אייך געזאָגט, איך וועל אייך ברייננגען אויף
די בערג אין וואַלד... דאָ זיינען די בערג! — האָט זי מיט
דער האַנד אָנגעוויזען.

און ווירקליך: די פערד האָבען זיך אָפּגעשטעלט פּונקט אונטער'ן בארג.

— און איצט ווילען מיר פאָהרען טריט ביי טריט. מיר מוזען געבען די פערד די מעגליכקייט דעם אָטהעם אָפּצוכאַפּען.

זיי זיינען אוועקגעפאָהרען ווייטער לאַנגזאם. מיט א קרעפּ־טיגע בעוועגונג האָט מאריא ניקאָלאַיעוונא אָפּגעוואָרפען די האָאר אהינטער, דאן האָט זי א שמייכעל געטהאָן צו סאַנין'ען און ער האָט איהר אויך געענטפערט מיט א שמייכעל.

דיעזער רייטען האָט זיי צונויפגעבראכט נעהענטער און זיי בעפריינדעט איינעם מיט'ן אנדערען.

— ווי אַלט זייט איהר, סאַנין.

— צוויי און צוואַנציג — האָט ער געענטפערט.

— מיר איז אויך צוויי און צוואַנציג — האָט זי געזאָגט — א גליקליכעס אַלטער. ווען מיר זאָלען צונויפלייגען אונזערע ביידען'ס יאָהרען, און עס וועט נאָך אַלץ זיין ווייט ביז יענער צייט, ווען מען איז אַלט. אָבער ווי עס איז! בין איך רויט?

— ווי מאָהן.

מאריא ניקאָלאַיעוונא האָט א פּיהר געטהאָן מיט א טיכעל איבער איהר פּנים.

— ווען מיר וועלען זיין אין וואַלד, דאָרט וועט קיהלער זיין. אַן אַלטער וואַלד איז ווי אַן אַלטער פריינד — קען בע־האַלטען א סוד... האָט איהר עפּעס פריינד?

סאַנין האָט א ווײַלע נאָכגעדענקט און דאַן געענטפערט:

— זעהר ווענינ. אַן אמת'ן פריינד ניט איינעם.

— איך האָב יא אמת'ע פריינד, זיי זיינען אָבער ניט אַלט — האָט זי געזאָגט פרעהליך — איז עס מעגליך, אַז איבער־מאָרגען וועל איך שוין זיין אין פּאַריז?

— יא — האָט סאַנין אונטערגעכאַפּט — ווירקליך, איז עס מעגליך?

— און איהר אין פראַנקפורט?

סאַנין האָט געשוויגען.

— נו — האָט זי א געשריי געטהאָן — אָבער דערפאר איז היינטיגער טאָג אונזערער... אונזערער... אונזערער....

די פערד זיינען אריין אין וואַלד. דער שאטען פון וואַלד האָט זיי ארומגעכאַפּט ווייט און ברייט און פון אַלע זייטען.

— אָה, דאָ איז דאָך עפּעס אַ גן עדן! — האָט מאַריא ני־קאָלאַיעוונאָ אויסגעשריען — נו, טיעפער און וויטער אין דעם דאָזיגען שאטען, סאַנין!

די פערד האָבען זיך רוהיג בעוועגט „טיעפער אין שאטען", כראָפּענדיג און אונטערוויגענדיג זיך אין גאַנג. דער וועג, אי־בער וועלכען זיי האָבען זיך בעוועגט, האָט זיך מיט אַ מאָל אַ דרעה געטהאָן אָן אַ זייט און זיך אריינגעדרעהט אין אַ שמאָ־לען הייהל. די לופט איז דאָ שטאַרק געווען געפּרעסט מיט דעם ריח פון דזעגעכץ פון פּיכטענבוימער און פון פערוועלקטע פּאַר־אַ־יאָהריגע בלעטער, אָבער פון די שפּאַלטען פון די גרויסע ברוינע פעלזען אויף ביידע זייטען האָט געשטראָמט אַ דער־קוויקענדע פרישקייט און לופטיגקייט. קליינע, רונדע בערגע־לאַך ערד, מיט גרינעם מאָך בעוואַקסען, זיינען צו־וואָרפען גע־ווען אויף ביידע זייטען.

— האַלט! — האָט מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ אויסגעשריען; — איך וויל זיך זעצען אויף דעם דאָזיגען סאַמעטענעם טעפּיך און אויסרוהען. העלפט מיר ארונטערקריכען!

סאַנין איז ארונטערגעשפּרונגען פון פערד און איז צוגעלאָ־פען צו איהר. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אָן זיינע אַקסלען, איז לייכט ארונטערגעשפּרונגען אויף דר'ערד און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף איינעם פון די מאָכיגע בערגלאַך. ער איז געבליבען שטעהן פאר איהר, האַלטענדיג אין די הענד די צוימען פון ביידע פערד.

זי האָט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע אויגען.

— סאַנין — האָט זי געפרעגט — איהר קענט פערגעסען?

סאַנין האָט זיך דערמאָנט, אָן דאָס נעכטיגע — אין קאַ־רעטע.

— וואָס איז עס, א פראגע צו א פּאַרוואַרוף?

— איך האָב נאָך קיינעם אין מיין לעבען קיין פּאַרווירפע געמאכט — האָט זי געענטפערט — זאָגט מיר נור: גלויבט איהר אין ליעבעס־צויבער?

— אין וואָס?

— אין ליעבעס־צויבער... אין דעם כישוף, ווייסט איהר, וועגען וועלכען עס ווערט געזונגען אין די פּשוט'ע רוסישע פאָלקס־ליעדער?...

— אָה, אָט דאָס מיינט איהר — האָט ארויסגערעדט סאַנין.

— יאָ, אָט דאָס — האָט זי אונטערגעכאַפּט — איך גלויב אין דעם און איהר וועט אויך אין דעם אָנהויבען צו גלויבען...

— ליעבעס־צויבער... כישוף — האָט סאַנין איבערגע־חזר'ט — אַלעס איז אויף דער וועלט מעגליך. פריהער האָב איך ניט געגלויבט. איצט גלויב איך. איך דערקען זיך ניט.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט זיך פערטראַכט אומגעקוקט.

— און מיר דאכט זיך, אז דיעזער פּלאַץ איז מיר בעקאַנט — האָט זי ארויסגערעדט — טהוט נור א קוק, סאַנין, הינטער יענעם הויכען דעמב — שטעהט דאָרט א רויטער צלם צו ניט? סאַנין האָט זיך אומגעקוקט.

— שטעהט — האָט ער געענטפערט.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט א שמייכעל געטהאָן.

— דאָן איז גוט! איך וויים, וואו מיר געפינען זיך. דער־וויילע האָבען מיר נאָך ניט פערבלאָנדזשעט. ווער קלאַפּט עס דאָרט? א האָלץ־העקער?

סאַנין האָט זיך איינגעקוקט צווישען די געדיכטע בוימער.

— יאָ, א האָלץ־העקער! — האָט ער געענטפערט.

—מען דארף די האָאר פערפלעכטען — האָט זיך אָפּגערו־פען מאַריא ניקאָלאַיעוונא —אַ־ניט קען מיך נאָר יענער מאַן בעריידען.

זי האָט ארונטערגענומען די הוט און אָנגעהויבען פער־

פלעכטען איהרע לאַנגע האָאר און מיט אַ וויכטיגער מינע. איהרע שלאַנקע גליעדער האָבען שארף ארויסגעטראָטען דורך די דונקעלע פאַלדען פון איהר קלייד, אָן וועלכער דאָ און דאָרט האָבען זיך אָנגעקלעפּעט שטיקלאַך מאָך.

איינער פון די פערד האָט זיך פּלוצלונג אַ צאַפּעל געטהאָן הינטער סאַנין'ס רוקען; ער אַליין האָט אויך ניט ווילענדיג זיך אַ צאַפּעל געטהאָן פון קאָפּ ביז די פיס. אַלעס אין איהם איז פערווירט און צופלאָנטערט געוואָרען, די נערוועז האָבען זיך ביי איהם אָנגעצויגען שטייף — שטייף, ווי די סטרונעס פון אַן אינסטרומענט. ניט אומזיסט האָט ער געזאָגט, אַז ער דערקענט זיך ניט אַליין... ער איז געווען פער'כישופט. זיין גאַנצעס וועזען איז פול געווען מיט איין איינציגען געדאַנק, מיט איין איינציגען ברענענדיגען פערלאַנג.

מאַריא ניקאָלאַיעוונא האָט געוואָרפען אויף איהם אַ דורכדרינגענדיגען בליק.

— נו, איצט זיינען ווידער מיינע האָאר... איהר וועט זיך ניט זעצען נעבען מיר אָט דאָ? — האָט זי געזאָגט, אָנטהאָנדיג די הוט: — ניין, ווארט... זעצט זיך ניט! וואָס איז דאָס?

איבער די שפּיצען פון די בוימער, אין דער לופט פון וואַלד האָט זיך דורכגעטראָגען אַ פערשטיקטער קייקלען זיך.

— איז עס אַ דונער?

— דאַכט זיך, אַ דונער — האָט סאַנין געענטפערט.

— אה, דאָס איז אַ יום טוב, אַן אמת'ער יום טוב! נור דאָס האָט אונז געפעהלט!

— דאָס פערשטיקטעס קייקלען זיך האָט ווידער אָפּגעהילכט אין דער לופטען, איז געוואָרען שטאַרקער און האָט זיך געענדיגט מיט אַ שטאַרקען טראַ־אַך!...

— בראַוואָ! בים! — האָט זי אויסגעשריען און אויפגעשפּרונגען אויף איהרע פיס: — דעם פערד אהער! און איצט שטעלט אונטער אייער האַנד... אָט אַזוי, איך בין ניט שווער...

ווי א פייגעל האָט זי זיך א הויב געטהאָן אויפ'ן זאָטעל. סאַנין האָט זיך אויך געזעצט אויפ'ן פערד.

— מיר פאָהרען אהיים? — האָט ער געפרעגט מיט א ציטערענדיגער שטימע.

— אהיים! — האָט זי געענטפערט לאַנגזאַם און אריינגענומען די לייצעס אין די הענד — פאָהרט נאָך מיר! — האָט זי איהם בעפעהלען כמעט גראָב.

זי איז ארויסגעפאָהרען אויפ'ן וועג פערביי דעם רויטען צלם, האָט זיך פערקירעוועט רעכטס און איז ווידער־אַוועק באַרג ארויף. ווי עס איז קענטיג געווען, האָט זי געוואוסט, וואוהין דער וועג פיהרט. און דער דאָזיגער וועג האָט געפיהרט אַלץ טיעפער און טיעפער אין וואלד... זי האָט מעהר גאָר נישט גערעדט, האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם, איז געפאָהרען מיט א געביטערישער מינע אַלץ ווייטער און ווייטער. און ער נאָך איהר אָהן ווילען אין זיין פערשטאָרבענעם הארצען.

א רעגען האָט גענומען קאַפּען, זי האָט א טרייב געטהאָן איהר קליאַטשע און סאַנין זיין פערד. אויפ'ן סוף האָט זיך דורך די דונקעל־גרינע טענענבוימער דערזעהן אַן אָרימע בודקע מיט א ניעדריגער טיהר און געפלאָכטענע ווענד...

מאַריא ניקאָלאַיעווּנאַ האָט א טרייב געטהאָן איהר קליאַטשע דורך די בושען, איז ארונטערגעשפּרונגען, האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען טיהר פון דער געפלאָכטענער בודקע און א קעהר געטהאָן זיך צו סאַנין'ען, האָט זי זודיג ארויסגעשעפּצעט:

— דאָ איז דער גן עדן, קום!...

און זיי ביידע זיינען פערשוואונדען הינטער יענער טיהר...

אין א פיער שטונדען ארום האָט מאַריא ניקאָלאַיעווּנאַ און סאַנין, בעגלייט פון דעם שטאַל־קנעכט, זיך צוריקגעקעהרט אין איהר האָטעל. פּאָלאָזאָוו האָט בעגעגענט זיין פרוי, האַלטענדיג דעם בריעף, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען צום פערוואַלטער. ווען ער האָט זיך אין איהר איינגעקוקט, האָט ער געמאַכט א זויערע מינע און ארויסגעשטאַמעלט:

— שוין־זשע האָב איך פערשפּיעלט דעם וועט ?...

מאַראַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט נור אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.

* * *

אין דעם זעלבען טאָג, אַ פּאָאַר שעה שפּעטער, איז סאַנין געשטאַנען פאַר מאַריא ניקאָלאַיעוונאַ׳ן ביי זיך אין צימער, פערלאָרען און דערשלאָגען...

— וואוהין פאָהרסטו ? האָט זי ביי איהם געפרעגט — אין פּאַריז, אָדער אין פראַנקפורט ?...

— איך פאָהר אהין, וואו דו וועסט זיין — האָט ער גע־ענטפערט פערצווייפעלט און איז צוגעפאַלען צו די הענד פון זיין הערשערין : — איך וועל זיין נעבען דיר אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט מיך ניט פערטרייבען !...

זי האָט בעפרייט איהרע הענד און זיי איהם אויפ׳ן קאָפּ אַרויפגעלייגט, האָט זי מיט אַלע איהרע צעהן פינגער זיינע האָאָר אָנגעכאַפּט, און זי האָט זיך לאַנגזאַם געשפּיעלט, געדרעהט און געוויקעלט זיינע ווייכע האָאָר אַרום איהרע ווייסע פינגער און זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין איהר גאַנצען הויכען, מעכטינען וואוקס, און אַרום איהרע ליפּען האָט זיך געשלענגעלט נצחון, און איהרע אויגען, ברייטע און העלע, כמעט ווייסע, האָבען אויסגעדריקט אַן אונ׳רחמנות׳דיגע טעמפּקייט און אַ טריאומ־פירענדיגע זאַטקייט.

אַ ווילדער יאַסטרעב, ווען ער האַלט אין זיינע נעגעל אַ גע־כאַפּט פייגעלע, מוז האָבען אַזוינע אויגען....

דריי און פיערציגסטער קאַפּיטעל.

אַט דאָס האָט זיך סאַנין דערמאָנט, ווען ער, גראָבענדיג זיך אין די אַלטע פּאַפּיערען, האָט ער געפונען דעם קליינעם גראַנאַטען־צלם׳ל. אַלע די סצענעס, וואָס מיר האָבען פאַר׳ן לע־

זער איבערגעגעבען, האָבען זך קלאָר און דייטליך דורכגעטראָ־
גען פאר זיינע גייסטיגע אויגען. אָבער אז ער איז צוגעקומען
צו ,,יענעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך אזוי ערנידריגט פאר פרוי
פּאלאזאָווא, ווען ער האָט זיך אונטער איהרע פיס געלייגט;
ווען זיין שקלאָפעריי האָט זיך אָנגעהויבען, — דאַן האָט ער
זיך אָפּגעקעהרט פון די ווייטערדיגע בילדער, וואָס האָבען גע־
נומען ארויסשוועבען פאר איהם, האָט זיך אָפּגעקעהרט פון זיי
און ניט געוואָלט זיך אָן זיי דערמאָנען. און ניט דערפאַר, ווייל
דער זכרון האָט איהם ניט געדיענט — אָה, ניין! ער האָט גוט
געדענקט, זעהר גוט געדענקט, וואָס עס האָט פּאַסירט זינט יע־
נעם מאָמענט, אָבער דאָס שעהם־געפיהל האָט איהם געשטיקט
אפילו איצט, א סך יאָהרען שפּעטער. ער האָט געציטערט פאר
דאָס געפיהל פון פעראכטונג צו זיך אַליין, וואָס די עראינערונג
אָן יענער צייט פלעגט אין איהם ארויסרופען. ער האָט זיך
דערמאָנט אָן זיין עקעלדיגען, וויינענדיגען, פאלשען און לעכער־
ליכען בריעף, וואָס ער האָט דעמלט געשיקט צו דושעממאַ'ן,
אויף וועלכען ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגען...

סאַנין האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי ער האָט שפּעטער
אוועקגעשיקט פּאלאזאָווו'ס לאַקיי נאָך זיינע זאכען קיין פראנק־
פורט, ווי ער האָט געציטערט, ווי ער האָט געטראכט וועגען
נור איין זאך: וואָס גיכער אוועקצופיהרען מיט מאריא ניקאָ־
לאַיעוונא קיין פּאריז; ווי ער האָט אויף דעם בעפעהל פון
מאריא ניקאָלאַיעוונאַ'ן, זיך גע'חנפה'ט צו איהר מאַן און איז
ליעבענסווירדיג געווען צו דענהאָף'ן, וועלכער האָט אויך געטראָ־
גען אויף א פינגער אן אייזערנעם רינג, פונקט אזא, ווי מאריא
ניקאָלאַיעוונא האָט איהם, סאַנין'ען, געשענקט!!!

דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אויף אַנדערע סצענעס, וואָס
זיינען געווען נאָך ערגער, נאָך העסליכער...

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל האָט איהם דער קעל־
נער אריינגעטראָגען א וויזיט־קארטעל, אויף וועלכער עס איז
געשטאַנען דער נאָמען פון פּאַנטאַלעאָן טשיפּאטאלא, דעם קויי־

זערליכען זינגער... ער האָט זיך דאַן בעהאַלטען פון דעם אַל־טען, האָט זיך אָבער מיט איהם געטראָפען אין קאָרידאָר... און דאַן האָט זיך דער אַלטער איטאַליענער מיט אַן אויפגערעגט פּנים, מיט אויגען, ווי אַ פּאָאַר גליהענדע קוילען, מיט דעם גרויען באַכאַל אויפגעשטעלט אין דער הויך, ארויפגעוואָרפען אויף איהם און גענומען צו איהם שרייען מיט אַ קול פול פיי־ערדיגען צאָרן אויף איטאַליעניש:

— קאַדאַרדאַ! אינפאַמע טרעדיטאַרע! (פייגלינג! ניי־דערטרעכטיגער פעררעטהער!)

דאַן האָט זיך סאַנין דערמאָנט, ווי ער און פּאַלאַזאָוו און מאַריא ניקאָלאַיעוונא זיצען זאַלבע דריט אין קאַרעטע און פאָה־רען פון וויסבאַדען נאָך פּאַריז. פּאַלאַזאָוו קייט אַ באַר, וועל־כען ער, סאַנין, האָט איהם פאַר פריהער אָפּגעשיילט, און מאַריא ניקאָלאַיעוונא קוקט אויף איהם און שמייכעלט מיט יענעם שמיי־כעל, וואָס ער, איהר שקלאַף, האָט שוין גוט געקענט, מיט אַ שמייכעל פון אַ הערשערין...

און פּלוצלונג, גרויסער גאָט! וואָס איז דאָס! ווען די קאַ־רעטע האַלט ביים ארויספאָהרען פון וויסבאַדען, דערזעהט סאַ־נין מיט אַ מאָל אויפ'ן וועג שטעהן פּאַנטאַלעאָן'ען און ניט איהם אליין, נור עמיל'ן אויך. עמיל, וועלכער האָט איהם פריי־הער אזוי פערגעטערט, שטעהט איצט און קוקט אויף איהם מיט אויגען פול מיט האַס און פעראַכטונג און די ליפּען זיינע ציי־טערען און זיי עפענען זיך פאַר אַ פלוך...

און פּאַנטאַלעאָן שטרעקט אויס זיין האַנד און ווייזט אָן אויף סאַנין'ען — ווע מען? טאַרטאַגליע'ן, דעם הונד, וואָס שטעהט נעבען איהם. טאַרטאַגליע הויבט אָן צו בילען אויף סאַנין'ען — און אפילו דאָס בילען פון דעם עהרליכען הונד איז אויך שרעקליך בעליידיגענד... העסליך!

און דאַן האָט זיך סאַנין דערמאָנט אָן זיין לעבען אין פּאַריז מיט מאַריא ניקאָלאַיעוונא'ן, אָן די אַלע ערנידערונגען, אָן אַלע קלענליכע קוואַלען פון אַ שקלאַף, וועלכער האָט אפילו קיין רעכט

ניט אייפערזיכטיג זיין און ניט קלאָגען זיך... ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אויפ'ן סוף, האָט זי איהם אוועקגעוואָרפען, ווי אַן אָפּגעטראָגען קלייד...

דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך צוריקגע־קעהרט קיין רוסלאַנד... זיין איינזאם פערגיפטעט לעבען, די קליינליכע זאָרגען, די ביטערע חרטה, דאָס ביטערעס פערגעסען זיך, די אונבעשטימטע, אָבער אונאונטערבראָכענע שטראָף, א שטראָף אַ שטענדיגע, אַן אונאויפהערליכע, ווי א כראָנישע קראַנקהייט, א שולד, וועלכע ער האָט בעצאָהלט קאָפּיקעס־ווייז, אָבער אין א משך פון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען...

דאָס בעכער איז איבערפילט — גענוג!

ווי אַזוי דאָס צלמ'ל, וואָס דזשעממאַ האָט איהם דאַן גע־געבען, איז גאַנץ געבליבען, ווארום האָט ער עס ניט צוריקגע־קעהרט איהר, ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירען, וואָס עס איז איהם ביז איצט אין די הענד ניט אריינגעפאַלען, — דאָס האָט ער איצט נאָך אַזוי פיעל יאָהרען ניט געקענט פערשטעהן, ווי ער האָט איבערהויפּט ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי האָט ער דעמאָלט געקענט פערלאָזען דזשעממאַ'ן, וועלכע ער האָט אַזוי צערטליך ליעב געהאַט פאַר אַ פרוי, וועלכע ער האָט, דאַכט זיך, אין גאַנצען לעבען ניט ליעב געהאַט...

אויף מאָרגען האָט ער איבעררַאַשט אַלע זיינע פריינד און בעקאַנטע: ער האָט זיי ערקלערט, אַז ער פאָהרט אוועק אין אויסלאַנד.

פיער און פיערציגסטער קאַפּיטעל.

סאַנין האָט געזאָגט זיינע פריינד, אַז ער פאָהרט אוועק אין אויסלאַנד. אָבער ער האָט זיי ניט געזאָגט, וואוהין. ער איז אוועקגעפאָהרען אין פראַנקפורט. אויפ'ן פיערטען טאָג איז ער שוין דאָרט געוועזן. דער אַלטער האָטעל „דער ווייסער

שוואן", איז נאָך געשטאַנען אויף זיין פריהערדיגען פּלאַץ. אָבער די גאַס וואו עס איז אמאָל געשטאַנען פרוי לעגאָרע'ס קאָנדי־טעריי, איז שוין מעהר אויף דער ווייסער וועלט ניט געווען. סאַנין האָט ארומגעוואנדערט ווי א פערריקטער איבער די פּלעצער, וואָס זיינען איהם א מאָל אזוי גוט בעקאַנט געווען, און האָט זיי ניט דערקענט: די פריעהריגע געביידעס זיינען פערשוואונדען. אָנשטאָט זיי זיינען איצט געשטאַנען גרויסע, הויכע הייזער און רייכע וויללעס; אפילו דער עפענטליכער גאָרטען, וואו עס איז אמאָל פאָרגעקומען זיין ליעבעס־ערקלערונג פאר דזשעממא'ן, האָט זיך אזוי צו־וואקסען און צו־וואָרפען, אז סאַנין האָט איהם גאָר ניט דערקענט.

וואָס האָט ער געקענט טהאָן? ווי אזוי האָט ער געקענט אויסגעפינען וועגען דזשעממא'ן?... דרייסיג יאָהר איז שוין פאָראיבער זייט יענער צייט... צו וועמען ער האָט זיך ניט גע־ווענדעט — קיינער האָט דעם נאָמען ראזעלי קיינמאָל ניט געהערט.

דער בעל הבית פון'ם האָטעל האָט איהם אַן עצה געגעבען, ער זאָל זיך נאָכפרעגען אין דער עפענטליכער ביבליאָטהעק.

א פערצוויפעלטער האָט סאַנין דאן גענומען זיך נאָכפרע־גען אויף הערר קלובער'ן. דיעזען נאָמען האָט דער בעל הבית פון'ם האָטעל גראד געקענט. הערר קלובער — האָט זיך סאַ־נין דערוואוסט — איז זעהר רייך געוואָרען, דאַן אָבער האָט ער באַנקראָטירט און איז געשטאָרבען אין געפענגניס. דיעזע נייעס האָט ביי סאַנין'ען קיין בעזונדערע טרויעריגקייט ניט ארויסגערופען. ער האָט שוין גענומען טראַכטען, אַז זיין רייזע איז געווען אריסגעוואָרפען, ערשט, בלעטערענדיג איינמאָל אין אַן אדרעס־בוך, האָט ער פּלוצלונג דערזעהן דעם נאָמען מאַיאָר דענהאָף. ער האָט גלייך גענומען א קאַרעטע און איז אוועק־געפאָהרען צו דענהאָף'ן.

סאַנין האָט געטראָפען דענהאָף'ן אויף זיין קוואַרטיר און האָט גלייך דערקענט אין דעם גרויען מאַן זיין אמאָליגען געגנער.

יענער האָט איהם אויך דערקענט און זיך געפרעהט מיט איהם: סאַנין האָט איהם דערמאָנט אָן זיין יוגענד און אָן זיינע שטי־פערייען. סאַנין האָט זיך דערוואוסט פון איהם, אז די פאַ־מיליע ראזעלי איז שוין לאַנג־לאַנג אין אמעריקא, אין ניו־יאָרק; אז דזשעממאַ האָט חתונה געהאַט פאַר א ביזנעס־מאַן; אז ער האָט א בעקאַנטען קויפמאַן, וואָס האָט פערבינדונגען מיט דזשעממאַ׳ס מאַן אין ניו־יאָרק.

סאַנין האָט איהם געבעטען, ער זאָל פאַר איהם דעם אדרעס קריגען, און דענהאָף האָט פאַר איהם די אדרעסע גע־קראָגען.

— לאָמיר האָפען — האָט דענהאָף אויסגעשריען — אז אונזער אמאָליגע שעהנהייט לעבט נאָך... אגב — האָט ער צו־געלייגט מיט א שטילערען קול — וואָס איז געוואָרען פון יענער רוסישער דאמע, וועלכע, איהר געדענקט, איז געוועזען אין וויס־באַדען — מאַדאַם פאָן בא... בא... פאָן באַלאזאָוו — זי לעבט נאָך?....

— ניין, — האָט סאַנין געענטפערט — זי איז שוין לאַנג געשטאָרבען.

דענהאָף האָט אויפגעהויבען די אויגען, נור, בעמערקט, אז סאַנין האָט זיך אָפּגעקעהרט און זיך אָנגעבלאָזען, האָט ער מעהר גאָר ניט געזאָגט און איז אוועק.

* * *

אין דעם זעלבען טאָג האָט סאַנין אַוועקגעשיקט א בריעף קיין ניו־יאָרק צו דזשעממאַ׳ן.

אין דיעזען בריעף האָט ער איהר דערצעהלט, אז ער שרייבט צו איהר פון פראַנקפורט, וואוהין ער איז געקומען עקסטרא, אויפצוזוכען זי; אז ער ווייסט גאַנץ גוט, דאָס ער האָט ניט קיין רעכט צו ערוואַרטען איהר ענטפער; אז ער האָט ניט פערדיענט, אז זי זאָל איהם שיינקען וועלכע ניט איז אויפ־מערקזאַמקייט און האָפּט, אז אין איהר גליקליכען לעבען האָט זי שוין לאַנג פערגעסען, אז ער האָט א מאָל גאָר אין גאַנצען

עקזיסטירט, ער האָט נאָר צוגעלייגט, אַז ער האָט בעשלאָסען איר צו דערמאָנען וועגען זיך, ווייל צופעליג האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן א זאַך, וואָס האָט איהם דערמאָנט אָן דעם פריי־הערדיגען לעבען; האָט איהר דערצעהלט וועגען זיין עלענדען לעבען, אָהן פריידען און אָהן א פאַמיליע; האָט זיך געבעטען ביי איהר, זי זאָל איהם פערשטעהן און זאָל איהם ניט לאָזען מיט זיך מיטנעהמען אין זיין קבר דעם בעוואוסטזיין פון זיין שענדליכער האנדלונג געגען איהר, פאר וועלכע ער האָט פיעל יאָהרען געצאָהלט מיט דעם בלוט פון זיין הארצען.

— כאָטש מיט איין וואָרט לאָזט מיר וויסען וועגען זיך — האָט ער צו איהר געשריבען — איהר וועט טהאָן א זאַך, וואָס זאָל ווערטה זיין אייער עדעלע זעעלע, און ביז מיין לעצטען אטהעם צוג וועל איך אייך דערפאר דאנקען...

ער האָט אוועקגעשיקט דעם בריעף און גענומען ווארטען אויף איהר ענטפער.

זעקס וואָכען האָט ער געווארט און האָט אלץ געטראכט: וועט זי ענטפערען, צי ניין?

אויפ'ן סוף האָט ער ערהאלטען א בריעף פון ניו־יאָרק. די האנדשריפט אין ענגליש האָט ער ניט דערקענט, און דאָס הארץ האָט איהם פערקוועטשט. ער האָט געעפענט דעם בריעף, א קוק געטהאָן אויפ'ן אונטערשריפט — ערשט דזשעממא!.. טרעהרען האָבען זיך א גאָס געטהאָן פון זיינע אויגען. אין דעם וואָס זי האָט אונטערגעשריבען איהר נאָמען אָהן איהר מאַן'ס פאַמיליע, האָט ער געזעהען א צייכען פון איהר פערגעבונג! ער האָט פונאנדערגעוויקעלט א דינעם בויגען בלויען פאַפּיער, און האָט דערזעהן א פאָטאָגראַפישעס בילד, און ער איז געבליבען שטעהן פערשטיינערט: דזשעממא, די לעבעדיגע דזשעממא, וועלכע ער האָט געקענט מיט דרייסיג יאהר צוריק! די זעלבע אויגען, די זעלבע ליפּען, דאָס זעלבע געזיכט אין גאנצען! אויף דער צווייטער זייט פון'ם בילד האָט ער איבערגעלעזען: „מיין טאָכטער מעררי"...

דער גאנצער בריעף איז געווען זעהר פריינדליך און איינ־פאך. זי האט איהם געדאנקט דערפאר, וואס ער האט זיך גע־ווענדעט צו איהר; האט ניט געלייקענט פאר איהם, אז נאך זיין אנטלויפען האט זי ווירקליך פיעל געליטען, אבער דאך האלט זי נאך ביז איצט זיין בעגעגענים מיט איהר פאר א גליקליכע, ווייל נור דאס האט זי צו פערדאנקען, וואס זי איז ניט געווארען קלובער'ס פרוי. מיט איהר מאן, מיט וועלכען זי איז שוין פערהייראט זייט אכט און צוואנציג יאהר, לעבט זי זיך זעהר גליקליך. זי האט פינף קינדער מיט איהם, פיער זיהן און איין טאכטער, אן אכצעהן יעהריגע מיידעל, וועלכע איז איצט א כלה, און וואס איהר פאטאגראפיע שיקט זי צו איהם, ווייל אלע זאגען, אז זי איז עהנליך צו איהר מוטער. און געענדיגט האט דושעממא דעם בריעף מיט די טרויעריגע נייעס, אז איהר מו־טער איז געשטארבען אין ניו־יארק; אז פאנטאלעאן האט זיך אויך געקליבען נאך ניו־יארק, נור פאר'ן ארויספאהרען איז ער געשטארבען אין פראנקפורט און אז עמיל איז געפאלען אין סי־ציליען, קעמפפענדיג אונטער גאריבאלדי'ן פאר איטאליען'ס פרייהייט. דאן האט זי געוואונשען סאנין'ען רוה און גליק און האט אויסגעדריקט איהר בעדויערען, וואס זיין לעבען איז ניט אזוי גליקליך, ווי איהרער...

מיר נעהמען ניט אויף זיך צו בעשרייבען סאנין'ס געפיה־לען, בעת ער האט איבערגעלעזען דעם דאזיגען בריעף. פאר אזוינע געפיהלען זיינען ניטא קיין ווערטער: זיי זיינען טיעפער און שטארקער ווי דאס שטארקסטעווארט. די מוזיק נור אליין וואלט אזוינע געפיהלען געקענט אויסדריקען.

סאנין האט גלייך געענטפערט אויף איהר בריעף און אלס פרעזענט צו דער כלה מעררי האט ער אוועקגעשיקט דעם צלם'ל, אויסזעצענדיג איהם מיט פעריל און עדעלשטיינער. און שפע־טער האט מען גערעדט, אז ער קלייבט זיך אויך נאך אמעריקא...

ע נ ד ע.

נייע אידישע מוזיק

— פיר —

פיאנא אונד וויאלין.

דער אידישער טרויער מארטש

נאך דיא הרוגים פון קישיניעוו אראנזשירט פון פערלמוטער אונד וואהל, פרייז פיר פיאנא אדער וויאלין 20 סענט.

חתן כלה

אראנזשירט פיר פיאנא אין 6 בויגען:

1טער בויגען: דיא בייטש,

2טער בויגען: א תענוג ביי אידען,

3טער בויגען: אז גאטט וויל שיסט א בעזים,

4טער בייגען: דיא זיסע האפנונג,

5טער בויגען: ענינו ביום צרותינו,

6טער בויגען: דאס בייגעלע,

פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט.

אללע 6 בויגען צוזאממען 90 סענט.

דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען 20 סענט.

צו בעקומען בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street, New York.

שטילע חתונה

אראנזשירט פיר פיאנא פון פערלמוטער און וואהל
אין 3 בויגען

1טער בויגען: די אמת'ע אידישע הארץ,
2טער בויגען: טאקי דאס,
3טער בויגען: אונד שוין,

פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט,
אללע 3 בויגען צוזאממען 50 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען 20 סענט.

שטעה אויף מיין פאלק

פון גאלדפאדענס בעריהמטע פיעסע

ני־בע־ני־מע

אראנזשירט פיר פיאנא פון רומשינסקי

פרייז 20 סענט.

צו בעקומען בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85 Canal Street, New York.

מלכה שבא

ארראנזשירט פיר פיאנא אין 5 בויגען

1טער בויגען: שלאף באללעט,

2טער בויגען: מארטש פון מלכה שבא,

3טער בויגען: שלמה המלך'ס צואה,

4טער בויגען: גוטער ברודער ניט געהאפט,

5טער בויגען: מען וועט קיין זאך ניט מיט געבען אין קבר.

פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט,

אללע 5 בויגען: צוזאממען 75 סענט.

דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען 20 סענט.

שבת האלטען

פון ש. שמולעוויטץ

אראנזשירט פיר פיאנא אונד וויאלין

ביי א. רוסאטטא אין 1 בויגען

פרייז 20 סענט.

צו בעקומען בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street, New York.

כל נדרי

ניי אראנזשירט פון א. רוסאטטא
פיר פיאנא אונד וויאלין מיט דיא ווערטער
פרייז פיר פיאנא אדער וויאלין 20 סענט.

דער ישיבה בחור

אראנזשירט פיר פיאנא אין 2 בויגען
1טער בויגען: דער קדיש, 2טער בויגען: אל מלא רחמים,
פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט,
ביידע בויגען צוזאממען 30 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען 20 סענט.

מאן אונד ווייב

אראנזשירט פיר פיאנא אין 4 בויגען
1טער בויגען: פעטער מלך,
2טער בויגען: אי לו לו און מלך און מלכה,
3טער בויגען: מאן און ווייב,
4טער בויגען: מאטע מאמע מזל טוב,
פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט.
אללע 4 בויגען צוזאממען 60 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען 20 סענט.

צו בעקומען בייא דיא
HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85 Canal Street, New York.